ע. בֶּעלַאמִי.

# אין הונדערט יאהר ארום.

איבֶּערְזֶעצְט

דורך

דָוִד דְרוּק.

Юрьевская Еврейская
библіотека имени
Д-ра Я. А. Эйгеса
№ 1138

תרס"ו. — 1906

ИБЕРЪ ГУНДЕРТЪ ЮРЪ т. е. черезъ сто лѣтъ

Соч. Э. Беллами, переводъ Д. ДРУКА.

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1942:2119

Дозволено Цензурою
Варшава, 10-го Мая 1905 года.

Ч-XIV A
21060

Типографія И. Эдельштейна и Ко. Варшава, Налевки 38.

עדוארד בעללאמי

# אין הונדערט יאהר ארום.

איבערזעצט דורך

## דוד דרוק.

פאררעדע פון אויטאר.

היסטארישע אבטיילונג אין שאאומעטישען ליצעאום.
באסטאן, 26־טען דעצעמבער. 2000־טען יאהר.

מיר לעבען אין לעצטען יאהר פונ'ם צוואנציגסטען יאהר־הונדערט און געניסען פון א געזעלשאפטליכער ארדנונג, וועלכע איז אזוי פראסט און לאגיש, אז מען קאן זי רעכנען פאר'ן גרעסטען נצחון פון געזונדען פערשטאנד. דעריבער איז אונז שווער צו גלויבען, אז די איצטיגע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציע איז אינ־גאנצען אלט קוים הונדערט יאהר. און דאך איז אין דער געשיכטע פעסטגעשטעלט דער פאקט, דאס כמעט ביז'ן סוף פון נייןצעהנטען יאהר־הונדערט האט נאך עקזיסטירט די אלגעמיינע איבערצייגונג, דאס דער אמאליגער סדר אין ארבייט און מסחר, מיט אלע זיינע חסרונות און אונגערעכטיגקייטען, וועט זיך אזוי ציהען, — אפשר מיט איניגע פערבעסערונגען, — ווי לאנג די וועלט וועט שטעהן. דעריבער קומט־פאר מערקווירדיג און כמעט אונגלויבליך, אז אזא וואונדערבארע מאראלישע און מאטעריעלע איבערקעהרונג איז געשעהען אין אזא קורצער צייט. דער פאקט

אין דער בעסטער בעוויין, ווי גרינג און גיך מענשען געוואויהנען זיך צו פערבעסערונגען אין זייער לאגע, פונקט ווי עס דארף אזוי זיין, חאטש מען האט פריהער די איצטיגע רעפארמען פון לעבען בעטראכט פאר איבריג און פאר אונמעגליך אויס-צו-פיהרען. נאטירליך קאן אזא ערשיינונג אבקיהלען די התלהבות פון יענע רעפארמיסטען, וואס האפען אויף אייביגע דאנק-בארקייט פון די נאכקומענדע דורות.

די מענשען, וואס ווילען גענוי זיך בעקענען מיט'ן אונטער-שיעד צווישען געזעלשאפטליכען לעבען פון 19-טען און 20-טען יאהר-הונדערט און האבען אבער קיין חשק ניט צו טרוקענע היסטארישע ערקלערונגען, וועט זיי דאס בוך זעהר פיעל בעהילפיג זיין. איך, אלס לעהרער, ווייס גאנץ גוט, אז וויסענשאפטליכע ערקלערונגען מאטערן-איין דעם לעזער, און האב דעריבער דיזעס ווערק, אום עס זאל לייכט זיין פאר אלעמען דאס צו פערשטעהן, געשריבען אין דער פארם פון א ראמאן, וועלכער קאן איבערהויפט דעם לעזער פעראינטערעסירען.

דער, וואס לעזט דאס בוך איצט, דאס הייסט, אם ענדע פון צוואנציגסטען יאהר הונדערט, נאך דעם ווי ער איז שוין צו דעם איצטיגען געזעלשאפטליכען סדר צוגעוואויהנט, דארף ניט פערגעסען, אז דאס בוך איז געשריבען געווארען צו-ליעב דאקטאר ליט'ס גאסט, וועלכער קען נאר דעם אלטען סדר און זוייסט נאך ניט פון די אלע איצטיגע נייע רעפארמען, דעריבער דארף דעם לעזער קיין וואונדער ניט זיין, וואס דער פערפאסער ברענגט אין דעם בוך אזוי פיעל ערקלערונגען, וועלכע זענען איצט איטליכען שוין לאנג קלאר און דייטליך אהן איהם אויך.

נאך א ווארט. כמעט אלע שריפטשטעלער און רעדנער, וואס האבען בעזינגען די צוויי טוזענד-יעהריגע עפאכע, האבען געשריבען און גערעדט נאר וועגען דער צוקונפט, וועגען דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג און אויסבעסערונג אין מענשליכען געזעלשאפטליכען לעבען, אבער קיינער פון זיי האט זיך ניט אבגעשטעלט צו בעטראכטען די וויכטיגע רעפארמען און אויס-בעסערונגען, וואס די מענשהייט האט שוין ביז אהער דורכגעמאכט.

אַ־ודאי דאַרף דער מענש טראַכטען וועגען דער צוקונפט מעהר, אַלס וועגען דער פערגאַנגענהייט, נאָר מיר דאַכט, אַז דעם פעסטעסטען גרונד אויף גוטע האָפנונגען פאַר די מענשהייט און איהרע ווייטערע ענטוויקלונג וועט אונז געבען איין בליק צוריק, אויף די פאָרשריטע פון פערגאַנגענעם יאָהר־הונדערט.

אין דער האָפנונג, אַז די געעהרטע לעזער וועלען ענטשולדיגען, וואָס מאַנכע געדאַנקען אין דעם בוך וועלען פאַר זיי אָפּשר נישט גענוג ערקלערט בלייבען, טרעט דער פערפאַסער אָב אין אַ זייט און לאָזט רעדען דעם העלד פון דעם ראָמאַן, יוליאַן וועסט, פאַר זיך אַליין.

# I.

איך בין געבוירען אין באסטאן, אין 1857־טען יאהר, דעם 26־טען דעצעמבער. געוויס וועט איהר מיינען, אז איך האב א טעות: ניט אין יאהר 1857 בין איך געבוירען, נאר אין 1957. איך קאן אייך אבער, געעהרטער לעזער, פערזיכערן, אז איך האב קיין טעות ניט, ווי איהר וועט באלד אליין איינזעהען. אויך דארפט איהר ניט נתפעל ווערן, אז חאטש איך בין געבוירען געווארען אין יאהר 1857 און שרייב דאס בוך אין לעצטען יאהר פון צוואנציגסטען יאהר הונדערט, פונדעסטוועגען בין איך אין גרונד נאך גאר א יונגער־מאן, ניט עלטער אלס דרייסיג יאהר. ווי אזוי איז עס מעגליך? — וועט איהר פרעגען. לעזט, זייט מוחל, די ווייטערע בלעטלעך און איבערצייגט אייך, אז עס קאן אזוינס אויך מעגליך זיין.

ווי אלע ווייסען, איז אין ענדע פון 19־טען יאהרהונדערט קיין ציוויליזאציע אין איהר איצטיגער פארם נאך ניט געוועזען, חאטש די עלעמענטען (יסודות), פון וועלכע זי האט זיך ענט־וויקעלט, האבען שוין אין דער געזעלשאפט זיך ארום־געטראגען, און גערעדט וועגען אזא ציוויליזאציע האט מען שוין דעמאלט אויך זעהר פיעל. דער אונטערשיעד צווישען פערשיעדענע שטאנ־דען, צווישען רייך אונ ארעם, געבילדעטע און אונוויסענדע איז צו יענער צייט געוועזען פיעל גרעסער, אלס דער אונטערשיעד איצט צווישען נאציאנען. איך זעלבסט בין געוועזען רייך און געבילדעט. עס פערשטעהט זיך, אלזא, אז איך האב געקאנט געניסען פון אלע תענוגים, וואס זענען געוועזען אין יענער צייט. געלעבט האב איך אין לוקסוס און האב שטענדיג געשטרעבט מיט לייב און לעבען צו אלע פערגעניגען פון דער וועלט. בעקומענדיג לעבענס־מיטלען פון פרעמדער ארבייט, האב איך,

פון מײַן זײַט, נישט געטהון קײן פינגער אין קאַלט וואַסער און האָב פאַר'ן כּלל קײנמאָל נישט געזאָרגט. מײַנע עלטערן און אורעלטערן האָבען אויך געלעבט אַזוי ווי איך, און איך האָב געמײנט, אַז אויך מײַנע קינדער און אײניקלעך װעלען אַזוי גרינג און פערגניגט לעבען, ווי איך אַלײן.

איהר וועט אַ־וַדאי פרעגען — ווי אַזוי האָב איך געקאָנט פערברענגען די צײַט אין אַזאַ פוילקײַט, און ווי אַזוי האָבען עס די אַרומיגע דערלאָזען? — מוז איך אײך ערקלערען, אַז נאָר איצט געשיקט זיך אַזוינס ניט, אַמאָל איז עס גאַנץ נאַטירליך געװעזען. מײַנעם אַ עלטער־זײַדען האָט זיך אײַנגעגעבען אַמאָל אָנצוזאַמלען אביסעל מזומן געלד. דאָס קאַפּיטאַל זײַנס האָט ער איבערגעלאָזען נאָך זײַן טויט פאַר זײַנע קינדער, זײַנע קינדער האָבען עס איבערגעלאָזען פאַר זײערע קינדער, ביז דאָס קאַפּיטאַל איז אָנגעקומען צו מיר. וועט איהר דאָך אַ־וַדאי מײנען, אַז די ערשטע סומע געלד האָט געמוזט זײַן אַ גרויסע, האָט איהר אַ טעות: אין אָנהויב איז דאָס געלד דוקא ניט פיעל געװעזען, אי, וועט איהר פרעגען: ווי אַזוי האָבען מיט אַ אײנמאָל אָנגעקליבען ביסעל געלד געקאָנט דורכלעבען אין וואוילטאָג פיעל פאַמיליען פון עטליכע גרויסע דורות נאָכאײנאַנד? איז דער תּירוץ, דאָס די קונסט איז בעשטאַנען דערין, דאָס מיט דעם קאַפּיטאַל האָט מען אין יענע צײַטען געקאָנט אויס־פיהרען, אַז אַנדערע זאָלען מיט איהם אַרבײַטען, און זײַנע בעלי בּתּים זאָלען די פּרוכט פון דער אַרבײַט געניסען, און וואָס מעהר מענשען און וואָס לענגער מען האָט מיט דעם קאַפּיטאַל געאַרבײַט, אַלץ גרעסער איז דאָס קאַפּיטאַל געוואָרען און אַלץ רײַכער האָבען זײַנע בעלי בּתּים געקאָנט לעבען. עס האָט געהײסען, אַז דער מענש, וועלכען דאָס האָט זיך אײנגעגעבען, לעבט אויף דער הכנסה פון זײַן קאַפּיטאַל, און דערצו האָבען אַלע געשטרעבט.

עס וואָלט לאַנג דויערן דאָ צו ערקלערען, ווי אַזוי די אַלטע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג האָט דאָס געקאָנט מאַכען; איך וויל נאָר בעמערקען, אַז די ציגזען פון אַ קאַפּיטאַל זענען געװעזען עפּעס ווי אַ מין אָבצאָהלונג, וואָס די קאַפּיטאַליסטען האָבען

גענומען פון דער פּראָדוקציע, וועלכע די אַרבּייטער האָבּען געשאַפען. מיינט ניט, פון דעסטוועגען, אַז אַזאַ איינריכטונג, וועלכע איז אוננאַטירליך און נאַריש נאָך אונזערע היינטיגע בעגריפען, איז ניט קריטיקירט געוואָרען דורך אונזערע זיידעס אים געגענטייל, די געזעצגעבער האָבען פון שטענדיג־אָן געשטרעבט די פּראָצענטען אָבּ־צו־שאַפען אָדער וועניגסטענס זיי צו פערקלענערן. עס האָט אָבער קיין זאַך נישט געהאָלפען, און אַם ענדע פון 19־טען יאָהר־הונדערט האָט די רעגירונג אינגאַנצען אוועק־געלעגט דיזע פראַגע אין אַ זייט.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז די היינטיגע מענשען וועלען דאָס אַלעס רעכנען פאַר אונמעגליך, ווייל איך דעריבער ברענגען צוויי אינטערעסאַנטע פאַקטען, וואָס קאָנען עס אַביסעל ערקלערען.

קודם כל מוז איך איך בעמערקען, אַז דעמאָלט זענען אַלע געוועזען איבערצייגט, אַז די געזעלשאַפט קאָן עקזיסטירען נאָר אויף דעם אופן. אַז אַ טייל פון איהרע מיטגלידער זאָלען שלעפען דעם וואָגען, און דער צווייטער טייל זאָל זיך רוהיג זיצען אויפ׳ן וואָגען. אויסערדעם, האָבען אַלע געגלויבט, אַז מען קאָן ניט פערבעסערן נישט דאָס געשפּאַן, ניט דעם וואָגען, ניט דעם וועג גופא, אויך איז אונמעגליך די אַרבייט בעסער איינצוטיילען. די געזעלשאַפט האָט געמיינט, אַז אַזוי איז שטענדיג געוועזען און אַזוי מוז עס שוין בלייבען, און חאָטש עס איז זעהר נישט גוט. איז אָבער דערצו קיין מיטעל ניטאָ, — זאָגאַר די פילאָזאָפיע האָט ניט ערלויבט צו קלערען וועגען דעם, וואָס עס איז אונמעגליך צו פערבעסערן. דער צווייטער פאַקט איז נאָך אינטערעסאַנטער. יענע, וואָס זענען געפאָהרען אין וואָגען, האָבען זיך איינגעבילדעט, אַז די אַלע אָרומיגע זענען מענשען פון גאָר אַנ׳אַנדער מין: זיי האָבען געמיינט, אַז זייערע אונגליקליכע ברידער, וואָס ציהען די שטריק, זענען געמאַכט געוואָרען פון אַנ׳אַנדער מאַטעריאַל, און זיך האָבען זיי גערעכענט פאַר העכערע און בעסערע בעשעפעניש׳ען. דאָס קלינגט אונגלויבליך, אָבער אַזוי ווי איך אַליין בין אויך אַמאָל געפאָהרען אויפ׳ן וואָגען און האָב זיך

אַרומגעטראָגען מיט דער זעלבער איינבילדונג — מעג מען מיר גלויבען אויפ'ן וואָרט.

אום דער לעזער זאָל בעקומען אַ שטיקעל בעגריף וועגען דעם, ווי מען האָט אין יענע צייטען געלעבט, און בעזונדערס וואָס פאַר אַשייכות עס איז געווען צווישען די רייכע און אָרעמע, וועל איך פערגלייכען די דעמאָלטיגע געזעלשאַפט צו אַ גרויסען וואָגען, אין וועלכען עס זענען געווען איינגעשפּאַנט מענשען, וואָס האָבען איהם געמוזט שלעפּען איבער אַ בערגיגען און זאַמדיגען וועג.

אָנגעטריעבען האָט דער הונגער, וועלכער האָט ניט געלאָזט אַפילו אָבצוּשטעהען, דאָך איז דער וואָגען געגאַנגען גאַנץ לאַנג־זאַם. ניט קוקענדיג אויף די שווערקייט צו שלעפּען דעם וואָגען איבער אַזאַ שלעכטען וועג, זענען אין וואָגען געזעסען פיעל פּאַסאַזשירען, וועלכע האָבען בשום אופן ניט געוואָלט פון דאָרטען אַראָבגעהן, אַפילו ווען עס איז אויסגעקומען צושלעפּען באַרג־אַרויף. די פּלעצער אין דער הויך זענען געווען זעהר בעקוועם; זייענדיג פערזיכערט פון שטויב, האָבען די פּאַסאַזשירען געהאַט די מעגליכקייט צו קלייבען פערגעניגען פון די שענע נאַטורביל־דער אָדער צו שאַצען דעם ווערטה פון די פערמאַטערטע איינגעשפּאַנטע. עס פערשטעהט זיך, אַז אויף אַזעלכע פּלעצער זענען געווען אַסך בעלנים, און יעדערער האָט זיך בעמיהט מיט אַלע כחות צו בעקומען אַזאַ פּלאַץ און איהם לאָזען בירושה פאַר זיינע קינדער. לויט דעמאָלטיגער אָרדנונג, האָט יעדערער געקאָנט איבערגעבען זיין פּלאַץ וועמען ער האָט געוואָלט; ווידער צוריק, איז לייכט געווען אַזאַ אָרט צו פערליערען. ווי גוט און בעקוועם די פּלעצער זענען געווען, אַזוי זענען זיי אויך געווען אונזיכער, און ביי יעדען פּלעצליכען שטויס פון וואָגען פלעגען אייניגע פּאַסאַזשירען אַראָבפאַלען אויף די ערד און האָבען גלייך געמוזט נעהמען די שטריק צו העלפען שלעפּען דעם זעלבען וואָגען, וואו זיי זענען ניט לאַנג מיט אַזאַ ברייטקייט געזעסען. זעלבסט־פערשטענדליך, אַז פערליערען דעם אָרט האָט זיך גערעכענט פאַר אַ גרויס אונגליק, און די מורא דערפאַר האָט אַביסעל

פערשטערט דאָס פערגעניגען פון יענע לײַט, וואָס זענען אין וואָגען געפאָהרען.

— האָבען דען די דאָזיגע גליקליכע, — וועט איהר פרעגען, — געטראַכט נאָר וועגען זיך אַליין? איז דען זייער לוקסוס ניט געוואָרען פאַר זיי אונערטרעגליך איבער'ן פינסטערן מזל פון זייערע ברידער און שוועסטער, וואָס זענען געווען איינגעשפּאַנט אין וואָגען און האָבען נאָך געמוזט שלעפּען זיי אַליין אויך? האָבען זיי דען קיין מיטלייד ניט געהאַט מיט די בעשע־פעניששען, וואָס האָבען זיך אונטערשיידעט פון זיי נאָר מיט זייער ביטערן שלים'מזל? נאַטירליך האָבען זיי ניט איינמאָל די פּאַסאַ־זשירען, וואָס האָבען דורך אַ גליקליכען צופאַל בעקומען אַנ'אָרט אויפ'ן וואָגען, אַרויס־געוויזען מיטלייד צו די, וואָס האָבען זיי געשלעפּט, איבערהויפּט ווען עס איז זיי אויסגעקומען צו פאָהרען אויף אַשלעכטען וועג אָדער שלעפּען בארג־אַרויף. די פערצוויי־פעלטע געשרייען פון די וואָגען־שלעפּער, זייער שפּרינגען און אָנשטרענגונג אונטער די אונערבאַרמליכע קלעפּ פון הונגער (נישט זעלטען פלעגען אַזעלכע אונגליקליכע אַניעדער פאַלען אַרום די שטריק און דאָרטען גופא צעטראָטען ווערן אין בלאָטע) — דאָס אַלעס פלעגט פאָרשטעלען אַזאַ שוידערהאַפטעס בילד, וואָס האָט מאַנכע מאָל אַרויסגערופען אַ געפיהל פון מיטלייד ביי די יחסנים אין וואָגען. אין אַזאַ פאַל פלעגען די פּאַסאַזשירען איינרעדען די איינגעשפּאַנטע, זיי זאָלען געדולד האָבען, וואַרטענדיג אויף עולם הבא. אַנדערע האָבען פערשפּראָכען צו געבען די פער־וואונדעטע אויף זאַלב און פלאַסטער פאַר זייערע וואונדען; מיט איין וואָרט, עס האָט אַרויסגערופען אַנ'אַלגעמיינע בעדויערונג, אויך פלעגט ווערן אַ שמחה, ווען עס האָט ענדליך זיך איינגעגעבען מיט מזל אַריבער־צופאָהרען די שלעכטע ערטער. נאָר אַפילו די שמחה איז ניט געוועזען צו־ליעב די אַליין, וואָס האָבען געצויגען די שטריק, נאָר אויך צוליעב די פּאַסאַזשירען זעלבסט, דען ווען דער וואָגען קערט זיך חלילה איבער, פערליערען די מיוחסים זייערע פלעצער. מען דאַרף צוגעבען על פי אמת, אַז, קוקענדיג אויפ'ן עלענד פון די איינגעשפּאַנטע, האָבען די פּאַסאַזשירען נאָך

מעהר פערשטאנען צו שעצען דעם ווערטה פון זייערע בעקוועמע פלעצער און צו האלטען זיך אן זיי ווי מעגליך שטארקער. ווען די פאסאזשירען וואלטען געווען בעזיכערט, אז ניט זיי, ניט זייערע פריינד וועלען פון אויבען קיינמאל ניט אראבפאלען, קאן גרייליך זיין, אז זיי וואלטען, אויסער צו געבען די אונגליקליכע זאלבען און פלאסטער, זיך גאנץ וועניג געקימערט אין דער צייט פון אנ׳אונגליק. איבערהויפט איז מערקווירדיג דאס, אז די, וואס האבען ערשט ניט לאנג ארויפגעקלעטערט אויפ׳ן וואגען, נאך איידער עס האבען זיך פערהיילט די צייכענס פון די שטריק אויף זייערע הענד, האבען זיך באלד טאקי איינגעבילדעט, אז זיי זענען מענשען פון א העכערן מין. די, וויעדער, וואס האבען בעקומען פון זייערע מזל׳דיגע עלטערן די הויכע פלעצער בירושה זענען דערין געווען טיעף איבערצייגט. אזא איינבילדונג האט געבראכט דערצו, אז מען האט וועניגער רחמנות געהאט און מיטגעפיהלט דעם עלענד פון די מאסען. דאס איז דאס איינציגע, וואס קאן פיעל-וועניג ערקלערען און ענטשולדיגען די גלייכגילטיגקייט, וועלכע איך זעלבסט האב ארויסגעוויזען צו׳ם עלענד פון מיינע אונגליקליכע ברידער.

אין 1887 בין איך אלט געווארען דרייסיג יאהר. איך בין נאך געוועזען אונפערהייראטעט, נאר א כלה האב איך שוין געהאט; גערופען האט מען זי יהודית בארטלעט. זי האט אויך פערנומען א פלאץ אין דער הויך, אויפ׳ן וואגען, ד. ה. זי איז געוועזען אזוי רייך, ווי איך. אין יענע צייטען, ווען געלד אליין האט געוועלטיגט איבער דאס שענסטע און בעסטע, איז א מיידעל נאר געווען רייך, האט זי שוין געהאט אסך פערעהרער. יהודית איז נאך דערצו געוועזען שען און גראציעז. די לעזערינען וועלען דערויף זאגען, אז שען האט מיין כלה געקאנט זיין, אבער נישט גראציעז, ווייל די אנקליידונג פון יענער צייט איז געוועזען זעהר העסליך. אביסעל איז די בעמערקונג ריכטיג. אונזער חתונה איז אבגעלעגט געווארען, ווייל דאס הויז, וואס איך האב געבויט אין דעם רייכסטען טייל פון שטאדט, איז נאך ניט פארטיג געוועזען. ביי׳ם אויסקלייבען אנ׳ארט פאר א וואהנונג, האט מען נישט

געקוקט אויף א שענערע, געזונדערע, נאטורר־ייכע געגענד, מען האט געשטרעבט צו וואהנען צווישען אייגענע מענשען. יעדער שטאנד האט זיך געוואהנט גאנץ בעזונדער; א גביר, וואס האט געוואהנט צווישען ארעמע לייט, א געבילדעטער — צווישען אונוויסענדרע האבען זיך געפיהלט זעהר שלעכט. איך האב גערעכענט, אז ווינטער 1886 יאהר וועט דאס הויז פארטיג ווערן. עס איז אבער אום פריהלינג פון קינפטיגען יאהר נאך אויך ניט פארטיג געווארען, און צו־ליעב דעם האט מען אבגעלעגט מיין חתונה. די אורזאך דערפון זענען געוועזען די פיעלע שטרייקען פון די שטיין־האקער, טישלער, מאלער א. ד. ג., וואס האבען אויסגעבראכען אין יענער צייט. וואס האט ארויסגערופען די שטרייקען גופא, געדענק איך איצט ניט. אין יענער צייט זענען די שטרייקען אזוי אפט פארגעקומען, אז מען האט שוין כמעט אויפגעהערט צו אינטערעסירען זיך מיט זיי. זייט דעם גרויסען אינדוסטריעלען קריזיס פון 1873 יאהר, האבען די שטרייקען כמעט ניט אויפגעהערט אין פערשיעדענע אינדוסטריעלע בעצירקען.

דער לעזער, וועלכער בעטראכט כסדר די אלע פאסירונגען, וועט נאטירליך אנערקענען אין די אלע אינדוסטריעלע אונרוהען דעם ערשטען, אונזיכערן טריט פון דער גרויסער בעוועגונג, וואס האט איינגעפיהרט די געזעלשאפטליכע ארדנונג לויט דעם איצטיגען אינדוסטריעלען סיסטעם. דאס איז אזוי קלאר און פערשטענדליך, קוקענדיג אויף די פערגאנגענהייט, אז אפילו א קינד קאן עס פערשטעהן, נאר מיר, ניט זייענדיג קיין נביאים, האבען דעמאלט נאך קיין ריכטיגען בעגריף ניט געהאט, וואס דערפון קאן ארויסקומען. מיר האבען נאר פערשטאנען, אז די לאגע פון דער אינדוסטריע אין אונזער לאנד איז זעהר א שלעכטע. די פערהעלטניסע צווישען ארבייטער און אונטערנעהמער, צווישען ארבייט און קאפיטאל זענען געוועזען נייעס נאטירליך. די ארבייטער־קלאסען זענען כמעט פלוצלונג און איבעראל געווארען אונצופרידען פון זייער לאגע און זענען געקומען צו'ם געדאנק, אז זי קאן פערבעסערט ווערן, ווען מען וואלט זיך נאר נעהמען פאר די ארבייט מיט פערשטאנד

איינשטימיג האבען זיי איבערהויפט האבען געפאָדערט אַר־בייטסלויהן, א קירצערן אַרבייטסטאָג, בעסערע וואָהנונגען, בילדונג און א גלייכען חלק אין אַלע לעבענס־בעקוועמליכקייטען; מען האָט אָבער געהערט פאר אונמעגליך צו ערפילען די אַלע פאָדערונגען, זוי לאַנג די געזעלשאַפט וועט ניט ווערן רייכער, אַלס זי איז איבערהויפט געוועזען ביז איצט. אָביזואָהל די אַרבייטער האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס זיי פעהלט, זיי האָבען אָבער ניט פערשטאַנען, ווי אַזוי זייער לאַגע צו פערבעסערן, און האָבען מיט גרויסער התלהבות זיך געזאַמעלט ארום זייערע אַנפיהרער, וועלכע האָבען אין דער ווירקליכקייט נישט אַלע געטויגט דערצו. ווי נאַריש עס האָבען אונז ניט אויסגעזעהן די שטרעבונגען פון די אַרבייטער, נאָר זייער איבערגעבענהייט איינער צו'ם צווייטען בעת די שטרייקען, וועלכע זענען געוועזען זייער הויפטגעוועהר, און די אונצעהליגע קרבנות, וואָס זיי האָבען צוליעב דעם צוועק געבראַכט, האָבען ניט ערלויבט צו צווייפלען אין זייער ענטשלאָ־סענהייט. די מיינונגען פון מיין קלאַסע איבער דער אַרבייטערפראַגע זענען געוועזען פערשיעדען. היציגע קעפּ האָבען בעהויפטעט, אַז עס איז אונמעגליך די אַרבייטערס האָפנונגען זאָלען מקוים ווערן, ווייל עס זענען קיין מיטלען ניט געוועזען זיי צו בעפרידיגען. דאָס מענשליכע געשלעכט (מין האנושי) קאָן עקזיסטירען, נאָך זייער מיינונג, נאָר מיט דעם בעדינג, די מאַסען זאָלען אַ סך אַרבייטען און פערקלענערן אַביסעל די הוצאות. אַלזאָ האָט מען קיין בעדייטענדע פערבעסערונג אין זייער לאַגע ניט געקאָנט ער־וואַרטען, ווי לאַנג דאָס מענשליכע געשלעכט וועט זיין אָרעם. אויך די קעלטערע מענשען האָבען זיי געגעבען רעכט. די האָפנונגען פון דער אַרבייטערקלאַסע האָבען אַלזאָ ניט געקאָנט מקוים ווערן איבער נאַטירליכע אורזאַכען, מען האָט אָבער פערשטאַנען, אַז די אַרבייטער וועלען עס ניט פערשטעהן, אייד ער זיי וועלען ניט מאַכען אין דער געזעלשאַפט קיין גרויסע אונרוהען, ווייל זיי האָבען געהאַט די מעגליכקייט עס צו טהון, בעגייסטערט דורך זייערע אַנפיהרער. איינינגע פעסימיסטען האָבען פאָרגעזאָגט, אַז אין גיכען וועט ווערן אַנ'אַלגעמיינע סאָציאַלע פערדרעהעניש

און פערמישעניש פון אַלע שטאַנדען (סאָסלאָוויעס). די מענשהייט, נאָך זייער מיינונג, דערגרייכענדיג די העכסטע שטופע פון דער ציוויליזאַציע, מוז אַראָבפאַלען אין אָבגרונד און נאָכדעם וועט זי ערשט, לויט די געזעצען פון דער נאַטור, אָנפאַנגען וויעדער צו קלעטערן אַרויף. אין דער היסטאָרישער און פאָרהיסטאָרישער צייט זעהען מיר אַזעלכע ערשיינונגען גאַנץ אָפט. די געשיכטע פון דער מענשהייט, ווי אַלע גרויסע בעוועגונגען, דרעהט זיך אַלע מאָל אין אַ קרייז און קעהרט זיך אום צוריק צו׳ם אויסגאַנגספונקט.
די אידעע פון גלייכען און אונענדליכען פאָרטשריט האָט מען געהאַלטען פאַר אַ פאַנטאַזיע אָהן אַ שום יסוד. די מענשליכע בעוועגונג האָט מען גיכער צוגעגליכען צו׳ם גאַנג פון אַקאָמעטע אין הימעלרוים. פון אַזאַ פערגלייך האָט מען אַרויסגענומען, אַז די מענשהייט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון דער ציוויליזאַציע נאָר צוליעב דעם, אום זיך וויעדער אַראָבצולאָזען אין אָבגרונד.
ווי געזאָגט, האָבען אַזוי גערעכענט די היציגע קעפּ, נאָר איך געדענק נאָך איינציגע בעקאַנטע ערנסטע מענער, וואָס האָבען אויך כּמעט איינגעשטימט מיט דער מיינונג, רעדענדיג וועגען די צייט-ערשיינונגען. אין יענער צייט זענען אַלע געלעהרטע געוועזען איינשטימיג, אַז די געזעלשאַפט קומט נעהענטער צו אַ קריטישען פעריאָד, וועלכער וועט זיך אויסדריקען אין פערענ־דערונגען. די אַרבייטער-אונרוהען, די אורזאַכען דערפון, זייער ענטוויקלונג און די מיטלען זיי צו פערניכטען — זענען געוועזען די הויפּטזאַכען, וועגען וועלכע מען האָט גערעדט אין דער פּרעסע און אין ערנסטע אונטערהאַלטונגען. די נערוועזע אויפרעגונג פון דער עפענטליכער מיינונג האָט זיך קענטיגער ווי אַלץ אויסגע־דריקט אין דעם טומעל, וואָס עס האָט אָנגעמאַכט אַ קליין הייפעלע מענשען, וואָס האָבען זיך גערופען אַנאַרכיסטען און האָבען טעראָריזירט (געשראָקען) די אַמעריקאַנער און געמיינט זיי צו צוויגגען מיט געוואַלט אָנצונעהמען זייערע מיינונגען, פּונקט ווי אַ מעכטיגע נאַציע, וואָס האָט ניט לאַנג דערשטיקט אַן אויפשטאַנד אין איינגענעם לאַנד אום אויפצוהאַלטען איהר פּאָליטישעס סיסטעם, האָט געקאָנט איינפיהרען אַ נייע סאָציאַלע אָרדנונג אויס שרעק אַליין.

איך, אלס רייכער מאן, האב, נאטירליך, מיטגעפיהלט מיט מיין קלאסע. איך בין מודה, אז די שנאה, וואס איך האב געטראגען געגען דער ארבייטערקלאסע, האט זיך נאך מעהר אין מיר פערשטארקט דאדורך, וואס דורך זייערע שטרייקען האב איך געמוזט אבלעגען דעם טאג פון מיין חתונה

# II.

דער דרייסיגסטער מאי 1887 יאהר איז אויסגעקומען מאנ־טאג. דער טאג איז געווען, אין לעטצטען דריטעל פונ'ם נייַנ־צעהנטען יאהרהונדערט, איינער פון די יעהרליבע פאלקס־יו"ט־בים, בעוואוסט אונטער דעם נאמען „דעקאראציאנסטאג", וועלכער איז געווען אנ'ערענ'אנדענק פאר די סאלדאטען, וואס האבען געקעמפפט צו פערהיטען דעם בונד פון די פעראייניגטע שטאטען. די, וואס זענען נאך געבליבען לעבען פון קריעג, פלעגען אין דעם טאג געהן מיט מוזיק אויפ'ן בית עולם ארויפלעגען קראנצען אויף די קברים פון זייערע געפאלענע ברידער. מיין כלה'ס עלטערער ברודער איז אויך געפאלען אין דעם קריעג, און איהר פאמיליע איז געוואוינט געוועזען צו בעזוכען אין דעם טאג זיין קבר אויף דעם בארג אויבערן.

איך האב בעקומען די ערלויבניש זיי צו בעגלייטען, און קומענדיג פון אווענד צוריק אהיים, בין איך פערבליבען ביי זיי צו'ם עסען. נאכ'ן עסען האב איך גענומען די אווענדצייטונג, וואס איז געלעגען אין זאל אויפ'ן טיש. אין צייטונג האט מען גע־שריבען וועגען א נייעם שטרייק ביי די בוי־ארבייטער; דאדורך האט מיין הויז ווידער נישט געקאנט געענדיגט ווערן. איך געדענק ־אך גאנץ קלאר, ווי אין כעס איך בין דערויף געווארען און ווי איך האב געשאלטען די ארבייטערקלאסע איבערהויפט און די שטרייקער בעזונדערס. אלע, וואס זענען ארום מיר געזעסען, האבען מיט מיר צוגעשטימט, און די אנמערקונגען, וואס זענען

דערבײַ געמאַכט געוואָרען איבער די פערדאָרבענע אויפפיהרונג פון די אַרבײַטער־אַנפיהרער, האָבען געציִעלט וואָס מעהר זיי צו פערשמוצען. אַלע האָבען דעריבער אײַנגעשטימט, אַז עס ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג און אַז עס איז אונמעגליך צו וויסען, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיגען.

— די ערגסטע זאַך איז, — האָט געזאָגט פרוי באַרט־לעט, — וואָס די אַרבײַטער קעהרען־איבער די וועלט כמעט אומעטום. אין איראָפּאַ איז נאָך פיעל ערגער, אַלס בײַ אונז. איך האָב דאָ ניט לאַנג אַ פרעג געטהון מײַן מאַן. וואוהין מיר וועלען קאָנען אַרויספאָהרען, אויב עס וועלען זיך אין דער אמת'ן אָנפאַנגען די מעשׂיות מיט וועלכע די סאָציאַליסטען שרעקען; האָט ער דערויף געענטווערט, אַז ער ווײַסט ניט אײן אָרט אויף דער וועלט, וואו דער געזעלשאַפטליכער צושטאַנד זאָל זיכער זײַן, אויסער גרענלאַנד, פּאַטאַגאָניען און חינאַ.

— די חינעזער, — האָט איינער צוגעגעבען, — האָבען פערשטאַנען בעסער פון אַלעמען, אַז מען דאַרף ניט אײַנפיהרען אין זייער לאַנד די איראָפּעאישע ציוויליזאַציע. זיי האָבען געוואוסט, צו וואָס דאָס ברענגט. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז זיי וועלען דאָ האָבען צו טהון מיט פערבאָרגענעם דינאַמיט.

נאָכהער, געדענק איך, האָב איך אָבגעפיהרט יהודית'ן אין אַ זײַט, אום איהר אײַנצורעדען, מען זאָל מאַכען די חתונה וואָס גיכער, ניט וואַרטענדיג, ביז מען וועט ענדיגען בויען דאָס הויז. ביז אונזער וואָהנונג וועט פאַרטיג ווערן, וועלען מיר זיך דערווײַלע אַוועקלאָזען רײַזען. אין יענעם אָווענד איז זי געוועזען זעלטען שען. דאָס שוואַרצע קלייד, וואָס זי האָט דעמאָלט געטראָגען, האָט נאָך מעהר חן צו־געגעבען איהר קלאָרען און צאַרטען געזיכט. איך קאָן זיך אַפילו נאָך איצט פאָרשטעלען. ווי זי האָט אין יענעם אָווענד אויסגעזעהן. ווען איך האָב זיך מיט איהר געזעגענט, האָט זי מיך בעגלייט ביז'ן פאָדער־הויז און מיר געשענקט, ווי אַלע מאָל, אַ קוש. עס איז ניט געווען קײן איבערנאַטירליכער צופאַל, וואָס וואָלט אונטערשיידען דעם אָווענד פון אַלע אַנדערע; דאָס זעלבע איז אויך אונזער אָבשייד אין דעם

איבערהויפּט. נאַטירליך, אין פאַל אַז יהודית וואָלט מײַן פרוי געוואָרען, וואָלט איך איהר די געהײַמנים ענטדעקט. ביז אהער האָב איך איהר וועגען דעם גאָרנישט דערצעהלט, ווײַל אין דער היפּנאָטישער אײַנשלעפערונג איז געוועזען אַ גרויסע געפאַהר, און איך האָב געוואוסט, אַז זי וועט מיך ניט לאָזען דאָס צו טהון. די סכנה איז בעשטאַנען דערין, וואָס מען קאָן דער־פון זעהר שטאַרק אײַנשלאָפען, און דער שלאָף קאָן איבערגעהן אין אַ היהנערפלעט, וואָס קײַן מאַגנעטיזער קאָן עס ניט איבעררײַסען, און עס וואָלט זיך ענדיגען מיט'ן טויט. אײניגע פּראָבען האָבען מיך אָבער פולשטענדיג איבערצײַגט, אַז עס איז כמעט קײַן סכנה ניט, אויב עס איז נאָר געמאַכט געוואָרען פאָרזיכטיג, מיט שכל, און דערמיט האָב איך געהאָפט אויך יהודית'ן איבער צו צײַגען.

אַלזאָ, פון איהר בין איך אַוועקגעגאַנגען גלײַך אַהײם און באַלד געשיקט דעם דיענער נאָכ'ן דאָקטאָר. דערווײַלע בין איך אַוועק אין מײַן אונטערערדישעם שלאָפצימער, זיך איבערגעקלײַדעט אין שלאָפראָק און זיך געזעצט לעזען די בריעף פון דער אָוועָנד־פּאָסט, וואָס סאַיער האָט אַוועקגעלעגט אויף מײַן טיש. אײנער פון זײ איז געוועזען פון'ם אַרכיטעקט, וואָס האָט מײַן הויז געבויט, זײַן בריעף האָט בעשטעטיגט די ידיעה, וואָס איך האָב שוין געלעזען פריהער אין צײַטונג. „די נײַע שטרײַקען, שרײַבט ער, האָבען אָבגערוקט אויף אַ אונבעשטימטע צײַט די התחייבות פון קאָנטראַקט, ווײַל אָהן אַ לאַנגען קאַמפּף וועלען ניט די בעלי בתים. ניט די אַרבײַטער נאָכגעבען”. קאַליגולאַ האָט זיך געוואונשען, אַז אַלע מענשען זאָלען האָבען אײן קאָפּ, כדי ער זאָל איהם קאָנען מיט אײן מאָל אַראָבהאַקען. דאָס זעלבע האָב איך מיר, לעזענדיג דעם בריעף, געוואונשען געגען די אַרבײַטער אין אַמעריקאַ, נאָר, זעלבסט־פערשטענדליך, דאָס איז געוועזען אויף אַ ווײַלע. סאַיער'ס צוריקקומען מיט'ן דאָקטאָר האָט צו'ם גליק איבערגעריסען מײַנע רעיונות. ווי מיר שײַנט, האָט דער דיענער מיט צרות אײַנגערעדט דעם דאָקטאָר, ער זאָל צו מיר קומען, ווײַל דער דאָקטאָר האָט זיך שוין געקליבען די נאַכט אינ־גאַנצען אַוועקצופאָהרען פון דאַנען. דער דאָקטאָר האָט

מיר דערצעהלט, אז פון דער צייט אן, וואס ער האט מיך געזעהן דאס לעצטע מאל, האט ער זיך דערוואוסט פון א גוטען ארט פאר זיין פראפעסיע אין א וויטער שטאדט און האט זיך בעשלאסען צו בענוצען זיך מיט דער געלעגענהייט. ווען איך האב איהם אין שרעק געפרעגט, וואס איך וועל אהן איהם מאכען, האט ער מיר געגעבען די אדרעסען פון איינינע מאגנעטיזירען פון באסטאן, וועלכע בעזיצען, ווי ער האט פערזיכערט, די זעלבע קראפט, ווי ער. ווערענדיג אביסעל בערוהיגט, האב איך אנגע- זאגט דעם דינער מיך אויפצוועקען מארגען פריה א זייגער ניין. איך האב מיך באלד געלעגט אין בעט מיט'ן שלאפראק און זיך איבערגעגעבען אין די הענד פון מאגנעטיזער. מיין אונגעוועהנ- ליכער נערוועזער צושטאנד איז אפשר געוועזען די איינציגע סבה דער-פון, וואס איך האב זעהר גיך איינגעשלאפען.

---

## III.

— ער וועט גלייך די אויגען עפענען. גלייכער, ער זאל צו ערשט דערזעהן נאר איינעם פון אונז.

— אבער זאג מיר צו, אז דו וועסט איהם נאר נישט דערצעהלען.

די ערשטע שטימע האט געהערט צו א מאנספערזאן, די צווייטע צו א פרויענצימער, און ביידע האבען גערעדט שטיל.

— איך וועל זעהן, וואס ער מאכט...

— ניין, ניין, זאג מיר צו! — האט פערלאנגט די צווייטע שטימע.

— זאל זיין, ווי דו ווילסט. — האט א סורמעל געטהון די דריטע שטימע אויך פון א פרוי.

— גוט, גוט, איך פערשפרעך. — האט גע... דער מאנספערזאן. — געהט גיכער! ער קומט שוין צו זיך.

עס האט זיך דערהערט דאס גערויש פון קליידער, און איך

האב געעפענט די אויגען. א שענער, אנגעזעהענער מאן פון א יאהר זעכציג איז געשטאנען איינגעבויגען איבער מיר. אויף זיין געזיכט איז געלעגען א זעלטענע גוטסקייט ווי אויך נייגיעריגקייט. ער איז מיר געוועזען אונבעקאנט. איך האב מיך אנגעלעהנט אויפ'ן עלענבויגען און זיך ארומגעקוקט. דאס צימער איז לעדיג; איך קאן שווערען, אז איך בין דא קיין מאל ניט געוועזען. איך האב ווידער א קוק געטהון אויף דעם אלטען. ער האט א שמייכעל געטהון.

— ווי פיהלט איהר זיך? — האט ער געפרעגט.

— וואו בין איך? — האב איך ווידער געפרעגט.

— איהר זייט אין מיין הויז, — איז געווען זיין ענטווער.

— ווי קום איך אהער?

— דעריבער וועלען מיר רעדען, ווען איהר וועט ווערן א ביסעל קרעפטיגער. פארלייפיג, בעט איך אייך, זאלט איהר זיך ניט אויפרעגען, איהר זענט צווישען פריינד און אין גוטע הענד. ווי פיהלט איהר זיך?

— א ביסעל ניט ווי געהעריג, נאר אין אלגעמיין בין איך פולשטענדיג געזונד. קאנט איהר מיר אפשר ניט זאגען, ווי אזוי איך בין צו אייך געקומען? וואס האט מיט מיר פאסירט? דאכט זיך, איך האב מיך געלעגט שלאפען אין מיין אייגענעם הויז.

— דאס וועלען מיר אייך אלעס ערקלערען שפעטער. — האט געענטווערט מיין אונבעקאנטער מיט א רוהיגען שמייכעל, — עס איז בעסער וועגען דעם ניט צורעדען, ביז איהר וועט זיך ניט פיהלען א ביסעל שטארקער. טהוט מיר די געפעליגקייט און געהמט א ביסעל פון אט דער מעדיצין, עס וועט אייך דערפון בעסער ווערן: איך בין א דאקטאר.

איך האב די רפואה אבגעשטויסען און זיך מיט מאטערניש געזעצט אויפ'ן בעטעל, ווייל מיר האט שרעקליך געדרעהט דער קאפ.

— איהר מוזט מיר גלייך זאגען, וואו איך בין און וואס איהר ווילט מיט מיר טהון, — האב איך געזאגט.

— ליעבער פריינד! — האט מיין אונבעקאנטער געענט־װערט, — איך בעט אייך נאך א מאל זיך ניט אויפרעגען. בעסער װאלט איהר אזוי גיך קיין ערקלערונג ניט פערלאנגען; נאר אויב איהר װילט עס שטארק װיסען, װעל איך אייך די נעפעליגקייט טהון, אבער פריהער מוזט איהר נעהמען די רפואות, װעלכע װעלען אייך אביסעל שטארקען.

איך האב גלייך אויסגעטרינקען, װי ער האט מיר געהייסען. דאן האט ער געזאגט:

— עס איז ניט אזוי לייכט, װי עס דוכט זיך, אייך צו ערקלערען, װי אזוי איהר זענט אהער געקומען. איהר האט ניט לאנג ערװאכט פון א טיפען שלאף, אדער בעסער — פון א היהנערפלעט. איהר זאגט, אז געהענדיג שלאפען, זענט איהר געװעזען אין אייער אייגען הויז; קאן איך אייך פרעגען, װען דאס איז געװעזען?

— װען! — האב איך אויסגעשריען. — װען? געכטען אװענד א זייגער צעהן. איך האב אנגעזאגט דעם דינער. ער זאל מיך אויפװעקען ניין דעם זייגער אין דער פריה. װאו איז ער?

— דאס קאן איך אייך געװיס ניט ערקלערען, — האט געענטװערט מיין אונבעקאנטער, נייגיעריג קוקענדיג אויף מיר, — נאר יערענפאלס איז ער ניט שולדיג. איצט קאנט איהר מיר אפשר זאגען, אין װעלכען טאג און דאטע איהר האט איינגע־שלאפען?

— ס'פערשטעהט זיך, נעכטען אװענד, אויב איך האב נאר ניט פערשלאפען דעם גאנצען טאג. גאט מיינער, ס'איז אונמעגליך! און דאך איז מיר אזוי צום מוטה, װי איך װאלט מאקי לאנג געשלאפען. עס איז דעמאלט געװעזען דער „דעקא־ראציאנסטאג", בשעת איך האב איינגעשלאפען

— דעקאראציאנסטאג?

— יא, מאנטאג, דעם דרייסיגסטען.

— ענטשולדיגט, — פון װעלכען מאנאט?

— נאטירליך, פון דעם מאנאט, אויב איך האב נאר ניט

אָבגעשלאָפען דעם גאַנצען חודש יוני אויך, נאָר דאָס קאָן דאָך ניט זיין!

— ביי אונז איז איצט סעפטעמבער.

— ווי, סעפטעמבער! איהר ווילט דערמיט זאָגען, אַז איך האָב געשלאָפען פון מאי ביז סעפטעמבער. מיין גאָט! דאָס קאָן דאָך ניט זיין!

— מיר וועלען שוין זעהן. איהר זאָגט, אַז איהר האָט איינגעשלאָפען דעם 30־טען מאי?

— יאָ.

— ערלויבט איהר מיר צו פרעגען — אין וועלכען יאָהר?

איך האָב איהם אָנגעקוקט, ווי צעמישט, און ניט געקאָנט איינינגע מינוטען אַרויסרעדען קיין וואָרט.

— אין וועלכען יאָהר? — האָב איך איבערגעפרעגט מיט אַ שוואַכער שטימע. — דאַכט זיך, עס איז געוועזען אין 1887 יאָהר, — האָב איך ענדליך אַרויסגערעדט.

דער מענש האָט מיך געצוואונגען צו נעהמען נאָך אַ טרונק מעדיצין און האָט בעטראַכט מיין פולס.

— געעהרטער הער, — האָט ער געזאָגט, — נאָך איידער מאַניערען זעה איך, אַז איהר זענט אַ געבילדעטער מענש. דעריבער זענט איהר איבערצייגט, אַז אויף דער וועלט געשעהען קיין נסים ניט; אַז אַלע ערשיינונגען האָבען בעשטימטע אורזאַכען, און דעריבער קאָנען אַלע פאַסירונגען נאַטירליך ערקלערט ווערן. איך פערשטעה גאַנץ גוט, אַז אייך וועט וואונדערן דאָס, וואָס איהר וועט פון מיר דערהערען; נאָר איך בין זיכער, אַז דאָס וועט ניט שאַדען דעם צושטאַנד פון אייערע נערוועז. איהר זעהט נאָך גאָר יונג אויס, ווי אַ מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, און אייער קערפערליכער צושטאַנד האָט זיך ניט געענדערט פון אַזאַ לאַנגען און שטאַרקען שלאָף. היינט איז שוין דער צעהנטער סעפטעמבער 2000־טען יאָהר... איהר האָט, אַלזאָ, אָבגעשלאָפען נישט מעהר — נישט ווענינגער אַלס הונדערט דרייצעהן יאָהר, דריי מאָנאַט און עלף טעג.

מיר איז געוואָרען אַ ביסעל ניט גוט. איך האָב אויס־

געטרינקען א גלאז שטארקען בוליאן, וואס דער דאקטאר האט מיר צוגעטראגען, און בין גיך איינגעשלאפען. ווען איך האב ערוואכט, איז געוועזען העלער טאג, ווערענד ביי מיין ערשטען אויפוואכען איז דאס צימער געווען בעלויכטען קינסטליך. מיין בעל־הבית איז געזעסען נעבען מיר. ער האט גראדע ניט בעמערקט, ווי איך האב די אויגען געעפענט, האב איך דערווייל געהאט די געלעגענהייט איהם גוט צו בעטראכטען, ווי אויך ארומצוקלערען מיין אונגעוועהנליכע לאגע. איך האב זיך געפיהלט בעסער, און מיינע געדאנקען זענען געווא־ען קלערער. די געשיכטע פון מיין הונדערט־דרייציעהן־יעהריגען שלאף, אין וועלכע איך האב פריהער, אין מיין שוואכען און פערמאטערטען צושטאנד, הייליג געגלויבט — האב איך איצט בעטראכט אלס א נארישען שווינדעל, נאר זיין צוועק האב איך נישט פערשטאנען. ווי עס ווייזט־אויס, האט מיט מיר עטוואס אונגעוועהנליכעס יא געמוזט פאסירען, ווייל איך האב דאך פארט ערוואכט אין א פרעמדען הויז, צווישען אונבעקאנטע מענשען, נאר וואס און ווי אזוי — האב איך זיך נישט געקאנט פארשטעלען. בין איך אין דער ווירקליכקייט א אפפער פון א וועלכען עס איז שווינדעל? דאס אלעס איז געוועזען אייגענטליך זעהר מאדנע. נאר צוריק גערעדט, אויב דאס מענשליכע פנים קאן דיענען אלס אבשיין פון דער נשמה, דאן איז קיין צווייפעל, אז דער מענש מיט אזא קלוגען און איידעלען געזיכט, וואס זיצט נעבען מיר, האט ניט געקאנט נעהמען אנ׳אנטהייל און עפעס א פערברעכען געגען מיר. מיר איז אריין אין קאפ אנ׳אנדער געדאנק: אפשר איז דאס עפעס א שפאס פון מיינע גוטעפריינד, וואס האבען דערגאנגען פון מיין איינזאמען אונטערערדישען שלאפצימער און האבען געוואלט מיר ווייזען אויף א גלייכווערטעל די געפאהר, וואס שטעקט אין די היפנאטישע פראבען. אבער די השערה האט אויך ניט אויסגעהאלטען קיין קריטיק. ערשטענס, וואלט מיך סאיער קיינמאל ניט אויסגעגעבען; אויסערדעם, האב איך גאר ניט געהאט אזעלכע פריינד, וואס וואלטען זיך ערלויבען מיט מיר אזא שפאס צו מאכען. ניט קוקענדיג דערויף, האב איך דאך געהאלטען, אז

עס קאָן אַנדערש נִיט זייַן, אַז נאָר חֶבְרָה בעקאַנטע האָבען מִיר אָבגעשפּיעלט אַ קונץ. מייַנענדיג צו דערזעהן עפּעס אַ בעקאַנטען, האָב איך גענומען בעקוקען דאָס צימער. ווען איך האָב ווידער אַ קוק געטהון אויף מייַן חַבֵר, האָט ער שוין שאַרף געקוקט אויף מִיר.

— איהר זענט גאַנץ גוט געשלאָפען אין פערלויף פון די 12 שעה, — האָט ער פרעהליך געזאָגט, — און איך זעה, אַז דאָס האָט אייך זעהר פיעל נוצען געבראַכט. איהר זעהט איצט אויס פיעל בעסער. ווי פיהלט איהר זיך?

— איך האָב זיך נאָך קיינמאָל אַזוי גוט ניט געפיהלט, — האָב איך געענטווערט, זיך אויפזעצענדיג אויף'ן בעט.

— איהר געדענקט דאָך געוויס אייער ערשטעס אויפוואַכען און אייער וואונדער, ווען איך האָב אייך געזאָגט, אַז איהר זענט אַזוי לאַנג געשלאָפען.

— איהר האָט, דוכט מִיר, געזאָגט, אַז איך בין געשלאָפען הונדערט מיט דרייַסיג יאָהר?

— יאָ, ריכטיג.

— איהר וועט מודה זייַן, — האָב איך געזאָגט מיט אַ איראָנישען שמייכעל, — אַז די גאַנצע מַעֲשֶׂה איז עפּעס אונמעגליך.

— אַז זי איז מערקווירדיג, בין איך מְרוּצֶה, — האָט ער געענטווערט. — נאָר ביי בעשטימטע בעדינגונגען איז זי ניט אונמעגליך און קאָן ערקלערט ווערן דורך די לעטאַרגיע (היהנער-פּלעט). ווען דער שלאָף, ווי עס איז געוועזען ביי אייך, איז זעהר טיעף, שטעלט זיך אָב די לעבענסטהעטיגקייט און דער קערפּער ווערט ניִשט צעשטערט. ווי לאַנג אַ היהנערפּלעט קאָן דויערן, איז ניט בעשטימט, אויב די אויסערליכע תְּנָאִים שיצען דעם גוף פון שעדליכע פיזישע סבות. אייער היהנערפּלעט איז די לענגסטע, וואָס מענשען געדענקען. נאָר אויב עס וואָלטען אַוועק נאָך איניגע הונדערטער יאָהר, און אונטער דער צייט וואָלט איך קיינער ניט געפינען, וואָלט אייער קערפּער, ענדליך, איבער די אָבקיהלונג פון דער ערד, פערגיכטעס געוואָרען און וואָלט בעפרייט אייער נְשָׁמָה.

איך האָב געמוזט נאָכגעבען, אַז אויב מען האָט זיך אין דער אֶמֶת'ן געמאַכט מיט מיר אַשפּאַס, האָבען די חֶבְרָה אויסגעקליבען אַ קלוגען יונג, אום עס דורכצופיהרען. זיין רעדען און האַלטען זיך וואָלטען געמאַכט ערנסט אַפילו די בעהויפּטונג, אַז די לְבָנָה איז געמאַכט געוואָרען פון קעז. דער שמייכעל, מיט וועלכען איך האָב אויף איהם געקוקט, ווען ער האָט געשמועסט וועגען דער היהנערפלעט, האָט אויף איהם אַ האָר ניט געווירקט.

— אֲשֶׁר וואָלט איהר געוועזען אַזוי פריינדליך מיר צו דערצעהלען אויספיהרליכער, ווי אַזוי איהר האָט זיך דערוואוסט פון דעם צימער און פון מיר? — האָב איך איהם געפרעגט. — אייער אויסגעטראַכטע מַעֲשֶׂה געפעלט מיר.

— אויב אַזוי, — האָט ער ערנסט געענטווערט. — קאָן קיין אויסגעטראַכטע זאַך נישט זיין אַזוי וואונדערבאַר, ווי דער אֶמֶת אַליין. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט אין דעם גרויסען גאָרטען, וואָס ליעגט נעבען הויז, בויען אַ חעמישעס לאַבאָראַטאָריום, ווייל איך ליעב זעהר חעמישע פּראָבען. דעם פאָריגען דאָנערשטאָג האָט מען ענדליך אָנגעהויבען צו גראָבען דעם קעלער. ביינאַכט זענען מיר הערמיט פערטיג געוואָרען, און פרייטאָג האָבען די מויערער געדאַרפט קומען איהם אויסלעגען מיט שטיינער. נאָר דאָנערשטאָג איז גּ־אָרע געוועזען אַ גרויסער רעגען, און פרייטאָג אין דער פריה האָב איך געפינען דעם קעלער פול מיט וואַסער, אַזוי אַז די ווענד זענען געוועזען כִּמְעַט אָבגעשווענקט. מיין טאָכטער, וואָס איז געקומען מיט מיר אַהער, האָט מיך געמאַכט אויפמערקזאַם אויף אַ ווינקעל, וועלכען דאָס וואַסער האָט אויפגעדעקט. איך האָב איהם אַ ביסעל אַליין אַרומגערייניגט פון בלאָטע, און זעהענדיג, אַז דאָס איז נאָר אַ טייל פון אַ גרויסער שטיינערנער געביידע, האָב איך בעשלאָסען דאָס גוט אונטערצוזוכען. די אַרבייטער, נאָך וועלכע איך האָב געשיקט, האָבען אָבגעגראָבען אַ גרויסען פונדאַמענט אַ פוס 8 אין די טיעף, וואָס האָט זיך טאַקי אָנגעהויבען פון דעם ווינקעל, און האָט, קענטיג, אַ מאָל געהאַלטען אויף זיך אַ גרויס, אַלט הויז. דאָס אַש און די האָלץ־קויהלען פון אויבען האָבען געדיענט אַלס

צייכען, אז דאס הויז איז פערברענט געווארען. דער פונדאמענט גופא איז געבליבען גאנץ; דער צעמענט איז נאך פעסט, ווי אין דער ניי. אין פונדאמענט איז געוועזען א העהל, מיר האבען אבער ניט געקאנט אריינגעהן דורך די טהיר; מען האט געמוזט צע-ברעכען דאס דאך און ארויסנעהמען פון דארט א שטיין. די לופט איז געוועזען א שטעהענדיגע, אבער ריין; קאלט, אבער טרוקען. ווען איך בין אריין מיט א לאמטערן אין האנד, האב איך דערזעהן, אז איך געפין זיך אין א שלאפצימער, וואס איז איינגעארדענט נאכ'ן געשמאק פון נייגצעהנטען יאהרהונדערט. אויפ'ן בעט ליעגט א יונגערמאן. מ'האט אנדערש, נאטירליך, ניט געקאנט רעכענען, נאר אז ער איז טויט, און אז דאס האט געמוזט טרעפען מיט א יאהר הונדערט צוריק. נאר דאס, וואס דער קערפער האט זיך אזוי לאנג געהאלטען גאנץ פריש, האט געוואונדערט ניט נאר מיך אליין, נאר אלע מיינע קאלעגען, די דאקטוירים, וואס איך האב אהער גערופען. עס איז שווער געוועזען צוגלויבען, אז אונזערע אורעלטערן האבען געקענט אזוי גוט איינבאלזאמירען, דאך האבען מיר געהאט א פאקט פאר די אויגען, אז עס איז זיי געלינגען. מיינע קאלעגען, וואס האבען זיך דערמיט שטארק פעראינטערעסירט, האבען געפאדערט, מען זאל אויספארשען אט דאס וואונדערבארע באלזאמירונגס-מיטעל, נאר איך האב זיי אבגעהאלטען. די אורזאך דערפון איז געוועזען, וואס איך האב זיך דערמאנט, או איירע געלעהרטע האבען זיך פיעל בעשעפטיגט מיט דעם טיערישען מאגנעטיזם. מיר איז גלייך איינגעפאלען, אז עס קאן זיין, אז איהר ליעגט אין א היהנערפלעט, און אז אייער קערפער איז גאנץ נישט ווייל ער איז באלזאמירט, נאר ווייל איהר לעבט. די אידעע איז מיר אליין פארגעקומען אזוי פאנטאסטיש, אז איך האב זי ניט ענטדעקט מיינע חברים, אום ניט אויסגעלאכט צו ווערן, און האב אויסגעפינען אנדערע טעמים אויף אבצולעגען די פראבען איבער אייך. ווי נאר זיי זענען פון מיר אוועקגעגאנגען, האב איך זיך גלייך גענומען פאר א סיסטעמאטישע פראבע אייך אויפצו-וועקען, און עס האט מיר, ווי אייך איז בעוואוסט, זיך איינגעגעבען.

אַפּילו ווען דאָס טמאַ, איבער וועלכען ער האָט גערעדט, וואָלט נאָך אונגלויבליכער געוועזען, וואָלטען דאָך די פאָרם, ווי ער האָט דערצעהלט, זיין איבערצייגענדער טאָן און דער דערצעהלער זעלבסט יעדען געמאַכט אַבהענגיג. מיר האָט אָנגעהויבען צו מישען זיך אין קאָפּ. צופעליג האָב איך אַ קוק געטהון אין שפּיגעל, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנד. איך בין צוגעגאַנגען נעהנטער צו איהם. דאָס געזיכט, וואָס איך האָב געזעהן, האָט זיך אויף אַ האָהר ניט געענדערט פון דער צייט אָן, ווען איך האָב זיך אַיינגעקוקט אין שפּיגעל דאָס לעצטע מאָל; דאָס איז געוועזען אין נאַציאָנאַל-פּייערטאָג, ווען איך האָב זיך געקליבען צו געהן צו דער כלה, און דער יו"ט איז אויסגעקומען, — ווי מיין געהיימניספּילער אונבעקאַנטער זאָגט, — מיט הונדערט דרייצעהן יאָהר צוריק. ביי דיזער ערפאַהרונג האָט מיך פּלוצים אָנגענומען אַ ווילדער כעס איבער דעם שווינדעל, וואָס מען האָט מיר אָבגעטהון. דאָס געפיהל פון צאָרן געגען אַזאַ עזות'דיגען שפּיעל האָט איבערגעשטיגען אַלע אַנדערע געפיהלען.

— איהר וואונדערט זיך מסתמא, — האָט מיר איבערגעריסען דער בעל-הבית, — וואָס ניט קוקענדיג אויף אַייער לאַנגען זיין אין קעלער, האָט איהר זיך גאָר ניט געענדערט. נאָר דאָס דאַרף אַייך ניט וואונדערן. אָט גראָדע דעריבער, וואָס די לעבענסטהעטיגקייט האָט אויפגעהערט צו אַרבייטען, האָט איהר געקאָנט אַזאַ לאַנגע צייט לעבען. ווען אַייער קערפּער וואָלט אין דער צייט פון היהנערשלאָף עטוואָס פערענדערט געוואָרען, וואָלט שוין לאַנג פון איהם קיין זכר ניט געבליבען.

— גנעדיגער הער, — האָב איך איהם ענדליך נעענטפערט, — וואָס פאַר אַ טעם עס ליגט דערין מיר צו דערצעהלען גאַנץ ערנסט אַזאַ אונזיניגע מעשה, קאָן איך בשום אופן ניט פערשטעהן. איהר זענט אָבער אַליין אַזוי קלוג, אַז איהר קאָנט זיך ניט פאָרשטעלען, אַז עס וועט זיך געפינען אַזאַ נאַר, וואָס וועט גלויבען אין אַייערע מעשיות. הערט שוין אַמאָל אויף צו דערצעהלען די אויסגעטראַכטע בבא-מעשיות און זאָגט מיר אַיין

מאָל פאַר אַלע מאָל, אויב איהר ווילט מיר געבען אַ קלאָרע תּשובה, וואו איך בין און ווי אַזוי איך בין אַהער געקומען. אויב איהר ווילט מיר ניט ערקלערען אַלעס, ווי עס איז געוועזען אין דער אֶמת'ן, וועל איך אַליין זוכען מיטלען ווי דאָס צו דערגעהן.

—- איהר גלויבט, אַלזאָ, ניט, אַז יעצט איז דאָס 2000־טע יאָהר?

— האַלט איהר אין דער אֶמת'ן פאַר נויטיג מיך דאָס צו פרעגען? — האָב איך געענטווערט.

— נו, גוט, — האָט מיין מערקווירדיגער בעל־הבית געזאָגט, — אויב איך קאָן אייך ניט איבערצייגען, וועט איהר זיך אַליין איבערצייגען. פיהלט איהר זיך גענוג שטאַרק מיר נאָכצוגעהן אַרויף?

— איך בין גענוג שטאַרק, — האָב איך מיט כּעס געענטווערט, — און וועל עס נאָך אֶפשר בעווייזען אויך, אויב דער שפּאַס וועט נאָך לאַנג דויערן.

— איך בעט אייך, מיין הער, — האָט ער געזאָגט, —- זיך אַזוי שטאַרק ניט איינצושמועסען, אַז מען האָט אייך אָבגענאַרט, וואָרום שפּעטער וועט דער אַראָבפאַל זיין צו גרויס, ווען איהר וועט זיך איבערצייגען אין דער ריכטיגקייט פון מיינע ווערטער.

דער מיטפיהלענדער און מיטליידענדערטאָן, מיט וועלכען ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, און אויך דאָס, וואָס ער איז ניט אין כּעס געוואָרען פון מיינע שאַרפע ווערטער, האָבען מיך מיט אַ מאָל בערוהיגט, און איך בין איהם נאָכגעגאַנגען אונטערן איינדרוק פון פערשידענע געפיהלען. פריהער האָט ער מיך אַרויפגעפיהרט אויף לאַנגע טרעפּ און נאָכהער אויף קירצערע, וואָס האָבען אונז געבראַכט אויף דאָס פלאַכע דאַך פון הויז, וואָס איז געוועזען אַרום מיט אַ גאַלעריע.

— זייט אַזוי פריינדליך און קוקט זיך אַרום, —- האָט ער אַ זאָג געטהון, ווען מיר זענען אַרויף אויף דאָס דאַך, — און זאָגט מיר, אויב דער איצטיגער באָסטאָן איז ענליך צו יענעם, וועלכען איהר האָט געקענט אין 19־טען יאָהרהונדערט?

פאַר מײַנע אויגען האָט זיך צעשפּרייט אַ אונגעהײַערע שטאָדט; טויזענדער ברייטע גאַסען, בעזעצט מיט בוימער און פערבויט מיט גרויסאַרטיגע הײַזער, דאָס רוב מיט גרויסע גערטנער, האָבען זיך געזעהן און אַלע זײַטען. אין יעדען קוואַרטאַל האבען זיך געפינען ברייטע, גרויסע פּלעצער, בעפּלאַנצט מיט בוימער, צווישען וועלכע עס האָבען געפינקעלט סטאַטועןאון פאָנטאַנען אונטער די שטראַהלען פון זונענאונטערגאַנג. גרויסע פאָלקס־הײַזער פון פּראַכטפולער אַרכיטעקטור, וואָס האָט קוים גלײַכען געהאַט אין אונזער צײַט, האָבען זיך שטאָלץ דער־הויבט צום הימעל. נאַטירליך, איז דאָס פאַר מיר געוועזען אַ נײַעס. איך האָב אויפגעהױבען די אויגען צו'ם האָריזאָנט און האָב געקוקט צו מזרח. דער בלויער פאַס פון פּראַכטפולען טײַך טשאַרלז האָט זיך געשלענגעלט צו מערב. דער באָסטאָנער האַפען האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט פאַר אונז מיט אַלע זײַנע אינזלען. יעצט ערשט האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז אַלעס, וואָס מען האָט מיר געזאָגט וועגען דער וואונדערליכער געשעהעניש מיט מיר, איז טאַקי דער רײַנער אמת.

---

## IV.

געחלשט האָב איך ניט, נאָר אין קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבען צו שווינדלען. איך געדענק, אַז מײַן חבר האָט געמוזט מיך נעהמען פאַר אַ האַנד און אַראָבפיהרען אין אַ ברייטע צימער אין אונטערשטען שטאָק. דאָרטען האָב איך געמוזט אויסטרינקען אַפּאָר גלעזער גוטען ווײַן, און נאָכדעם האָט ער מיך פערבעטען צו דער וועטשערע.

— איך גלויב, אַז איהר זענט שוין פולשטענדיג געקומען צו זיך, — האָט ער פרעהליך געזאָגט, — איך וואָלט אַזעלכע שטרענגע מיטלען ניט גענומען איך איבערצוצײַגען אין אייער לאַגע, ווען אייער אויפפיהרונג, וואָס איז בײַ די איצטיגע אומ־

שטענדרען גאַנץ פערשטענדליך, וואָלט מיך ניט געצוואונגען דערצו.
איך בין זיך מודה, — האָט ער ווייטער געזאָגט לאַכענדיג, — אַז איך האָב אַ שטיקעל צייט מורא געהאַט, איהר זאָלט מיך ניט שלאָגען, ווי איהר האָט דאָס גערופען אין נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט, אויב איך וועל זיך מיט אייך שטרענג ניט בעגעהן. איך האָב געוואוסט, אַז די באָסטאָנער פון אייער צייט זענען געוועזען בעריהמטע באָקסערן (שלעגער), און דעריבער האָב איך מיך בעשלאָסען בעסער ניט צו פערליערען קיין צייט. איך רעכען, אַז איצט זענט איהר שוין געוויס בעפרייט אַראָבצונעהמען פון מיר די בעשולדיגונג, אַז מ'האָט אייך גענאַרט.

— ווען איהר וואָלט מיר אַפילו געזאָגט, — האָב איך געענטווערט טיעף גערירט, — אַז אַנשטאָט הונדערט, זענען שוין פערלויפען טויזענד יאָהר פון דער צייט אָן, וואָס איך האָב צו'ם לעצטען מאָל אַ קוק געטהון אויף די שטאָדט, וואָלט איך אייך איצט אויך געגלויבט.

— ס'איז נאָר איין יאָהרהונדערט פערלאָפען, — האָט ער געענטווערט, — אָבער גאַנץ וועניג יאָהרטויזענדער האָבען אין דער וועלטגעשיכטע געזעהן אַזעלכע וואונדערבאַרע אומוואַנדלונגען. יעצט אָבער, — האָט ער פאָרטגעזעצט, אויסשטרעקענדיג מיר מיט אַ פריינדליכער מינע זיין האַנד, — בעט איך אייך צו וואָהנען אין מיין הויז אין באָסטאָן פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט. מיין נאָמען איז ליט, נאָר מען רופט מיך דאָקטאָר ליט.

— מיין נאָמען, — האָב איך געענטווערט, איהם דריקענדיג די האַנד, — איז יוליאַן ווועסט.

— עס איז מיר זעהר אַנגענעהם מיט אייך זיך צו בעקענען, הער וועסט, — האָט ער געענטווערט. — וויסענדיג, אַז דאָס איצטיגע הויז איז געבויט נעבען אייערן, האָף איך, אַז איהר וועט זיך דאָ באַלד פיהלען גאַנץ היימיש.

נאָכ'ן עסען האָט מיר דער דאָקטאָר פאָרגעלעגט צו נעהמען אַ וואַנע און איבערצובייטען די קליידער, און איך האָב עס גאַנץ גערן באַלד געטהון. ווי עס האָט געשיינט, זענען קיין בעזונדערע ענדערונגען אין די מענער־קליידער ניט פאָרגעקומען, ווייל אויס'ן

איינינע קלייניגקייטען בין איך פון נייעם אנצוג ניט נתפעל געוואָרען.

פיזיש האָב איך מיך געפיהלט ווי פריהער, נאָר גייסטיג קאָן זיך דער לעזער אליין פאָרשטעלען, וואָס פאַר געפיהלען איך האָב איבערגעלעבט. אום דערויף צו ענטוועררן, וועל איך דעם לעזער פרעגען ענטגעגען: וואָס וואָלט געוועזען, אויב מען וואָלט איהם אליין, למשל, פלוצלונג איבערגעטראָגען פון דער ערד אין גיהנם אָדער אין גן־עדן? ווי מיינט ער, וואָס פאַר געדאַנקען וואָלט ער דאַמאָלס געהאַט? וואָלטען געקאָנט זיינע רעיונות מיט אַ מאָל זיך איבערטראָגען צוריק אויף די ערד, וואָס ער האָט ניט לאַנג פערלאָזען? אָדער ער וואָלט אפשר איבער דעם איינדרוק פון די נייעסען ביי׳ם ערשטען טרעסעל פערגעסען אויף אַ ווײַלע זיין פריהעריג לעבען? איך רעכען, אַז די לעצטע השערה איז ריכטיגער. די געפיהלען פון וואונדער און נייגיעריגקייט, וואָס די נייע סביבה האָט ביי מיר ארויסגערופען, האָבען מיך אינגאַנצען פערשלינגען, און די זכרונות פון מיין פאָריגען לעבען (אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקען) זענען אויף אַ ווײַלע פערשוואונדען געוואָרען.

ווי נאָר איך האָב זיך דערפיהלט, צו דאַנקען דער מיה פון מיין בעל־הבית, אַ ביסעל קרעפטיגער, האָט זיך מיר פערוואָלט צו זיין אַ ווײַלע אויפ׳ן דאַך.. און באַלד האָבען מיר זיך גאַנץ בעקוועם פאַנאַנדערגעזעצט אויף שטוהלען, זעהענדיג פאַר זיך די גאַנצע שטאָדט. נאָך דעם דאָקטאָר ליט׳ס ענטוועך אויף אלע מיינע אונצעהליגע פראַגען וועגען די אַלטע גרעניצען פון שטאָדט, וואָס איך האָב יעצט ניט געפינען, און די נייע, וואָס האָבען זייער שטעלע פערנומען האָט ער מיך געפרעגט, אין וועלכער הינזיכט האָט מיך אַם מעהרסטען איבערראַשט דער אינטערשיעד צווישען דער נייער און אַלטער שטאָדט.

— אײדער מיר וועלען רעדען וועגען מעהר וויכטיגע זאַכען, — האָב איך געענטוועט, — וועל איך דערוויילע אָנ־הויבען פון קלייניגקייטען. איך רעכען, אַז דאָס, וואָס ביי אייך איז קיין קוימענס און קיין רויך ניטאָ, איז איינס, וואָס האָט מיך פריהער פון אלעם פערוואונדערט.

— אַהאַ ! — האָט מײַן חבֵר לעבעדיג אויסגערופען. — איך האָב אָן די קוימענס פערגעסען, ווייל זײ זענען שוין לאַנג אַרוים פון געבּרויך. ס'איז שוין כּמעט אַ יאָהרהונדערט, זײַט די אַלטע אַרט הייצען איז פון דער מאָדע אַרוים.

— איבּערהויפּט, — האָב איך צוגעגעבּען, — האָט מיך פערוואונדערט אין דער נײַער שטאָדט דער וואָהלשטאַנד פון די איינוואָהנער, וואָס מען קאָן פערשטעהן נאָך דער שענקײַט פון דער שטאָדט גופא.

— איך וואָלט מיך פיעל געלאָזט קאָסטען, אום האָבען די מעגליכקײַט אַ קוק צו טהון אויף באָסטאָן פון אייער צײַט — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט. — ווי עס ווייזט אויס נאָך אייערע רעד, זענען די שטעדט אין אייער צײַט געוועזען זעהר העסליך. אפילו ווען איהר וואָלט וועלען מאַכען זײ שענער, וואָלט איהר דערצו קיין מיטעל געפינען איבער דער אַלגעמיינע אָרעמקײַט, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם זאָנדערבּאַרען ווירטשאַפטליכען סיסטעם פון אייער צײַט אויסערדעם, דער אונגעוועהנליכער אינדיווידואַליזם וואָס האָט געהערשט אין אייערע יאָהרען, האָט ניט געשטימט מיט דעם גײַסט פון געזעלשאַפטליכקײַט. דאָס ביסעל רײַכטום, וואָס איהר האָט פערמאָגט, האָט מען פער־שוועגדעט בלויז אויף פריוואַטען לוקסוס. יעצט, פערקעהרט, ווייסען מיר ניט פון קיין בעסערער אַרט, ווי אויסצובּרענגען דאָס איבּריגע רײַכטום, אַלס אויף צו בעפּוצען די שטאָדט, וואָס אַלע האָבען דערפון גלײַך פערגעניגען.

בּשעת מיר זענען אַרויף אויף דאָס דאַך, האָט די זון שוין געהאַלטען בײַ'ם אונטערגעהן. אונטער דער צײַט, וואָס מיר האָבען גערעדט, איז דערווײַלע געוואָרען נאַכט.

— עס איז שוין פינסטער, — האָט דער דאָקטאָר גע־זאָגט. — לאָ'מיר אַראָבגעהן אין שטוב. איך וועל אייך פאָרשטעלען מײַן פרוי און טאָכטער.

זײַנע ווערטער האָבען מיר דערמאָנט אָן די פרויענשטימען, וואָס איך האָב געהערט, בעת איך האָב ערוואַכט צו'ם לעבען. איך בּין געוועזען זעהר נײַגיעריג צו וויסען, אויב די פרויען פון

2000־טען יאָהר זעהען־אויס אַזוי, ווי די פרויען פון מיינע צייטען.

דאָס צימער, אין וועלכען מיר האָבען געפינען די דאַמען, דעסגלייכען דאָס גאַנצע הויז איז אינווענינג געווען בעלויכטען מיט אַ שוואַכער שיין, וועלכע איז, ווי איך האָב געוואוסט, געווען אַ קינסטליכע. איך האָב אָבער ניט געקאָנט דערגעהן די קוועלע, פון וואַנען זי נעהמט זיך.

פרוי ליט איז געווען אַ שענע דאַמע אונגעפעהר אַזוי פיל אַלט, ווי איהר מאַן. די טאָכטער אָבער איז געווען אַ רייצענד שענעס, יונגעס מיידעל, די שענסטע, וואָס איך האָב ווען געזעהען. איהר געזיכט איז געווען נישט ווענינגער אַנציהענד, אַלס איהרע טונקעל־בלויע אויגען, צאַרטע פאַרב און רעגעלמעסיגע געזיכטס־צייכען. נאָר ווען אַפילו אין געזיכט וואָלטען אייניגע פעהלערן געווען, וואָלט איהר רייך־ענטוויקעלטע פיגור אַליין געקאָנט זי אַוועקשטעלען צווישען די שענסטע פרויען פון 19־טען יאָהר הונדערט. די פרויען־צאַרטהייט האָט זיך אין דעם מיידעל פעראייניגט מיט אַ געזונדען אויסזעהן און רייכער לעבענסקראַפט, וואָס עס האָט געפעהלט אין יענע מיידלעך, מיט וועלכע איך האָב געקאָנט זי פערגלייכען. דורך אַ מאָדנעם צופאַל, וואָס איז אַ גאָרנישט געגען מיין גאַנצער זעלטענער לאַגע, אָבער דאָך וואונדערליך, האָט מען זי אויך גערופען יהודית, ווי מיין כלה אַמאָל.

דער אָוועַנד, וואָס מיר האָבען פערבראַכט, איז, נאַטירליך, געווען דער אייניציגער אין דער מענשליכער געשיכטע. פון דעסט־וועגען זאָלט איהר ניט מיינען, אַז אונזער אונטערהאַלטונג איז געוועזען ווי געצוואונגען אָדער בעלעסטיגט. איך רעכען, אַז, פערקעהרט, ביי אונגעוועהנליכע, אָדער גיכער אוננאַטירליכע, אומשטענדען האַלטען זיך מענשען אַלע מאָל גאַנץ פריי, נאַטירליך, אפשר דערפאַר, וואָס אַזעלכע אומשטענדען פערטרייבען די קינסטליכ־קייט און די געצוואונגענהייט. איך ווייס יעדענפאַלס, אַז מיין אונטערהאַלטונג מיט די פאָרשטעהער פון אַן׳אַנדער צייט און פון אַן׳אַנדער וועלט האָט זיך אין דעם אָוועַנד אויסגעצייכענט מיט איהר פריינדליכקייט און אָפענהערציגקייט, וואָס עס טרעפט זעהר

זעלטען אפילו נאך א לאנגער בעקאנטשאפט. נאטירליך האט דערצו ניט וועניג געהאלפען דער טאקט פון מיינע בעלי בתים. עס פערשטעהט זיך, אז מיר האבען פון אנ'אנדער זאך ניט געקאנט דעדען, נאר פון דעם מערקווירדיגען צופאל, איבער וועלכען איך האב זיך געפינען אין זייער געזעלשאפט. וואס עס איז שייך צו מיר אליין, קאן איך אייך זאגען, אז קיינמאל זענען נאך מיינע געדאנקען ניט געוועזען אזוי קלאר, לעבענדיג און שארף, ווי אין יענעם אווענד. איך וויל דערמיט ניט זאגען, אז איך האב אינגאנצען פערגעסען מיין אויסנעהמליכע לאגע, נאר אז די הויפטפאלגונג פון דיזען געדאנק האט געטראגען דעם כאראקטער פון א פיבערהאפטער אויפרעגונג. רעדענדיג וועגען מיין גייסטיגען צושטאנד, מוז איך אייך זאגען, אז אויסער'ן אינהאלט פון אונזער געשפרעך, איז ארום מיר כמעט ניט געוועזען קיין איין זאך, וואס זאל מיר דערמאנען דאס, וואס מיט מיר האט פאסירט. אין דעם אמאליגען באסטאן וואלט איך געפינען פיעלע געזעלשאפטסקרייזען, וואס זענען מיר פיעל פרעמדער, אלס מיין איצטיגער. די באסטאנער שפראך פונ'ם 20־טען יאהרהונדערט אונטערשיידעט זיך כמעט וועניגער פון דער שפראך פון די געבילדעטע קלאסען פונ'ם 19־טען יאהרהונדערט, אלס די שפראך פון די לעצטע אין פערגלייך מיט דער שפראך פון וואשינגטאנ'ס און פראנקלינ'ס צייטען. דער אונטערשיעד צווישען די ביידע עפאכען אין די קליידער און הויזווירטשאפט איז ניט געוועזען אזוי גרויס, ווי דער אונטערשיעד אין די מאדעס פון איין דור ביז'ן צווייטען.

יהודית ליט האט גענומען גאר א קליינעם אנטהייל אין אונזער געשפרעך, נאר גאנץ אפט, ווען די מאגנעטישע ווירקונג פון איהר שענקייט האט מיך געצויגען אויף איהר א קוק צו טהון, האב איך זיך בעגעגענט מיט איהר אנגעשטרענגטען, כמעט בעצויבערטען בליק, וואס איז געווען געווענדעט אויף מיר. מען האט געקאנט זעהן, אז איך האב זי פעראינטערעסירט אויפ'ן העכסטען גראד. קיין וואונדער איז דאס ניט געוועזען, ווייל זי האט געשיינט צו זיין א ביסעל א פערחלומ'ט מיידעל. חאטש איך

האָב געדעכענט, אַז די הויפּט־אורזאַך פון איהר אינטערעס צו מיר איז געוועזען נייגיעריגקייט, דאָך וואָלט עס מיך ווענינ געריהרט, ווען איהר שענקייט וואָלט ניט געווען אַזוי צוציהענד,

דער דאָקטאָר ליט, ווי אויך די דאַמען האָבען זיך שטאַרק אינטערעסירט צו וויסען גענוי, ווי אַזוי איך האָב איינגעשלאָפען אויף אַזאַ לאַנגע צייט אונטער דער ערד. יעדערער האָט זיך געהאַט אַ בעזונדערע מיינונג וועגען דעם, פאַר וואָס מ'האָט אַן מיר דאָרט פערגעסען.

ענדליך האָבען זיך אַלע פעראייניגט מיט דער מיינונג, וואָס האָט וועניגסטענס געגעבען אַ מעגליכע ערקלערונג פון דער זאַך, האָטש קיינער, נאַטירליך, האָט קיינמאָל ניט געקאָנט זיך דערוויסען, אויב זי איז ריכטיג. די הויפענס אַש, וואָס מען האָט געפונען איבער'ן צימער, האָבען עדות געזאָגט, אַז דאָס הויז האָט אָבגעברענט. נעהמען מיר אָן, אַז דאָס אונגליק האָט גע־טראָפען אין יענער נאַכט, ווען איך בין איינגעשלאָפען, מוזען מיר אויך זאָגען, אַז מיין דיענער איז אומגעקומען אין דער שׂריפה אָדער אַנדערש־ווי. אַחוץ איהם און דר. פּילסבערי האָט קיינער ניט געוואוסט, אַז עס עקזיסטירט גאָר אַזאַ צימער און אַז איך געפין זיך אין איהם; דער דאָקטאָר, ווידער, וואָס איז די זעלבע נאַכט אָבגעפאָהרען קיין נייַ־אָרלעאַן, האָט, קענטיג, זיך קיינ־מאָל ניט דערוואוסט פון דער שׂריפה. מיינע פריינד און בעקאַנטע האָבען געמוזט קלערען, אַז איך בין פערברענט געוואָרען. די גרייס און די גרעב פון די בוימער אין גאָרטען, וואָס פערנעהמט איצט דעם אָרט פון מיין הויז, בעווייזט, ווי דר, ליט זאָגט, אַז דער פּלאַץ איז לעדיג וועניגסטענס שוין אַ האַלב יאָהרהונדערט.

---

## ו.

ווען די דאַמען זענען אַוועקגעגאַנגען שלאָפען, און איך בין געבליבען מיט'ן דאָקטאָר אַליין, האָט ער זיך ערקונדיגט, אויב

איך וויל זיך שוין לעגען שלאָפען; אויב איך בין מיעד, איז שוין דאָס בעט פאַר מיר פערטיג; נאָר אויב איך וויל נאָך זיין וואך, וואָלט איהם זיין זעהר אנגענעהם מיט מיר א ווײַלע צו רעדען.

— איך געה אלע מאָל שפעט שלאָפען, — האָט ער געזאָגט צו מיר, — און איך מוז אייך זאָגען דעם אֱמֶת, אָהן א שום חֲנִיפָה, אַז עס איז זעהר אינטערעסאנט זיך מיט אייך אונטער־צוהאַלטען. ניט אַלע מאָל טרעפט זיך אַזא געלעגענהייט צו רעדען מיט א מענשען פון 19־טען יאָהרהונדערט.

איך האָב שוין מיט שרעק געקלערט וועגען דער צייט, ווען איך וועל בלייבען אַליין. זייענדיג צווישען אַזעלכע פריינדליכע מענשען, ערמונטערט און געשטארקט דורך זייער הערצליכע אויפפיהרונג געגען מיר, האָב איך נאָך געקאָנט א ביסעל זיך בערוהיגען. פון דעסטוועגען פלעגט ארויף אויך דאן, אין מיט'ן געשפרעך, אויף מיר אַנ'אֵימָה, ווען איך פלעג זיך דערמאָנען, אַז סוף כָּל סוף וועל איך בלייבען אַליין מיט מיינע געדאַנקען. איך האָב זעהר גוט געוואוסט, אַז איך וועל שוין די נאכט ניט שלאָפען, און דעריבער האָב איך גאַנץ אַליין ניט געוואָלט בלייבען. איך האָב איהם גאַנץ אָפען ערקלערט מיין שרעק, נאָר ער האָט מיך בערוהיגט. אויב איך פערלאַנג צו געהן שלאָפען, זאָגט ער, וועט ער מיר געבען אַזא פולווער, וואָס וועט מיך ניך פערשלע־פערן, און אויף מאָרגען וועל איך ווערן אָהן צווייפעל גאָר אַנ'אַנדער מענש, א רוהיגער מיט, א געפיהל פון א לאַנגאָנעדיגען בירגער פון דער נייער וועלט.

— איידער דאָס וועט געשעהן, — האָב איך געענטווערט, — מוז איך זיך פריהער בעקענען מיט דער שטאָדט באָסטאָן, אין וועלכער איך געפין זיך איצט. אויפ'ן דאַך פון הויז האָט איהר מיר געזאָגט, אז חאָטש עס איז נאָר פערלאָפען איין יאָהרהונדערט פון דער צייט, וואָס איך האָב איינגעשלאָפען, פון דעסטוועגען האָבען אין דער קורצער צייט פאַסירט גרעסערע, שארפערע אומענ־דערונגען, איידער אין די פריהערדיגע יאָהרטויזענדער. קוקענדיג אויף די איצטיגע שטאָדט, קאָן איך דאָס גאַנץ גוט גלויבען, דאָך בין איך זעהר נייגיעריג צו וויסען, וואָס פאַר ענדערונגען

עס זענען דא אייגענטליך געוועזען. לא'מיר אנפאנגען פון דער פראגע, וואס אינטערעסירט מיך זעהר: ווי האט איהר ערלעזט די ארבייטערפראגע? אין נייצעהנטען יאהרהונדערט איז דאס געוועזען איינע פון די שווערסטע רעטענישען, און בשעת איך האב געהאלטען ביי'ם שלאפען געהן, געדענק איך, האט דיעזער ספינקס געשראקען איינצושלינגען די גאנצע געזעלשאפט. ווייל קיין ענטווער איז נאך דערויף ניט געוועזען; אויף אזא אופן לויהנט שוין אבצושלאפען א הונדערט יאהר, אום צו וויסען, ווי מען האט געפינען אויף דיעזע פראגע א פולשטענדיגען ענטווער.

— אזוי ווי אין דער איצטיגער צייט עקזיסטירט ניט קיין ארבייטער־פראגע, — האט דער דר. געענטווערט, — און עס איז גאר ניטא קיין אורזאך און קיין מעגליכקייט, מען זאל זי צוריק שטעלען, דעריבער קאן איך בעהויפטען, אז זי איז שוין ערלעזט געווארען. אייער געזעלשאפט האט, ווירקליך, ערהליך פערדיענט, דער ספינקס זאל זי איינשלינגען, אויב זי האט ניט געהאט די מעגליכקייט צו פערענטווערן אזא פראסטע רעטעניש. יעדענפאלס האט די געזעלשאפט גאר ניט נויטיג געהאט די רעטעניש צו לעזען: זי איז שוין פון זיך זעלבסט עלעזט געווארען. די לעזונג איז געקומען אלס רעזולטאט פון דעם אינדוסטריעלען ענטוויקלונגס־פראצעס, וועלכער האט זיך אנדערש גאר ניט געקאנט ענדיגען. אלעס, וואס די געזעלשאפט האט געהאט צו טהון, איז נאר געוועזען — אנערקענען די עוואלוציע (ענטוויקלונגס־פראצעס) און אונטערשטיצען זי בשעת מען האט שוין גאנץ קלאר ארויס־געזעהען, צו וואס זי שטרעבט.

— איך קאן נאר זאגען, — האב איך איהם געענט־ווערט, — אז אין דער צייט, וואס איך האב איינגעשלאפען, האט נאך קיינער אזא עוואלוציע ניט אנערקענט.

— דאס איז, דאכט זיך, געוועזען אין יאהר 1887, ווען איהר זענט איינגעשלאפען?

— יא, דעם 30־טען מאי 1887־טען יאהר.

מײַן חָבֵר האָט מיך פערטראַכטערהײַט אײַניגע מינוטען אָנגעקוקט און נאַכהער האָט ער בעמערקט:

— איהר זאָגט, אַז מען האָט נאָך דאַן ניט געזעהען דעם קריזיס, צו וועלכען די געזעלשאַפט איז אַלץ נעהענטער געגאַנגען. עס פערשטעהט זיך, אַז איך גלויב אײַך גאַנץ גוט. די מערקווירדיגע בלינדקײַט פון אײַערע דעמאָליגע צײַט־גענאָסען בנוגע צו דער נאָהענטקײַט פון דער איבערקעהרונג איז אַנ׳ערשײַנונג, וואָס איז שוין בעשריבען געוואָרען דורך פיעלע היסטאָריקער; עס זענען אָבער פאַרהאַן אײַניגע היסטאָרישע פאַקטען, וועלכע מיר קאָנען זיך זעהר שווער פאָרשטעלען: די צײַכען פון דער נאָהענטער אומוואַנדלונג זענען דאָך געוועזען אַזוי דײַטליך און קלאָר, אַז איהר אַלײַן האָט זיי אויך געדאַרפט זעהן. איך וואָלט וועלען, הער וועסט, איהר זאָלט מיר גענויער ערקלערען, וואָס פאַר אַ מײַנונג עס האָבען געהאַט די געלעהרטע פון אײַער צײַט וועגען דעם דעמאָלדיגען צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט. איהר האָט דאָך, ווענינסטענס, געדאַרפט פערשטעהן, אַז די ווירטשאַפטליכע און סאָציאַלע אונרוהען, די אונצופריעדענהײַט פון אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפטליכער אונגלײַכהײַט און דאָס אַלגעמײַנע עלענד און אָרעמקײַט פון דער מענשהײַט דיענען אַלס אַ צײַכען פון גרויסע פערענדערונגען.

— מיר האָבען עס, נאַטירליך, פערשטאַנען, — האָב איך איהם געענטווערט, — מיר האָבען געפיהלט, אַז די געזעלשאַפט האָט פערלוירען דעם אַנקער און איז געוואָרען אַ שפּיעלצײַג פאַר די וועלען. וואוהין זי וועט קומען, האָט קײַנער ניט געקאָנט זאָגען; נאָר אַלע האָבען מורא געהאַט אָנצוטרעפען אויף אונטערוואַסערדיגע פעלזען.

— און דאָך. — האָט דער דר. ליט געזאָגט, — האָט מען גאַנץ קלאָר געקאָנט פערשטעהן די ריכטונג, וואוהין עס האָט געשטרעמט, ווען איהר וואָלט זיך נאָר בעמיהט דאָס צו בעטראַכטען אַ ביסעלע טיעפער. די געזעלשאַפט איז ניט געגאַנגען צו אונטערוואַסערדיגע פעלזען, נאָר צו אַ טיעפען קאַנאַל.

— בײַ אונז איז געוועזען בעוואוסט אַ שפּריכוואָרט, —

האָב איך איהם געענטווערט: — „בעסער צו קוקען צוריק, איידער פאָראויס". ווערכעס איך שעץ איצט א סך ווענינער, אלס פריהער. אלעס, וואס איך קאן איך פון דעמאָלט איבערגעבען, איז נאר דאס, אז די מיינונגען דעריבער פון יענער געזעלשאפט זענען געוועזען זעהר פינסטערע, און איך וואָלט זיך אויף א האר ניט געוואונדערט, ווען איך וואלט, קוקענדיג פון אייער דאך, געזעהן א הויפען צעשטערטע הייזער אנשטאט דער איצטיגער פראכטפולער שטאדט.

— דאס, וואס איהר האט איצט געזאגט, — האט דער דר. בעמערקט, — וועט דינען אלס א גוטע פערטיידיגונג פאר סטאריאט'ן, וואס זיין מיינונג וועגען אייער עפאכע און זיין שילדערונג פון דער פינסטערניש און אונארדנונג, וואס האט געהערשט ביי די מענשען פון אייער צייט האט מען געהאלטען אלע מאל פאר איבער־טריבען, זעלבסטפערשטענדליך, אז אין א איבערגאנגס־פעריאָד איז די געזעלשאפט אויפגערעגט און צעטומעלט, נאר זעהענדיג, ווי קלאר און פראסט עס זענען געוועזען די שטרעבונגען פון די בעוועגענדע קרעפטען, וואלט נאטירליכער געוויען צו גלויבען, אז אין דער געזעלשאפט איז דאס הערשענדע געפיהל געוועזען די האפנונג, נישט דער שרעק.

— איהר האט דאך מיר אבער נאך אלץ ניט מיטגעטיילט דעם ענטווער, וואס איהר האט געפינען אויף די רעטעניש, — האב איך איהם בעמערקט, — שטעלט זיך פאר, ווי נייגיעריג איך בין צו וויסען, אויף וואס פאר אנ'אופן האבען געקאנט בעהערשען אייער לאנד דער פריעדען און וואהלשטאנד. אלס רעזולטאט פון אזא צייט, ווי אונזערע.

— ענטשולדיגט, — האט זיך אבגערופען דער בעל־הבית, — איהר רויכערט?

ווען מיר האבען פעררויכערט די ציגארען, האט ער ווידער אנגעפאנגען:

— אזוי ווי אייך געפעלט בעסער אנצופאנגען א געשפרעך, איידער שלאפען צו געהן, וועל איך מיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט אייך צו געבען א גענויע פארשטעלונג פון דעם איצ־

טיגען ווירטשאפטליכען סיסטעם, וועניגסטענס אום דערמיט אבּ־צוּווענדען די מיינונג, אז דער ענטוויקלונגס־פּראָצעס (עוואָלוציע) האָט אין זיך עפּעס א מין געהיימניס. די באָסטאָנער איינוואָהנער האָבען זיך אין אייער צייט געריהמט אלס די גרעסטע פּראַגרע־שטעלער, און איך, אלס זייערער א נאָכפאָלגער, וועל אויך אָנפאַנגען דערפון, וואָס איך וועל אייך פאָרלעגען א פראַגע. וואָס, אייגענטליך, איז געווען דער מעהר חאַראַקטעריסטישער צייכען פון די אַרבייטער־אונרוהען פון יענער צייט?

— די שטרייקען, נאַטירליך, — האָב איך געענטווערט.

— זעהר ריכטיג; אָבער וואָס האָט געמאַכט די שטרייקען אזוי שרעקליך?

— די גרויסע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס.

— וואָס איז געוועזען די אורזאַך דערפון?

— די אַרבייטער האָבען בעהויפּטעט, אז זיי מוזען זיך פעראייניגען, אום צו בעקומען זייערע רעכטע פון די גרויסע קאָרפּאָראַציעס.

— דאָס איז אויך זעהר ריכטיג, — האָט דער דר. געזאָגט. — די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס און שטרייקען זענען אַרויסגערופען געוואָרען דאַדורך, וואָס די קאָנצענטראַציע (צונויפ־זאַמלונג) פון'ם קאַפּיטאַל אין איינצעלנע הענד איז אַלץ שטאַרקער און מעכטיגער געוואָרען. איידער די קאָנצענטראַציע האָט זיך אָנגעפאַנגען, ווי לאַנג דער האַנדעל און די אינדוסטריע זענען נאָך געוועזען זעהר וועניג ענטוויקעלט, און מיט זיי האָבען זיך בעשעפטיגט פיעל קליינע אונטערנעהמער מיט קליינע קאַפּיטאַלען, אַנשטאָט א קליינער צאָהל גרויסע אונטערנעהמער מיט א גרויסען קאַפּיטאַל, — איז יעדער אַרבייטער געוועזען אונאַבהענגיג פון דעם אונטערנעהמער; אויסערדעם, אין יענער צייט, ווען א קליין קאַפּיטאַל אָדער א נייער אויפטהו איז גענוג געוועזען, אום יעדער מענש זאָל קאָנען אָנפאַנגען צופיהרען א זעלבסשטענדיגעס גע־שעפט, זענען די אַרבייטער געוועזען אַליין די בעלי־בתים, און עס איז, אַלזאָ, ניט געוועזען קיין גרויסער געגענזאַץ צווישען די ביידע קלאַסען. די אַרבייטער־פעראיינען זענען דעמאָלט ניט נויטיג

געוועזען און אלגעמיינע שטרייקען — זאגאר אונמעגליך. נאר ווען די קליינע געשעפטען מיט די קליינע קאפיטאלען זענען פערשוואונדען פון דער סצענע און האבען אבגעטראטען זייער פלאץ פאר די גרויסע קאפיטאלען, האט זיך אלעס אומגעענדערט. יעדער איינציגער ארבייטער, וואס איז פריהער געוועזען נויטיג פאר זיין קליינעם אונטערנעהמער, איז איצט געווארען אונבעדייטענד און קראפטלאז געגען די גרויסע קארפאראציעס; אין דער זעלבער צייט ווערט שוין פאר איהם אונמעגליך צו ווערן א בעל־הבית פאר זיך. אויף אזא'ן אופן זעהען מיר, אז די זעלבסט בעשיצונג האט געצוואונגען דעם ארבייטער זיך צו פעראייניגען מיט זיינע איבעריגע גענאסען (חברים).

די בעריכטען פון יענער צייט בעווייזען, אז דער פראטעסט געגען דער קאנצענטריערונג פון'ם קאפיטאל אין איינצעלנע הענד איז געוועזען שרעקליך גרויס. די מענשען האבען געמיינט, אז די גרויסע קארפאראציעס פיהרען די גאנצע געזעלשאפט צו אן' אבשייליכער טיראניע, אז די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען האבען פערפערטיגט פאר זיי נאך א שענדליכערע שקלאפעריי, אלס זיי האבען געהאט ביז יעצט: ניט א שקלאפעריי אונטער מענשען, זאנדערן אונטער דעם יאך פון מאשינען. א קוק געבענדיג צוריק, קאנען מיר זיך ניט וואונדערן אויף זייער פערצווייפלונג, ווייל אין דער אמת'ן איז נאך קיינמאל דער געזעלשאפט ניט פארגעשטאנען אזא עלענדעס און עקעלהאפטעס שיקזאל, ווי די עפאכע פון דער פעראייניגטער טיראניע, וועלכע זיי האבען געהאט צו ערווארטען. פון דעסטוועגען איז די מאנאפאליזירונג פון דער אינדוסטריע, ניט קוקענדיג דערויף, וואס מען האט געגען איהר געשטריטען, אלץ גרעסער און שטארקער געווארען. אין די פעראייניגטע שטאטען, וואו דיעזע טענדענץ האט זיך ענטוויקעלט גיכער, אלס אין אייראפא, איז, ענדע דעם נייצעהנטען יאהרהונדערט, גאר אונמעגליך געוועזען צו מאכען א וועלכעס עס איז געשעפט אהן א גרויסען קאפיטאל. אין פערלויף פון לעצטען צעהנדליג יאהר האט מען די קליינע געשעפטען, וואס זענען נאך פערבליבען פון דער פערגאנגענער

עפּאכע, כּמעט ניט געקאנט בעמערקען. די קליינע געשעפטען, אויף וויפיעל זיי זענען נאך איבערהויפּט געבליבען, האט מען געקאנט פערגלייכען צו מייז, וואס לעבען אין די לעכער, און אום צו קאנען עקזיסטירען, זוכען זיי צו בלייבען אונבעמערקט. אלעס, וואס איז געוועזען אין לאנד, פון די אייזענבאהנען ביז מאנופאקטור, איז פעראייניגט געווארען אונטער דער אנפיהרונג פון גרויסע סינדיקאטען. די סינדיקאטען האבען בעשטימט פרייזען און האבען דערשטיקט יעדע קאנקורענץ, סיידען עס זענען ענטשטאנען אויך אזעלכע גרויסע פעראיינען, וואס זענען געוועזען אזוי מעכטיג, ווי יענע. דאן פלעגט אויסברעכען א קאמפף, וועלכער האט זיך געוועהנליך געענדיגט דערמיט, אז דאס קאפּיטאל איז נאך מעהר קאנצענטריערט געווארען. דער גרויסער מארק אין שטאדט האט פערניכטעט זיינע קאנקורענטען אויפ'ן לאנד דורך זיינע אבטהיילונגען און האט פערשלינגען אין שטאדט גופא זיינע קליינע קאנקורענטען, ביז דער האנדעל פון א גאנצען קווארטאל האט זיך פעראייניגט אונטער איין דאך, און דארט האבען געדיענט הינדערטער, פריהער זעלבסטשטענדיגע קויפלייט, אלס האנדעלס דיענער. אזוי ווי דער קלייגער קאפּיטאליסט האט שוין מיט זיין געלד קיין אייגען געשעפט ניט געקאנט מאכען, האט ער ניט געפינען, דיענענדיג אליין ביי דער קארפּאראציע אלס קאמיע, קיין אנדערן ארט פאר איהם, אלס אין איהרע אקציען, און איז אלזא אין צווייען געווארען אבהענגיג פון איהר.

דער פאקט, אז דער פערצווייפעלטער ווידערשטאנד פונ'ם פאלק געגען דער פעראייניגונג פון דער געשעפטס'פיהרונג אין א קלענערער צאהל שטארקע הענד האט קיין ערפאלג ניט געהאט, בעווייזט, אז עס איז געוועזען דערויף א וויכטיגע אורזאך, א בעשטימטע ווירטשאפטליכע גרונדלאגע. די קליינע קאפּיטאליסטען מיט זייערע אונצעהליגע קליינע געשעפטען האבען, אין דער טהאט, דערפאר איבערגעבען דעם ארט דעם גרויסען קאפּיטאל, וויל זיי האבען געהערט צו אנ'אנדער פעריאד, ווען עס האבען זיך געברויכט נאר ארבייטער־הענד, און זענען גאר ניט געוועזען

צונעפאסט און פעהיג צו ערפילען די פאָדערונגען פון דער געזעלשאפט אין דער צייט פון דאמפף, טעלעגראפען און אנדערע ריעזיגע ערפינדונגען. פערקעהרט, אײנאָרדנען צוריק די „אלטע גוטע צייטען”, ווען אפילו עס וואָלט מעגליך געווען, הייסט עס אזוי גוט, ווי זיך אומקעהרען צו דער צייט, ווען מען איז געפאהרען מיט פערדפאסט. ווי שווער און אונערטרעגליך עס איז געוועזען די צענטראליזירונג פון דעם קאפיטאל, דאָך האבען אפילו איהרע קרבנות, ניט אויפהערענדיג צו שילטען דאס סיסטעם, געמוזט אנערקענען זיין גוטען איינפלוס אויף די נאציאָנאלע אינדוסטריע, אויף דעם איינשפאָרען פון קראפט און מיטלען, וואס איז ארויסגעקומען פון דער קאָנצענטרירונג און פון דער איינארטיגער אָרגאניזאציע, און מודה זיין, אז זייט מען האָט איינגעפיהרט דאס נייע סיסטעם, האָט זיך דער רייכטום פון לאנד אונגעהייער פערגרעסערט. עס פערשטעהט זיך, אז דאס האָט איבערהויפט בערייכערט די גבירים און האָט געמאכט דעם אונטערשיד צווישען זיי און די אָרעמע לייט נאָך קענטיגער און גרעסער. דאָך האבען מיר געוואוסט פאקטיש, אז אלס א מיטעל רייכטום צו שאפען וועט דאס אָרגאניזירטע קאפיטאל ברענגען די גרעסטע נוצען. איינצופיהרען דאס אלטע סיסטעם, צעטיילענדיג דאס קאפיטאל צווישען אלע, ווען עס וואָלט אפילו געווען מעגליך, וואָלט ווירקליך געבראכט צו א גרעסערער גלייכהייט פון די קלאסען, צו מעהר פערזענליכער פרייהייט, דערפאר אבער וואָלט עס געפיהרט צו אלגעמיינער אָרעמקייט און צו א שטילשטאנד אין דעם מאטעריעלען פראָגרעס.

איז דען ניטאָ קיין אנדער מיטעל אויסצונוצען די מעכטיגע קוועלע פון רייכקייט, אויסער זיך אונטערצוווארפען אונטער דעם יאָך פון דער פלוטאָקראטיע (געלד־אריסטאָקראטיע), אזוי ווי עס איז געוועזען אין קארטאגא?

ווי נאר די מענשען האבען פאָרגעלעגט די פראגע, אזוי האבען זיי גלייך געפינען אנ'ענטווער אויף איהר. די בעוועגונג, וואס האָט געהאט איהר צוועק צונויפצוזאמלען די געשעפטספיהרונג אין די הענד פון וועניגער און גרעסערע קאפיטאליסטען,

דאס שטרעבען צו מאנאפאלען, מיט וועלכע די געזעלשאפט האט אזוי פערצווייפעלט און הארטנעקיג געקעמפפט. האבען ענדליך געפינען זייער ריכטיגע ערקלערונג: אלס א פראצעס, וועלכער דארף נאר פערענדיגען זיין לאגישע ענטוויקלונג, אום צו געבען דער מענשהייט א גליקליכע, גאלדענע צוקונפט.

אין אנפאנג פון לעצטען יאהרהונדערט איז דער ענטוויקלונגס־פראצעס פאלקאם פערענדיגט געווארען דורך די קאנסאלידירונג (פערזיכערונג) פונ'ם גאנצען נאציאנאלען קאפיטאל. די אינדוסטריע און האנדעל פון לאנד, וועלכע זענען ביז יעצט געוועזען אונטער דער אויפזיכט פון פיעל אונפעראנטווארטליכע קארפאראציעס און סינדיקאטען (חברות) פון פראוואט־פערזאנען, וואס האבען געקוקט נאר אויף זייערע אייגענע, פערזענליכע אינטערעסען, זענען יעצט געווארען אנפערטרויט איין סינדיקאט, וועלכער איז בעשטאנען פון די פאלקס־פארשטעהער, אום זיי זאלען פיהרען די געשעפטען פאר אלעמענס גלייכע אינטערעסען און נוצען, ד. ה. די נאציע האט ארגאניזירט איין גרויסען געשעפטס־פערבאנד, אין וועלכען עס זענען אריין אלע איבריגע; זי איז געווארען דער אייציגער קאפיטאליסט אנשטאט פיעלע קאפיטאליסטען, דער אייציגער אונטערנעהמער, דער לעצטער מאנאפאליסט, אין וועלכען עס זענען פערשלונגען געווארען אלע פריהערדיגע קלענערע מאנאפאלען און אין וועלכען עס האבען אנטייל גענומען אלע בירגער פון לאנד. די עפאכע פון קרעדיט האט זיך געענדיגט מיט איין גרויסען קרעדיט. מיט איין ווארט, דאס פאלק פון די פעראייניגטע שטאטען האט בעקומען דאס רעכט צו פיהרען אויך די אינדוסטריע און געשעפט, ווי עס האט מיט הונדערט יאהר צוריק איבערנומען די פאליטישע רעגיערונג איבער'ן לאנד, — און האט זיך ארגאניזירט צו די אינדוסטריעלע צוועקען אויף די זעלבע גרונדלאגען, ווי צו די פאליטישע צוועקען. ענדליך, האטש זעהר שפעט אין דער וועלטגעשיכטע, האט זיך ארויסגעוויזען דער פאקט, אז קיין זאך קאן ניט זיין אזוי נוצבאר דעם פאלק, ווי די אינדוסטריע און האנדעל, פון וועלכע זיין עקזיסטענץ איז אבהענגיג, און אזא זאך צו פערטרויען פריוואט־פערזאנען, פאר זייער

אייגענעם נוצען, וואלט געוועזען אזא דומהייט, אקוראט ווי מען האט א מאל די פונקציעס (טהעטיגקייט, פערוואלטונג) פון דער פאליטישער רעגיערונג איבערגעבען פריוואט־פערזאנען, וועלכע האבען נאר געארבייט פאר פערזענליכע נוצען און רוחם.

— אזא געוואלטיגע איבערקעהרעניש, ווי איהר דערצעהלט, — האב איך געזאגט, — האט, נאטירליך, ניט געקאנט פאראיבערגעהן אהן בלוטפערגיסונג און שרעקליכע אונרוהען.

— אין געגענטייל, — האט געענטווערט דער דר. ליט, — עס איז דערביי אפילו ניט פארגעקומען דער קלענסטער געוואלט: די אומוואנדלונג האט מען שוין פון לאנג אן ערווארטעט, די עפענטליכע מיינונג איז שוין א צייט פריהער געוועזען פארבעריייטעט דערצו, און די גאנצע מאסע פון פאלק האט דערצו געשטימט. עס איז שוין ניט געוועזען מעהר די מעגליכקייט זיך צו שטעלען ענטגעגען מיט געוואלט אדער מיט גרינדליכע איבערצייגונגען. צווייטענס, האבען זיך שוין די געפיהלען פון פאלק געענדערט, און דער האס צו די גרויסע קארפאראציעס איז פערשוואונדען געווארען, ווי באלד זיי זענען אנערקענט געווארען אלס א היסטארישע נויטווענדיגקייט און א איבערגאנגספאזע אין דער ענטוויקלונג פון דעם ריכטיגען ווירטשאפטליכען סיסטעם. די גרעסטע געגנער פון די גרויסע פריוואט־מאנאפאלען זענען געצוואונגען געוועזען מודה צו זיין, ווי וויכטיג און נויטיג די מאנאפאלען זענען געוועזען, אום דאס פאלק צו ברענגען ביז דעם פונקט, ווען עס וועט אליין קאנען איבערנעהמען די פערוואלטונג פון געשעפט. מיט א יאהר 50 צוריק וואלט די פעראייניגונג פון אלע אינדוסטריעלע צווייגען אונטער די פאלקס־פערוואלטונג זיך אויסגעוויזען פאר א געפעהרליכען שריט אפילו פאר די היציגסטע קעפ. יעצט אבער האט די פראקטיק פון די גרויסע געשעפטס־געזעלשאפטען דעם פאלק געגעבען גאנץ נייע אידעען איבער דיזער פראגע. דאס פאלק האט איינגעזעהן, אז די סינדיקאטען געבען מורא'דיגע הכנסות און פיהרען די ארבייט פון הינדערטער טויזענדער מענשען מיט אזא ערפאלג און שפארזאמקייט, וועלכע מען קאן אין קליינע אפעראציעס ניט

דערגרייכען. עס איז געוואָרען אַנערקענט פאַר אַ כּלל אַז וואָס גרעסער דאָס געשעפט ווערט געפיהרט, אַלץ איינפאַכער זענען די פּרינציפּען, וואָס מען דאַרף צו דעם אָגוועגדען; און אַזוי ווי די מאַשין איז פּיעל פּינקטליכער פון דער האַנד, אַזוי גיט אויך דאָס סיסטעם אין גרויסע געשעפטען אַ סך בעסערן און ריכטיגערן ערפאָלג. דערפון איז אַרויסגעקומען, אַז ווען מען האָט, אַ דאַנק די אינדוסטריע־געזעלשאַפטען, פאָרגעלעגט דעם פאָלק צו נעהמען אויף זיך די אַנפיהרונג איבער זיי, האָט דער פאָרשלאַג ניט אויסגעוויזען אַזוי אונמעגליך אַפילו פאַר די שרעקעדיגע. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז געוועזען אַ געגוג דרייסטער שריט, נאָר דער פאַקט גופא, אַז די נאַציע אַליין איז געבליבען די איינציגע אינדוסטריע־געזעלשאַפט, האָט בעדאַרפט בעזייטיגען פיעלע שוועריגקייטען, מיט וועלכע די פּריוואט־געזעלשאַפטען האָבען געהאַט צו קעמפּפען.

---

## VI.

דער דר. ליט האָט אויפגעהערט צו רעדען, און איך האָב געשוויגען, זיך בעמיהענדיג אונטער דער צייט צו בעקומען אַן אַלגעמיינעם בעגריף פון די אונגעהייער גרויסע פערענדערונגען אין דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, ווי ער האָט מיר פאָרגעשטעלט.

— אייגענטליך, — האָב איך געזאָגט, — איז די אידעע פון אַזאַ פערברייטערטער רעגיערונגסטהעטיגקייט זעהר אַ וואונדערבאַרע.

— אַ פערברייטערונג! — האָט ער מיר איבערגעשלאָגען. — אין וואָס זעהט איהר זי?

— אין מיין צייט האָט מען גערעכענט, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער רעגיערונג בעשטעהט נאָר אין אויפהאַלטען דעם שלום און בעשיצען דאָס פאָלק פון שונאים, ד. ה. די

רעגירונג האט נאר געהאט א ריין מיליטערישע און פאליצייליכע מאכט.

— מיין גאט! — האט דער דר. אויסגעשריגען. — ווער זענען דאס, אייגענטליך, נאך אייער מיינונג, די שונאים פון פאלק? זענען דאס פראנקרייך, ענגלאנד, דייטשלאנד אדער — הונגער קעלט און ארעמקייט? אין אייער צייט פלעגען די רעגירונגען ביי'ם קלענסטען אינטערנאציאנאלען סכסוך בעצאהלען מיט'ן בלוט און געלד פון הונדערט־טויזענדער נפשות, דערצו נאך אהן א ברעקעל נוצען פאר די קרבנות פון דער מלחמה. איצט האבען מיר ניט קיין מלחמות, און אונזערע רעגירונגען האבען ניט קיין קריעגס־מאכט; נאר אום צו בעשיצען יעדען בירגער פון קעלט, הונגער און ארעמקייט און צו זארגען פאר זיינע קערפערליכע און גייסטיגע בעדערפענישען, ווערט דער רעגירונג יעדעס מאל אי־בערגעגעבען אויף א בעשטימטע צייט די פערוואלטונג איבער דער אינדוסטריע און האנדעל. ניין, הערר וועסט, איך בין איבערצייגט, אז ווען איהר זאלט אביסעל טיפער א קלער טהון, וועט איהר אליין איינזעהן, אז די פערברייטערונג פון דער רעגירונגסטהעטיגקייט איז אין אייער צייט געוועזען גרעסער, איידער אין אונזערער. איצט אפילו צו די בעסטע צוועקען גיט די געזעלשאפט ניט איבער דער רעגירונג אזא מאכט, ווי איהר האט איבערגעגעבען גאנץ אפט — צו שעדליכע און שלעכטע צוועקען.

— מילא, וועלען מיר נישט פערגלייכען אייער צייט צו אונזערער, — האב איך געזאגט, — אבער דאס קאן איך אייך זאגען, אז ביי אונז האט אנדערש ניט געקאנט זיין. די דעמאגאגיע *), ווי אויך די פערדארבענהייט פון אונזערע פאליטיקער האט נישט ערלויבט, מען זאל פערטרויען דער רעגירונג די פערוואלטונג איבער דער נאציאנאלער אינדוסטריע. מיר האבען גערעכענט, אז עס קאן ניט זיין ערגער, אלס צו פערטרויען די פאליטיקער די

*) דעמאגאגיע – פיהרען דאס פאלק דורך שווינדעל און געמיינע מיטלען. – דער איבערז.

אויפזיכט איבער די פראדוקציאנסמיטלען פון לאנד. די מאטעריעלע אינטערעסען האבען שוין אזוי אויך גענוג געבראכט צו מחלוקת צווישען אלע פארטייען.

— איהר האט, אהן צווייפעל, גאנץ רעכט געהאט, — האט דער דר. ליט געזאגט, — אבער איצט האט זיך דאס אלעס אומגעענדערט. מיר האבען ניט קיין פארטייען און פאליטיקער, און וואס איהר זאגט וועגען דעמאגאגיע און פערדארבענהייט, זענען דאס אזעלכע ווערטער, וועלכע האבען שוין איצט בלויז א היסטארישע בעדייטונג.

— ווי עס ווייזט אויס, האט זיך די מענשליכע נאטור אליין אויך זעהר אומגעביטען? — האב איך געזאגט.

— אויף א האר אויך ניט, — איז געוועזען דער ענטווער פון דר. ליט. — עס האבען זיך נאר געענדערט די מענשליכע לעבענסבעדינגונגען און מיט זיי אויך די אורזאכען פון דער מענשליכער פערדארבענהייט. די איינריכטונג פון דער געזעלשאפט אין אייער צייט איז געוועזען אזעלכע, אז די בעאמטע (טשינאווניקעס) זענען שטענדיג געשטאנען ביי'ם נסיון און האבען געהאט די מעגליכקייט צו געברויכען די מאכט פאר'ן איינענעם נוצען. ביי אזעלכע אומשטענדען איז גאר א וואונדער, אז איהר האט זיי גאר איבערהויפט געקאנט אנטרויען וועלכע עס איז געזעלשאפטליכע אנגעלעגענהייטען. איצט איז די געזעלשאפט אזוי איינגעארדנעט, אז א בעאמטער, וויפיעל לוסט ער זאל דערצו ניט האבען, קאן נישט אויסנוצען זיין מאכט פאר אייגענע, אדער פאר זיינעם א פריינדס אינטערעסען. ער קאן זיין א געמיינער בעאמטער, א פערדארבענער אבער קאן ער שוין ניט זיין, ווייל עס איז קיין אורזאך ניטא, ער זאל דאס ווערן. דאס סאציאלע סיסטעם בעלויהנט מעהר קיינעם ניט פאר אונעהרליכקייט. איבריגענס זענען דאס אזעלכע זאכען, וועלכע איהר וועט פערשטעהן ערשט מיט דער צייט, ווען איהר וועט מיט אונז מעהרער בעקאנט ווערן.

— איהר האט דאך מיר אבער ביז יעצט נאך אלץ ניט ערקלערט, ווי אזוי איהר האט פערענטווערט די ארבייטער־פראגע, —

האב איך בעמערקט. — נאכדעם אז דאס פאלק האט איבערנומען די פערוואלטונג איבער פאבריקען, מאשינען, אייזענבאהנען, לאנד־און בערג־ארבייט און איבערהויפט איבער'ן גאנצען לאנדס'קאפיטאל, איז דאך די ארבייטער־פראגע נאך אלץ געבליעבען אונפערענטווערט. געהמענדיג אויף זיך די אויפגאבען פונ'ם קאפיטאל, האט דאך דאס פאלק איבערגענומען אין דער זעלבער צייט אויך אלע שוויריגקייטען, וואס זענען געוועזען פערבונדען מיט איהם.

— ניין, — האט מיין בעל הבית געענטווערט, — פון דער מינוט אן, וואס די נאציע האט אויף זיך איבערגענומען די אויפגאבע פון איירע קאפיטאליסטען, זענען די אלע בעשווערונגען געפאלען. די ארגאניזאציע פון דער נאציאנאלער ארבייט אונטער איין פערוואלטונג איז געוועזען די פולשטענדיגע לעזונג פון יענער ארבייטער־פראגע, וואס האט אין אייער צייט און ביי אייער סיסטעם אויסגעזעהן פאר אונלעזבאר. ווען די נאציע איז געווארען דער איינציגער בעל־הבית, זענען אלע בירגער, טאקי צוליעב זייער בירגערטום, געווארען ארבייטער און האבען פערטיילט צווישען זיך די גאנצע נאציאנאלע אינדוסטריע.

— איהר האט, הייסט עס, גאנץ איינפאך אנגעווענדעט דעם פרינציפ פון אלגעמיינעם מיליטערדיענסט, ווי מען האט עס פערשטאנען אין אונזער צייט, אויף דער ארבייטער־פראגע?

— יא, כמעט אזוי. ווי נאר די נאציע איז געווארען דער איינציגער קאפיטאליסט, איז דאס פאלק שוין געוואוינט געוועזען צו'ם געדאנק, אז יעדער בירגער, אהן אונטערשיעד פון שטאנד, איז מחויב אבצוהיטען דעם מיליטערדיענסט צו בעשיצען דעם וואהלשטאנד פון פאטערלאנד. עס איז אלזא לייכט געוועזען איינצוזעהן אויך דעם חוב פון יעדען בירגער מיטצוהעלפען דעם לאנד אין מאטעריעלער, ווי אין גייסטיגער ארבייט; אבער דאס דורכצופיהרען מיט פולער איבערצייגונג האט מען געקאנט ערשט דאן, ווען דאס פאלק אליין איז געווארען דער אנפיהרער פון דער ארבייט. קיין ארבייטסארגאניזירונג איז ניט מעגליך געוועזען, ווי לאנג די מאכט צו פערטיילען די ארבייט האט זיך געפינען

אין די הענד פון הינדערטער אדער טויזענדער פערזאנען אדער קאמפאניעס, צווישען וועלכע עס איז קיינמאל קיין שלום ניט געוועזען. עס פלעגט זעהר אפט טרעפען, אז א גרויסע צאהל מענשען, וועלכע האבען פערלאנגט ארבייט, האבען זי ניט בעקומען; און פערקעהרט, די יעניגע, וועלכע האבען געוואלט אויסמיידען צו ארבייטען, האבען דאס זעהר לייכט געקאנט אויספיהרען.

— זענען איצט אלע געצוואונגען צו דיענען אין דער ארגאניזירטער אינדוסטריע?

— איהר האט א טעות, — האט דער דר. געזאגט. — אין דער איצטיגער צייט איז די ארבייט געווארען אזוי נאטירליך און פאר אלעמען פערשטענדליך, אז צווינגען צו איהר איז גאר איבריג. דעם מענשען, וועלכען מען וואלט דארפען צווינגען צו דער ארבייט, וואלטען אלע פעראכטעט. אונזער גאנצע געזעלשאפטליכע ארדנונג איז געגרינדעט אויף דעם פרינציפ פון אלגעמיינער ארבייט, און ווען עמיצער פון די בירגער וואלט זי וועלען אויסמיידען, וואלט ער ניט געפינען קיין מיטלען צו פערזיכערן זיין עקזיסטענץ. ער וואלט געצוואונגען געוועזען אבצושיידען זיך פון דער וועלט, זיך אבשניידען פון דער געזעלשאפט, מיט איין ווארט, — זיך אליין צו נעהמען דעם טויט.

— איז עס מעגליך אז אין דער אינדוסטריעלער ארמעע דיענט מען דאס גאנצע לעבען?

— א, ניין! די דיענסט־צייט הויבט זיך אן שפעטער און ענדיגט זיך פריהער, אלס דער דורכשניטליכער ארבייטספעריאד אין איער צייט. איערע ווערקשטאטען זענען געוועזען פערפולט מיט קינדער און אלטע לייט; ביי אונז ווערט די יוגענד־צייט אבגעגעבען אויף די ערציהונג, אויף גייסטיגע און פיזישע ענטוויקלונג; קוים הויבען — אן די פיזישע קרעפטען שוואכער צו ווערן, לאזען מיר דעם ארבייטער אפ אינגאנצען, ער זאל רוהען און הנאה האבען פון דער וועלט. די צייט פון ארבייטס־דיענסט הויבט זיך אן ביי אונז ענדע ערציהונגספעריאד, ד. ה. פון דעם 21־טען יאהר, און ענדיגט זיך אויפ'ן 45־טען יאהר. נאך דעם 45־טען יאהר קאן יעדער בירגער, חוץ טש ער האט שוין

דעם אלגעמיינעם ארבייטס־דינסט געענדיגט, אין א נויט, ווען עס טרעפט א קריטישע לאגע, דאס מען פאדערט א סך ארבייט, א מאל גערופען ווערן ביז 55 יאהר אלט; אזעלכע צופאלען טרעפען אבער זעהר זעלטען. דער 15־טער אקטאבער פון יעדען יאהר הייסט ביי אונז דער מושטירונגס־טאג אדער דער פריזיוור־טאג, וויל די יעניגע, וואס האבען דערגרייכט דעם 21־טען יאהר, ווערען אין דעם טאג צוגענומען צו ארבייטסדיענסט, און צוגלייך די יעניגע, וועלכע האבען נאך א 24־יעהריגען דינסט דערגרייכט דעם 45־טען יאהר, ווערען מיט כבוד פון איהם בעפרייט. דער טאג איז ביי אונז זעהר א וויכטיגער: פון איהם אן צעהלען מיר אלע אנדערע בעגעבענהייטען פון אונזער לעבען, דאס איז אונזער אלימפיאדע; דער אונטערשיעד איז נאר דערין, וואס ער איז ביי אונז א יעהרליכער.

---

VII.

— מיר דאכט, — האב איך איהם געזאגט, — נאכדעם, אז איהר האט שוין די גאנצע אינדוסטריעלע ארמעע צונויפגעזאמעלט, הויבען זיך ערשט אן שוועריגקייטען, וויל די פערגלייכונג מיט דער קריעגס־ארמעע קאן מען דא ניט בענוצען. וועהרענד די סאלדאטען האבען נאר שטענדיג צו טהון איין פראסטע ארבייט, זיך אויסלערנען, ווי זיך צו בעגעהן מיט וואפען, צו מארשירען און צו שטעהן אויף דער וואכט, — מוז די אינדוסטריעלע ארמעע אויסלערנען הינדערטער פערשיעדענע מלאכות און בעשעפטיגונגען. וואס פאר אפערוואלטונגסטאלאנט מוז מען דערצו האבען, מען זאל קאנען מיט שכל איינטיילען יעדען מיטגליעד די אדער יענע ארבייט און בעשעפטיגונג, צו וועלכע יעדער איז פעהיג.

— די פערוואלטונג האט גאר ניט נויטיג זיך אריינצומישען אין די ארבייטס־פערטיילונג

— ווער דען פערנעהמט זיך מיט דעם אײַנטײל'ען? — האָב איך געפרעגט.

— יעדער בירגער קלײַבט אַלײן אויס פאַר זיך די אַרבײט, צו וועלכער ער האט מעהר געבוירענע פעהיגקײטען. דער פּרינציפּ, אויף וועלכען עס איז געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע פון אונזער אינדוסטריעלער אַרמעע, בעשטעהט דערין, אז די נאַטיר־ליכע פעהיגקײטען פונ'ם מענשען, סײַ מאָראַלישע, סײַ פיזישע, בעשטימען, וואָס פאַר אַנ'אַרבײט ער קאָן איבערנעהמען, וואָס זאָל ברענגען מעהר נוצען דער נאַציע, ווי אויך איהם אַלײן. אויב די אַלגעמײנע דיענסט־פפליכט אין דער אָדער יענער פאָרם קאָן ניט אויסגעמײַדט ווערן, עקזיסטירט אָבער דערפאַר די פרײַע וואהל פון אַרבײט, אויף וויפיעל עס שטערט נישט דער נויטיגס־טער רעגוליערונג. אַזוי ווי די צופרידענהײט פונ'ם אַרבײטער הענגט־אָב אין דער דיענסט־צײַט דערפון, אויב ער האט אויס־געקליבען אַ מלאָכה נאָך זײַן אײגענעם געשמאַק, דעריבער קוקען זעהר נאָך די עלטערן און לעהרער די נײגונג פון די קינדער פון דער יוגענד אָן. דער וויכטיגסטער טײל פון אונזער ערציהונג בעשטעהט אין דעם אויסלערנען דאָס סיסטעם פון דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע און איהר געשיכטע, ווי אויך די בעקאַנטשאַפט מיט די הויפּט־טײלען פון האַנדעל. חאָטש די האַנד־אַרבײט געהט ניט אַרײַן אין דאָס פּראָגראַם פון דער בילדונג, וואָס ענטהאַלט אין זיך אַלגעמײנע וויסענשאַפטען, פון דעסטוועגען ווערט געגעבען אונזער יוגענד טעאָרעטישע ידיעות איבער פערשידענע מלאָכות. אויסערדעם, בעזוכען זײ גאַנץ אָפט די ווערקשטאַטען און פאָהרען שטענדיג אויף עקסקורסען (אַ רײַזע צו אַ וויסענשאַפטליכען צוועק) צו בעקוקען פאַבריקען און געשעפטען. אין אײַער צײַט האט זיך אַ בירגער ניט געשעמט דערמיט, וואָס ער האט פערשטאַנען בלויז זײַן אײגען געשעפט און איז געוועזען אין אַלע אַנדערע אַנ'עם־הארץ; בײַ אונז קאָן אַזאַ אונוויסענהײט ניט שטימען מיט דער אידעע — יעדער אײנציגער זאָל האָבען די מעגליכקײט אויס־צוקלײַבען אַ ספּעציעלע בעשעפטיגונג, צו וועלכער ער האט מעהר לוסט און פעהיגקײט. געוועהנליך ווערט שוין דער יונגער־

מאן בעקאנט מיט א צייט פריהער, איידער ער טרעט אריין אין דיענסט, מיט דער ארבייט, מיט וועלכער ער קלערט זיך צו בעשעפטיגען; ער געוואוינט זיך גאנץ גוט איין צו דעם סארט ארבייט. און ער ווארט שוין אונגעדולדיג אויף די צייט, ווען ער וועט שוין קאנען א מאל אנהויבען. אין פאל, ווען ער האט איבערהויפט ניט קיין בעזונדערע פעהיגקייטען און האט צו דער צייט קיין פאך ניט אויסגעקליבען, דאן גיט איהם די רעגירונג אליין אזא ארבייט, וואס זאל איהם ניט זיין אזוי שווער.

— עס איז דאך אבער געוויס אונמעגליך, אז די צאהל פון די, וואס קומען זיך מעלדען אויף א בעשטימטע בעשעפטיגונג, זאל פינקטליך שטימען מיט דער צאהל ארבייטער, וועלכע עס פאדערט זיך אין דיעזען פאך. עס מוז, אלזא, זיין א מאל מעהרער און א מאל וועניגער, אלס די נאכפראגע איז, — האב איך בעמערקט.

— איהר האט א טעות, — האט מיר דער דר. געענט־ווערט. — אז דער אנגעבאט פון די פרייוויליגע זאל שטימען מיט דער נאכפראגע, — דאס האט שוין די פערוואלטונג איהר אויפגאבע צו זארגען דערפאר. אויב מען זעהט, אז דער אנגעבאט איז אין עפעס א פאך גרעסער, אלס די נאכפראגע, נעהמט מען דערפון ארויס, אז דיעזע מלאכה ציהט־צו מעהר מענשען אלס אנ־דערע. פערקעהרט, אויב די צאהל פון דעם אנגעבאט איז קלענער פון דער נאכפראגע, פערשטעהט מען דערפון, אז די פראפעסיע איז א שווערערע. די אויפגאבע פון דער פערוואלטונג איז אויסצוגלייכען די אנציהונגס'קראפט פון אלע מלאכות פאר די, וואס האבען צו זיי א נייגונג. דאס בעקומט מען דורך דעם, וואס מען מאכט פערשיעדען דעם ארבייטס־טאג אין פערשיעדענע מלאכות. די לייכטערע ארבייט, וואס ווערען געמאכט ביי בעסערע בעדינגונגען, האבען אויף אזא אופן א גרעסערן ארבייטס־טאג, אין דער צייט וואס שווערערע ארבייט, ווי צ. ב. ש. בערג־ארבייט (וואו עס ווערען געגראבען שטיינקויהלען, מעטאלען א. ד. ג.) האבען א קלענערן ארבייטס־טאג. ביי אונז איז ניטא אזא טעאריע, וועלכע זאל גענוי בעשטימען פאראויס די שווערקייט פון

יעדער ארבייט. די פערוואלטונג פיהרט זיך דא לויט דעם פרינציפ, אז קיין מענש דארף ניט ארבייטען שווערער, אלס דער אנדערער, און אין דעם פאל קאן מען דאס דערגעהן פון די ארבייטער גופא: דאס ווערט אויסגעדריקט דורך די פערגרעסערונג אדער פערקלענערונג פון דער צאהל פרייוויליגע אויף א בעשטימטע מלאכה. אויב עס איז דא אזא שווערע מלאכה, וואס די ארבייטער וואלטען אפילו פאדערן צו בעשעפטיגען זיך מיט איהר נישט מעהר אלס צעהן מינוט, וואלט מען אזא פאדערונג אויך געוויס נאכגעגעבען; און אויב אויף א מלאכה-וואלטען זיך גאר קיין בעלנים נישט געפינען, וואלט מען זיך בעגאנגען אינגאנצען אהן איהר. אבער פאקטיש, פערשטעהט זיך, איז גאנץ גענוג צו פערקלענערן אדער צו פערגרעסערן דעם ארבייטסטאג, אום צו בעקומען די נויטיגע צאהל ארבייטער פאר יעדע מלאכה. נאר לאמיר אפילו רעכענען, אז די אונפערמיידליכע שווערקייט און געפאהרען, וואס זענען פערבונדען מיט עפעס א בעשעפטיגונג, וואלטען געוועזען אזוי גרויס, אז קיין גוטע בעלוינונג און אנדערע נוצען וואלטען ניט געקאנט גובר זיין דעם מענשליכען האס צו דעם דאזיגען פאך, — דאן דארף נאר די פערוואלטונג איהם אויסשליסען פון דער אלגעמיינער צאהל מלאכות, איהם ערקלערען אלס א שעדליכען און צו פערשפרעכען א פאלקס-דאנק דעם, ווער עס וועט איהם אויסקלייבען, — וועלען זיך שוין געפינען בעלנים אויף איהם. אונזערע יונגעלייט זענען זעהר עהרגייציג און לאזען ניט דורך קיין געלעגענהייט זיך אויסצוצייכנען. דערפון וועט איהר שוין פערשטעהן, אז דאדורך, וואס יעדערער קלייבט זיך אויס לויט פרייען ווילען א ספעציעלע ארבייט, זענען די אונגעזונדע ארבייטס-אומשטענדען און געפאהרען פון זיך זעלבסט פערשוואונדען געווארען: געזונדהייט און זיכערקייט זענען די נויטווענדיגסטע בעדינגונגען אין יעדען אינדוסטריעלען פאך. די נאציע פערניכטעט ניט איהרע ארבייטער טויזענדערוויז, ווי עס האבען געטהון די פריוואט-קאפיטאליסטען און אקציען-געזעלשאפטען אין אייער צייט.

— ווי איז, ווען עס מאכט זיך א איבערפלוס אין ארבייטער,

וואָס ווילען בעטרעטען איין און דעמזעלבען פאַך, וועמען פון זיי וועט איהר בעסער אָננעהמען?

— ביליגער זענען די, וואָס האָבען ערוואָרבען מעהר קענטעניסען אין דעם פאַך, צו וועלכען זיי אַלע שטרעבען. איבריגענס, ווערט קיינעם, וועלכער פערלאַנגט דורכאויס אין פערלויף פון איינינע יאָהר צו בעקומען אַ בעשטימטע בעשעפטיגונג, ניט ענטזאַגט. אויב אַ בירגער קען גלייך ניט בעקומען אַן אָרט אין זיין אויסדערוועהלטען פאַך, בעקומט ער געוועהנליך אַנדערע אַרבייט, חאָטש ער האָט אין זיי אַ קלענערן בעגריף. יעדער איינציגער קען פּרובען זיין טאַלענט ניט דווקא אין איין פאַך, נאָר אין 2—3, אַזוי, אַז ווען ער הויבט־אָן זיין קאַריערע אָדער ווען ער האַלט ביי איהר ענדע, צוליעב דעם פאָרשריט אין די ערפינדונגען אָדער ענדערונג אין דער נאַכפראַגע האָט ער די מעגליכקייט צו בעטרעטען זיין פאַך. אָט דער פּרינציפּ פון זייטיגער בעשעפטיגונג איז פאַר אונזער סיסטעם זעהר וויכטיג. איך מוז אייך נאָך זאָגען, אַז די פערוואַלטונג האָט דאָס רעכט, ניט אָבטרעטענדיג בכלל פון פריען ווילען ביי'ם אויסקלייבען אַ מלאכה, צונויפצורופען, ווען עס ווערט פּלוצלונג אַ מאַנגעל אין פריוויליגע פאַר עפּעס אַ ספּעציעלעם האַנדווערק, אָדער אין אַ אונגעריכטער נויטווענדיגקייט אין אַרבייטס־קראַפט, בשעת עס פערגרעסערט זיך די נאָכפראַגע, בעזונדערע פריוויליגע אָדער איינצוציהען פון אַנדערע אַרבייט די נויטיגע אַרבייטס־קראַפט. געוועהנליך ווערען אין אַזאַ פאַל גענומען ניט קיין אויסגעלערנטע, פּראָסטע אַרבייטער.

— ווי ווערען אָבער די פּראָסטע אַרבייטער ביי אייך צוזאַמענגערופען? — האָב איך געפרעגט. — איך גלויב, אַז אין דעם פאַך וועט קיינער פריוויליג ניט אַריינטרעטען.

— ביי אונז איז אַ כלל, אַז אַלע רעקרוטען פון דער אינדוסטריעלער אַרמעע מוזען אָבדינען אין דער אָבטהיילונג ניט ווייניגער פון דריי יאָהר. ערשט נאָך דעם פעריאָד, אין וועלכען דער יונגערמאַן טהוט אַלע אַרבייט נאָכ'ן בעפעהל פון זיין אויבער (נאַטשאַלניק), האָט ער דאָס רעכט אויסצוקלייבען אַ ספּעציעלע

אַרבײַט. אָט די דרײַ יאָהר פון שטרענגער דיסציפּלין קאָן קײנער ניט אויסמײַדען, און די יונגעלײַט זענען גליקליך, ווען זײַ ווערען פּטור פון דער שטרענגער שולע און קאָנען שוין אויסקלײַבען לויט פרײַען ווילען אַ וועלכע עס איז בעשעפטיגונג. ווען עס וואָלט זיך געפינען אַזאַ נאַרישער מענש, וואָס וואָלט ניט אויסגעקליבען קײן ספּעציעלען פאַך, וואָלט ער גאַנץ אײנפאַך געבליבען אַ פּראָסטער, געוועהנליכער אַרבײַטער. דאָס קומט אָבער פאָר זעהר זעלטען. דערבײַ דאַרפט איהר אויך ניט פערגעסען, אַז קײנער איז ניט מחויב זיך צו בעשעפטיגען מיט אײן ספּעציעלער אַרבײַט דאָס גאַנצע לעבען. פערקעהרט, עס ווערט יעדען אַרבײַטער ערלויבט, נאַטירליך אונטער געוויסע בעדינגונגען און אין שטימונג מיט די פאָדערונגען פון דיענסט, פרײַ אַריבערצוגעהן אין אַנ׳אַנדער אינדוסטריע־צווײַג, אויב ער ווײסט, אַז אין יענעם פאַך וועט איהם זײַן בעסער צו אַרבײַטען, אַלס אין דעם פריהערדיגען. אויסערדעם, קאָן אַנ׳אַרבײַטער, אויך אונטער געוויסע בעדינגונגען און ניט צו־אָפט, ווערען אַריבערגעפיהרט אין אַנ׳אַנדער שטאָדט אין דעם זעלבען אינדוסטריעלען פאַך, אויב ער פערלאַנגט עס איבער געוויסע אורזאַכען. אין אײַער סיסטעם האָט אויך געקאָנט אַ אונצופריעדענער אַרבײַטער זיך ענטזאַגען פון דער שטעלע, דאַן אָבער וואָלט ער פערלוירען זײַן גאַנצע חיונה. בײַ אונז אָבער איז די צאָהל מענשען, וואָס ווילען וואַרפען אַנ׳אײַנגעוואוינטע בעשעפטיגונג צוליעב אַ נײַער און זיך שײדען מיט אַלטע פרײַנד און גענאָסען — זעהר קלײַן. נאָר די שלעכטע אַרבײַטער האָבען דאָס רעכט, ווי ווײַט דאָס געזעץ ערלויבט, אומצובײַטען די מלאכה. איבערגעהן אויף אַנ׳אַנדער פאַך אָדער אינגאַנצען וואַרפען די אַרבײַט, ווען דאָס געזונד פאָדערט עס, ווערט אומגעזוימט ערלויבט.

— פאַר דעם גאַנג פון דער אינדוסטריע, — האָב איך בעמערקט, — מוז דאָס סיסטעם געוויס גוט זײַן; אָבער איך זעה ניט, אַז דאָס זאָל ברענגען אַ גלײַכען נוץ פאַר די יעניגע, וועלכע דיענען דער געזעלשאַפט מיט׳ן קאָפּ אַנשטאָט מיט די הענד. איהר קאָנט דאָך, נאַטירליך, אָהן געלעהרטע מענשען, אָהן קאָפּ־

אַרבײַטער ניט אויסקומען. ווי וועלען זיי אויסגעקליבען פון צווישען די, וואָס דינען אַלס לאַנדאַרבײַטער אָדער בעלי־מלאכות? דאָס מוז דאָך געפיהרט ווערן זעהר פאָרזיכטיג.

— אַזוי איז עס טאַקי אין דער ווירקליכקייט, — האָט דער דר. געענטפערט. — עס איז דאָ נויטיג זעהר פאָרזיכטיג צו זײַן, דעריבער לאָזען מיר איבער די פראַגע, מיט וואָס זיך צו בעשעפטיגען, מיט'ן קאָפּ אָדער מיט דער האַנד, דעם בירגער אַליין. ווען ער ענדיגט זײַן דרײַיעהריגען דינסט, וואָס יעדער אײַנציגער מוז איהם דורכמאַכען, פערשטעהט ער שוין אַליין, וואָס עס וועט פון איהם אַרויסקומען: אַ קינסטלער אָדער אַ געלעהרטער, אַ לאַנדאַרבײַטער אָדער אַ בעל־מלאכה. אויב ער פיהלט, אַז ער קאָן בעסער אַרבײַטען מיט'ן מח, איידער מיט די מוסקעלן, געפינט ער אַלע נויטיגע מיטלען ווי אויסצובילדען זיך, צו ענטוויקלען אין זיך די פעהיגקייט. די שולען פאַר טעכניק, מעדיצין, מוזיק און אַלע אַנדערע העכערע וויסענשאַפטליכע לעהרען אָדער קונסט זענען אָפען פאַר אַלעמען אין יעדער צײַט.

— זענען אַקאָרשט ניט פול די שולען מיט יונגעלײַט, וואָס מײַנען אויסמײַדען אויף אַזאַ'ן אופן די אַרבײַט?

דער דאָקטאָר האָט אַ שמייכעל געטהון אַביסעל סאַרקאַסטיש.

— זײַט רוהיג, קיין איינער טרעט נישט אַרײַן אין די פראָפעסיאָנעלע שולען, כדי ניט צו אַרבײַטען; זיי זענען בעשטימט פאַר די יעניגע, וועלכע האָבען אַ בעזונדערן לוסט און פעהיגקייט צו די זאַכען, וואָס ווערען דאָרט געלערנט, און ווער עס האָט ניט די פעהיגקייטען, וועט בעסער זײַן צופריעדען צו אַרבײַטען 2 מאָל אַזויפיעל אין זײַן מלאכה, איידער צו זײַן אַ שילער אין דער פראָפעסיאָנעלער שולע. נאַטירליך האָבען פילע אַ טעות אין זייער פעהיגקייט און זעהענדיג, אַז זיי טויגען ניט צו דער שול־לעהרע, געהען זיי פון דאָרטען אַ וועק און קעהרען זיך אום צוריק צו דער אינדוסטריעלער אַרבײַט. דאָס איז פאַר זיי קיין בושה ניט, ווײַל דער צוועק פון דער געזעלשאַפט איז נאָר צו ענטוויקלען יענע טאַלענטען, וועלכע קאָנען זיך אַרויסווײַזען בײַ

דעם, ווער עס האט זיי, דורך גוטע אויסבילדונג. די פראפעס־יאנעלע שולען פלעגען אין איינער צייט ארויסגעבען דיפלאמען גאנץ אונפעהיגע פערזאנען, וועלכע האבען נאכהער בעטראטען בעשטימטע שטעלען. אונזערע שולען זענען פון פאלק גופא געגרינדעט, און אויב עס ענדיגט ווער אין זיי א קורס, בעווייזט עס, אהן צווייפעל, אז ער האט א בעזונדערן טאלענט אין א בעשטימטער פראפעסיע.

— אט די פראפעסיאנעלע בילדונג, — האט פארטגעזעצט דער דר., — איז פאר אלעמען אפען ביז 35 יאהר אלט. דער נאך נעהמט מען זיי שוין מעהר ניט אן צו שטודירען, דען אויף אזא'ן אופן וואלט זיי געבליבען זעהר וועניג צייט צו דינען דער געזעלשאפט. אין איינערע צייטען האבען נאך גאר יונגע יונגלעך זיך געמוזט אויסקלויבען א פראפעסיע, און דעריבער האבען אפט די יונגע מענשען ניט פערשטאנען זייער טאלענט. איצט אבער איז אנערקענט, אז ביי איינציגע ענטוויקלען זיך די געבוירענע פעהיגקייטען פיעל שפעטער, אלס ביי אנדערע, און דעריבער, חאטש א יונגערמאן קאן זיך אויסקלייבען א פראפעסיע פון 24 יאהר אלט, פון דעסטוועגען דערלעגט מען איהם נאך 11 יאהר דערויף.

ווען מיר האבען געענדיגט רעדען וועגען דער פראפעס־יאנעלער בילדונג, האב איך בעריהרט די פראגע, וואס האט מיך זעהר אינטערעסירט, נעמליך, אויף וואס פאר אנ'אופן עס ווערט פאנאנדערגעטיילט די שכירות.

— פון דער צייט־אן, וואס די נאציע איז געווארען דער איינציגער בעל־הבית, דארף די רעגירונג איינארדנען און בעשטימען דעם ארבייטסלוין, ד. ה. וויפיעל יעדערער, פון דעם דאקטאר ביז דעם טאגארבייטער, זאל פערדינען. איך קאן אייך זאגען, אז אין אונזער צייט האט מען דאס סיסטעם ניט געקאנט אריינפיהרען אין לעבען, און איך פערשטעה ניט, ווי מען האט דאס גאר איצט געקאנט, סיידען די מענשליכע נאטור האט זיך געענדערט. אין מיין צייט איז קיינער ניט געוועזען צופריעדען מיט זיין געהאלט אדער ארבייטסלוין. אפילו ווען דער ארבייטער

האָט גוט געוואוסט, אַז ער בּעקומט גאַנץ געַנוג, איז ער דאָך געוועזען אונרוהיג דעריבּער, וואָס זײַן בּעקאַנטער בּעקומט מעהר פון איהם, דאָס איז איהם ניט אַנגעשטאַנען. היינט שטעלט זיך פאָר די לאַגע פון דער רעגירונג, ווען די אַלגעמיינע אונצופרידענהײַט, וואָס איז געוואָרען אויסגעדריקט דורך שטרייקען און קללות געגען די אונצופּעהליגע אונטערנעהמער, וואָלט זיך אויסגעגאָסען אויף איהר אַליין!

— זעהר ריכטיג, זעהר ריכטיג, — האָט דער דר. געגענטוועֶרט מיט אַ שמייכעל. — אַנ'אַלגעמיינער אויפשטאַנד וואָלט געקומען בּײַ דעם ערשטען צאָהלונגסטאָג, און אַ אויפשטאַנד, וואָס געהט דירעקט געגען די רעגירונג, הייסט אַ רעוואָלוציע.

— ווי קאָנט איהר אָבּער אויסמיידען אַ רעוואָלוציע אין אַ צאָהלונגסטאָג? — האָבּ איך זיך פּערַאינטערעסירט. — מעגליך, אַז אַ נײַער פילאָזאָף האָט ערפינדען אַ נײַעם רעכנונג־סיסטעם, וואָס בּעפריעדיגט אַלעמען, בּעשטימענדיג דעם געגויען ווערטה פון יעדער סאָרט אַרבּײַט, סײַ פיזישע, סײַ גײַסטיגע, אָדער די מענשליכע נאַטור אַליין האָט זיך אַזוי פערענדערט, אַז קיינער זאָרגט שוין מעהר ניט פאַר אײַגענע אינטערעסען, נאָר פאַר פרעמדע. די פראַגע האָט געמוזט ערלעזט ווערן אויף אײַנעם פון די בּיידע אופנים.

— נישט דאָס און נישט יענס, — האָט דער דר. לאַבּענדיג געענטוועֶרט. — און איצט, הער ווערסט, האָט ער ווײַטער געזאָגט, דאַרפט איהר ניט פערגעסען, אַז איהר זענט מײַנער אַ פּאַציענט (חולה), ווי אויך מײַן גאַסט, און דעריבּער ערלויבּט מיר אײַך צו דערמאָנען, אַז עס איז שוין צײַט שלאָפען צו געהן. דער זייגער האַלט שוין נאָך דרײַ. מאָרגען, ווען איהר וועט זיך אַ בּיסעלע אויסרוהען, וועלען מיר ווײַטער שמועסען.

— איהר זענט אַנדאי גערעכט, — האָבּ איך געזאָגט, — אָבּער איך צווייפעל, אויבּ דאָס קאָן אויסגעפיהרט ווערן.

— וועגען דעם וועל איך שוין זאָרגען, — האָט דער דר. געענטוועֶרט, און האָט מיר גלייך געגעבּען אויסצוטרינקען אַ גלאָז

ווײַן אָדעֶר אַנ'אַנדעֶר געֶטראַנק, פוּן וועֶלכעֶן אִיךְ האָבּ וועָהר גִיךְ אײַנגעֶשלאָפעֶן.

---

## VIII.

ווען אִיךְ בִּין אויפגעֶשטאַנעֶן פוּן שלאָף, האָבּ אִיךְ זִיךְ געֶפִיהלט זעֶהר מוּנטעֶר אוּן בִּין געֶבּלִיעבּעֶן אַ רעֶכטעֶ צײַט לִיעגעֶן אִין בּעֶט דרִימלעֶנדִיג, צוּ געֶנִיעסעֶן אַ בִּיסעֶל קעֶרפּעֶרלִיכעֶן תַּעֲנוּג. די אײַנדרִיקעֶן פוּן געֶכטִיגעֶן טאָג, מײַן עֶרוואַכעֶן אִין צווייטויזענדסטעֶן יאָהר, דאָס אויסזעֶהן פוּן נײַעֶן באָסטאָן, די בּעֶקאַנטשאַפט מִיט מײַן בַּעַל־הַבַּיִת אוּן זײַן פאַמִילִיעֶ אוּן די וואוּנדעֶרבּאַרעֶ זאַכעֶן, וואָס אִיךְ האָבּ פוּן זײ געֶהעֶרט, — דאָס אַלעֶס אִיז אִינגאַנצעֶן פוּן מײַן זִינעֶן אַרוּיס. אִיךְ האָבּ מִיר פאָרגעֶשטעֶלט, אַז אִיךְ געֶפִין זִיךְ בּײַ זִיךְ אִין שלאָפצִימעֶר, אוּן די פאַנטאַזיעֶ־בִּילדעֶר, וואָס אִיךְ האָבּ געֶזעֶהן, האַלבּ אִין חָלוֹם אוּן האַלבּ אויפ'ן וואָהר, האָבּעֶן געֶהאַט אַ שַׁיָיכוּת צוּ מײַן פרִיהעֶרִיגעֶן לעֶבּעֶן. דרִימלעֶנדִיג, האָבּ אִיךְ זִיךְ דעֶרמאָנט אָן אַלעֶ אײַנצעֶלהײַטעֶן פוּן יעֶנעֶם פרעֶהלִיכעֶן דעֶקאָראַציאָנסטאָג, מײַן שפּאַצִיעֶרגאַנג מִיט יהוּדִית'ן אוּן אִיהר מִשְׁפָּחָה צוּ'ם בּאַרג אויבּעֶרן אוּן דעֶם מִיטאָג מִיט זײ צוּזאַמעֶן, קוּמעֶנדִיג צוּרִיק אַ הײם. אִיךְ האָבּ זִיךְ דעֶרמאָנט, ווי שעֶן יְהוּדִית האָט אִין יעֶנעֶם טאָג אויסגעֶזעֶהן, אוּן דעֶרפוּן האָבּ אִיךְ אָנגעֶהויבּעֶן צוּ קלעֶרעֶן פוּן אוּנזעֶר חֲתוּנָה; אָבּעֶר ווי נאָר אִיךְ האָבּ דעֶרפוּן אָנגעֶפאַנגעֶן צוּ טראַכטעֶן, האָט זִיךְ מײַן דרִימעֶל אִיבּעֶרגעֶרִיסעֶן: אִיךְ האָבּ זִיךְ דעֶרמאָנט אָן דעֶם בּרִיעף, וואָס אִיךְ האָבּ פוּן אָווענד בּעֶקוּמעֶן, אִין וועֶלכעֶן דעֶר בּוימײַסטעֶר האָט מִיר מוֹדִיעַ געֶוועֶזעֶן פוּן די נײַעֶ שטרײַקעֶן, וואָס האָבּעֶן געֶקאָנט אָבּצִיהעֶן דאָס עֶנדִיגעֶן מײַן הויז. דעֶר וועֶהטאָג, וואָס מִיר האָט די עֶראִינעֶרוּנג אָנגעֶמאַכט, האָט מִיר אִינגאַנצעֶן צעֶשלאָגעֶן דעֶם שלאָף. אִיךְ האָבּ זִיךְ דעֶרמאָנט, אַז אִיךְ האָבּ בּעֶשטעֶלט מִיט'ן בּוימײַסטעֶר זִיךְ עֶלף אַ זײגעֶר צוּ טרעֶפעֶן, זִיךְ

דורכצושמועסען מִכֹּחַ דעם שטרײַק, און עפענענדיג די אויגען, האָב איך גלײַך אַ קוק געטהון אויפ'ן זײגער, · וואָס איז געהאָנגען צופיסענס איבּער מײַן בּעט, אָבּער קײַן זײגער האָב איך דאָרטען ניט געפינען. אויסערדעם, האָב איך בּעמערקט, אַז איך געפין זיך גאָר איבּערהויפּט ניט אין מײַן צימער. שנעל אויפהײבּענדיג זיך פון קישען, האָב איך ווי צעמישט גענומען אַרומקוקען מײַן מערקווירדיגע וואָהנונג. עס זענען אַוועק אײניגע סעקונדען, זוי איך בּין אַזוי געזעסען אין בּעט, וואַרפענדיג אַרום זיך אַ צעמישטען בּליק, און ניט זײַענדיג אימשטאַנד זיך ריכטיג פאָרצושטעלען וואָס עס טהוט זיך מיט מיר און וואו איך בּין אין דער וועלט.

עס גיט גאָר קײַן ווערטער ניט אויסצודריקען די גײַסטיגע לײַדען, וואָס איך האָב אויסגעליטען אין דער קורצער צײַט. איך געדענק ניט, ווי לאַנג דער דאָזיגער צושטאַנד האָט געדויערט, נאָר מיר האָט זיך אויסגעדוכט — אַן'אײבּיגקײַט; ענדליך האָב איך זיך דערמאָנט, ווער איך בּין, ווי אַזוי איך בּין אַהער אַרײַנגעפאַלען, און אַז די אַלע מַעשׂיות פון נעכטיגען לעבען, וואָס זענען ניטלאַנג דורכגעפלויגען אין מײַנע געדאַנקען, האָבען געהערט צו אַזאַ דור, וואָס איז שוין לאַנג־לאַנג געוואָרען תּהו וָבהו. אַרויסשפּרינגענדיג פון בּעט, בּין איך געבּליבּען שטעהן אין מיטען צימער און געדריקט מיט די הענד די שלײפען, כְּדֵי אײַנצושטילען דאָס קלאַפּען פון די אָדערן. נאָכדעם בּין איך צוריקגעפאַלען אויף דאָס בּעט, אײַנגעגראָבּען דעם קאָפּ אין קישען און געלעגען אונבּעוועגליך. די אונפערמײַדליכע רעאַקציע נאָך דער גײַסטיגער אָנשטרענגונג, דאָס גײַסטיגע פיעבּער, וואָס האָט פערטראָטען דעם פּלאַץ פון מײַן שרעקליכער אויפרעגונג, זענען אָנגעקומען מיט זײער גאַנצען כֹּחַ. ווען איך האָב אָנגעהויבּען פערשטעהן מײַן ריכטיגע לאַגע, וואו איך האַלט אין דער וועלט, האָט מיך אָנגעחאַפּט אַ גײַסטיגער קריזיס, און מיט צוזאַמענגעדריקטע צײהן און מיט אַ שווער קלאַפּענדיג האַרץ, פערקלעמענדיג זיך אין בּעט מיט אַ ווילדער קראַפט, בּין איך געלעגען און זיך געראַנגעלט מיט אַלע כּחות אום צופערהיטען מײַן פערשטאַנד. אין מײַן קאָפּ

האט זיך אלעס איבערגעמישט: געפיהלען, געוואוינהייטען, געדאנקען, פארשטעלונגען וועגען מענשען און זאכען, — אלעס־אלעס האט זיך געמישט און פערניכטעט געווארען, פון אלסדינג איז געווארען א מין תהו ובהו; מעהר, אלס דער רצון, איז ניט געבליעבען; נאר איז דען געוועזען דער מענשליכער ווילען אזוי שטארק, ער זאל קאנען איינשטילען דעם רוישענדען ים? איך האב גאר ניט געקאנט דערויף האפען. ווי נאר איך האב פראביערט ארומצוטראכטען מיין לאגע, האט מיר גלייך אנגעהויבען צו שווינדלען אין קאפ. איך האב געוואוסט, אז איך בין שוין ניט ווייט פון משוגעת, און אויב איך וואלט דא בלייבען איינער אליין מיט מיינע געדאנקען, וואלט איך געוויס אומגעקומען. איך האב בויטיג געהאט זיך מיט עפעס צופערנעהמען, וועניגסטינס קערפערליך. איך בין ארויסגעשפרינגען פון בעט, זיך האסטיג אנגעקליידעט. געעפענט די טהיר און אראבגעגאנגען אונטען.

עס איז נאך געוועזען זעהר פריה, קוים טאג געווארען, און אין דער אונטערשטער וואהנונג האב איך נאך קיין איינציגען מענשען ניט געפינען. אין פארערהויז איז געליעגען מיין הוט, און עפנענדיג די הויז־טהיר, וועלכע איז געוועזען ניט פעסט צוגעשלאסען, וואס האט בעוויעזען, אז אין נייען באסטאן זענען קיין גנבים ניטא, בין איך ארויס אויף די גאס. צוויי שעה נאכאנאנד האב איך ארומגעוואנדערט איבער די גאסען פון דער שטאדט און אויף אזא'ן אופן האב איך אויסגעשפרייזט איינינגע קווארטאלען פון איהר האלבאינזעל־טייל. אויסער אנ'אלטערטום־פארשער (חוקר קדמוניות), וואס פערשטעהט יא א ביסעל דעם קאנטראסט צווישען דעם איצטיגען און נייצעהנטען יאהרהונדערט, וועט קיינער ניט קאנען אבשאצען, וויפיעל פערשידענע איבערראשענדע נייעסען איך האב אומעטום בעגעגענט.

בעת איך האב געקוקט אויף די שטאדט פון אונזער דאך, האט זי מיר אויך אויסגעזעהן משונה'דיג, אבער דאס איז געוועזען בלויז אנ'אלגעמיינער איינדרוק. איצט האב איך ערשט פערשטאנען, וואס פאר א פערענדערונג עס איז אין איהר געווארען פון דער צייט־אן, וואס איך האב איינגעשלאפען. איינינגע אלטע

צייכענס, וואָס זענען נאָך געבליבען פון דאַמאָלס, האָבען דעם איינדרוק נאָך פערגרעסערט, ווארום ווען ניט זיי, וואָלט זיך מיר געדוכט, אַז איך בין איבערהויפט אין אַנ'אַנדער שטאָדט. א מענש קאָן פערלאָזען זיין געבורטסשטאָדט אין דער יוגענד, אין 50 יאָהר אַרום צוריקקומען און דאָרטען געפינען, נאַטירליך, פיעלע פערענדערונגען. ער ווערט נאָר פערוואונדערט, אָבער ניט צעטומעלט. ער ווייסט, אַז עס זענען פערלאָפען פיעלע יאָהרען, און אַז אין איהם גופא זענען אויך פאָרגעקומען איינינגע פערענדערונגען. קוים־קוים וואָס ער דערקענט די זעלבע שטאָדט, וועלכע ער געדענקט פון זיין קינדהייט. פערגעסט אָבער נישט, אַז איך האָב ניט פערשטאַנען, וויפיעל צייט עס איז פערלאָפען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז נעכטען, מיט איינינגע שטונדען צוריק, האָב איך נאָך שפאַציערט אויף די זעלבע גאַסען, וואָס האָבען זיך יעצט אַזוי געענדערט. דאָס גייסטיגע בילד פון דער אַלטער שטאָדט, איז נאָך געוועזען אַזוי קלאָר און פריש אין מיין פאַנטאַזיע, אַז איך האָב זיך אויף קיין אופן ניט געקאָנט איבערגעבען צו דעם איינדרוק, וואָס די איצטיגע שטאָדט האָט אויף מיר געמאַכט. איך האָב זיך נאָר מיט איהם געראַנגעלט, נישט וויסענדיג, וואָס איז די וואַהרהייט און וואָס — די פרוכט פון מיין פאַנטאַזיע.

ענדליך האָב איך זיך ווידער דערזעהן בי'ם הויז, פון וואַנען איך בין אַרויס. מיינע פיס האָבען מיך אינסטינקטיוו צוריקגעטראָגען. איך האָב אויף קלאָר ניט געוואוסט, אַז איך קעהר זיך אום אַ היים, דער אָרט איז מיר געוועזען אַזוי פרעמד, ווי אַלע אַנדערע ערטער אין דער שטאָדט; דאָסועלבע זענען מיר די איינוואָהנער אויך געוועזען אַזוי אונבעקאַנט, ווי אַלע מענער און פרויען, וואָס לעבען איבערהויפט איצט אויף דער וועלט. ווען די טהיר פון הויז וואָלט געוועזען פערשלאָסען, וואָלט איך זיך אויף אַזאַ'י אופן דערמאָנט, אַז איך האָב אַהין ניט נאָך וואָס צוגעהן, און וואָלט זיך אומגעקעהרט; די טהיר האָט זיך אָבער זעהר לייכט געעפענט. איך בין אַריין אין פאָדערהויז מיט אונזיכערע טריט און פון דאָרטען אין דאָס ערשטע צימער, וואָס

איך האב אנגעטראפען. איך האב זיך געזעצט אויף א שטוהל און פערשטעלט די פלאמענדע אויגען מיט די הענד, אום צו פערבארגען פון זיך מיין אונגעוועהנליכע לאגע. מיין אונרוהיגקייט איז געוועזען אזוי שטארק, אז עס האט געקאנט קומען צו א פיזישער איבעלקייט. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען מיינע ליידען אין די דאזיגע מאמענטען, ווען איך האב זיך געפיהלט אזוי אונבע־האלפען. אין מיין פערצווייפלונג האב איך א הויכען קרעכץ געטהון, פיהלענדיג, אז אויב איך וועל אין גיכען קיין הילף ניט בעקומען, וועל איך מ... צו'ם גליק איז זי בייצייטענס געקומען. איך האב פלוצלונג דערזעהן פאר מיינע אויגען יהודית'ן. אויף איהר געזיכט האט זיך אויסגעדריקט א הערצליכע סימפאטיע.

— אך, וואס איז דאס מיט אייך, הער וועסט? — האט זי אויסגעשריגען. — איך בין דא נאך געוועזען, בעת איהר זענט אהער אריינגעקומען. איך האב געזעהן, ווי שרעקליך איהר זענט צערודערט, נאר ווי איך האב דערהערט אייערע קרעכצען, האב איך שוין מעהר ניט געקאנט שווייגען. וואס האט מיט אייך געטראפען? וואו זענט איהר געוועזען? וואס קאן איך פאר אייך טהון?

עס קאן זיין, אז זי האט מיר ניט ווילענדיג אויסגעשטרעקט די הענד פון מיטלייד, בעת זי האט גערעדט. יעדענפאלס האב איך זיי אנגענומען מיט מיינע אייגענע און זיי אינסטינקטיוו גע־דריקט, ווי דער, וואס טרענקט זיך, חאפט זיך אן פאר'ן שטריק, וואס מען ווארפט איהם, בעת ער טוקט זיך שוין דאס לעצטע מאל אונטערן וואסער. ווען איך האב א קוק געטהון אויף איהר צערודערטעס, מיטליידענדעס געזיכט און איהרע פייכטע אויגען, האט מיר דער קאפ אויפגעהערט צו שווינדלען. די צערטליכע מענשליכע סימפאטיע, וואס איך האב געפיהלט אין איהר ליעב־ליכען האנדדרוק, האט מיר געגעבען די הילף, אין וועלכער איך האב זיך אזוי גענויטיגט. עס האט אויף מיר אזוי שטארק גע־ווירקט, ווי איך וואלט האבען אויסגעטרונקען א ווונדערבארען עלעקסיער.

— זאל אייך גאט דערפאר בענשען! — האב איך געזאגט

אין איניגע מינוטען ארום. — ער האט אייך געשיקט צו מיר פונקט צו דער צייט, אין דעם טרויעריגען, ביטערן מאמענט. איך גלויב, אז איך וואלט געוועזען ניט ווייט פון משוגעת, ווען איהר וואלט ניט קומען.

בײַ די ווערטער האבען זיך טרערן בעוויזען אין איהרע אויגען.

— אך, הער וועסט! — האט זי אויסגערופען. — פאר וועלכע אונערבארמליכע מענשען איהר האט אונז געהאלטען! ווי אזוי האבען מיר דאס אייך געקאנט איבערלאזען אליין אויף אזא לאנגע צייט! אבער איצטער איז שוין אלעס פארביי, ניט אמת?

יא, — האב איך געזאגט, — אייך צו דאנקען; אויב איהר וועט ביי מיר נאך א ווײַלע בלייבען, וועט מיר באלד אינגאנצען בעסער ווערן.

— געוויס וועל איך פון אייך ניט אוועקגעהן, — האט זי געזאגט מיט אציטערנדער שטימע, אין וועלכער עס האט זיך קלערער אויסגעדריקט איהר סימפאטיע, ווי אין א גאנצען ים ווערטער. — איהר דארפט אונז ניט האלטען פאר אזעלכע שלעכטע מענשען, ווי עס האט זיך אייך געדוכט דערפון, וואס מיר האבען אייך איבערגעלאזען אויף א'א צייט איינעם אליין; איך האב די פאריגע נאכט כמעט ניט געשלאפען, טראכטענדיג, ווי שווער אייך וועט זיין ביי'ם ערוואכען, נאר דער פאטער האט געזאגט, אז איהר דארפט היינט שלאפען לענגער, אז אייך טאר מען די ערשטע צייט ניט ווייזען קיין בעזונדערע סימפאטיע, נאר זיך בעמיהען צו צערשטרייען אייערע געדאנקען און אייך געבען צו פיהלען, אז איהר געפינט זיך צווישען פריינד.

— איהר האט עס מיר, אין דער אמת'ן, געגעבען צו פיהלען! — האב איך געזאגט, געריהרט פון איהרע ווערטער. — דאס ערוואכען נאך א הונדערטיעהריגען שלאף האט מיך שרעקליך ערשיטערט, און האטש איך האב עס נעכטען אוועק אזוי שטארק געפיהלט ניט, פון דעסטוועגען איז מיר היינט אין דער פריה געוועזען ניט זעהר גוט צום מוטה.

האלטענדיג איהר האנד און קוקענדיג איהר גלייך אין

געזיכט, בין איך שוין זאָגאַר פעהיג געוועזען צו מאַכען גלייכוועָרט־לעך איבער מיין לאַגע.

— קיינער פון אונז האָט ניט גערעכענט, אז איהר וועט אַליין אַרויסגעהן אין שטאָדט אַזוי פריה, — האָט זי ווייטער־גערעדט — וואו זענט איהר דאָס געוועזען אַזאַ לאַנגע צייט?

איך האָב איהר דערצעהלט אַלעס, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט פון מיין ערשטען ערוואַכען־אָן ביז צו דעם מאָמענט, ווען זי איז מיר געקומען צו הילף. בעת איך האָב גערעדט, איז זי, קענטיג, געוועזען דורכגעדרונגען מיט אַטיעפען, שמערצליכען מיט־לייד צו מיר, און חאָטש איך האָב איהר איין האַנד לויז געלאָזען, האָט זי פון דעסטוועגען ניט פּראָבירט אַרויסצונעהמען די אַנדערע, ווייל זי האָט אָהן אַ ספק פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ פערגעניגען איך האָב דערפון געהאַט.

— איך קאָן מיר פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ געפיהלען איהר האָט געמוזט איבערלעבען, — האָט זי געזאָגט, — ווי עס ווייזט אויס האָט איהר אַריבערגעלעבט שרעקליכע מאָמענטען! און בעת איך דערמאָן זיך, אַז מיר האָבען אייך איבערגעלאָזען איינעם אַליין מיט זיי זיך צו ראַנגלען, ווער איך אויסער זיך! קאָנט איהר דען דאָס אונז אַמאָל מוחל זיין?

— זאָגט דאָס ניט. פערקעהרט, איהר האָט גאָר מיינע אומעטיגע געדאַנקען איבערהויפּט פערניכטעט, — האָב איך געזאָגט.

— וועט איהר זיך מעהר נישט נעהמען צו'ם האַרצען? — האָט זי געפרעגט אַביסעל אונרוהיג.

— איך קאָן אייך דאָס נישט פערשפּרעכען אויף געוויס. זועגען דעם איז נאָך צופריה צו בעשטימען. איהר דאַרפט ניט פערגעסען, וויפיעל זאַכען עס וועלען מיר נאָך פאָרקומען וואונ־דערבאַר.

— איהר זאָלט אָבער, ווענינגסטענס, שוין מעהר ניט פּראָבירען צו בלייבען איינער אַליין; זאָגט־צו, אַז איהר וועט קומען צו אונז אין אַזעלכע טרויעריגע מאָמענטען, — מיר וועלען שוין אייערע יסורים דערלייכטערן. מעגליך, אַז מיר וועלען פאַר

איך ניט פיעל קאָנען טהון, דאָך וועט עס איך זיין לייכטער, אלס זיך צו ראַנגלען איינער אליין מיט די רעיונות.

— איך וועל גערן צו איך קומען, אויב איהר וועט עס מיר נאָר ערלויבען, — האָב איך געזאָגט.

— געוויס, איך בעט איך זעהר, — האָט זי לעבענדיג אויסגעשריען. — איך וועל אלסדינג טהון, אום איך צו העלפען.

— אַלעס, וואָס איהר האָט צו טהון, איז נאָר מיר מיטצופיהלען, ווי איך האָב ערשט ניט לאַנג פון איך געזעהן.

— עס איז, אלזאָ, אָבגעמאַכט, — האָט זי געזאָגט, שמייכלענדיג מיט טרערען אין די אויגען, — אז אין אזעלכע צופאַלען וועט איהר צו מיר קומען, און מעהר ניט ארומלויפען איבער באָסטאָן איינער אליין צווישען אונבעקאַנטע.

דער געדאַנק, אז איך בין דאָ ניט קיין פרעמדער, האָט זיך מיר גאָר ניט אויסגעדוכט אזוי וואונדערבאַר: איך בין מיט איהר אין די איניגע מינוטען אזוי גוט בעפריינדעט געוואָרען איבער איהר אויפרעגונג און מיטפיהלענדע טרערען.

— איך פערשפרעך, — האָט זי געזאָגט מיט א רייצענדען שמייכעל, — איך וואָס מעהרער מיטצופיהלען אין א זעלכע מאָמענטען, איהר דאַרפט אָבער אויף קיין פאַל ניט טיינקען, אז איך בעדויער איך אין דער אמת׳ן, אָדער איך מיין, אז איהר וועט נאָך לאַנג טרויערן וועגען זיך. איך בין פעסט איבערצייגט, אז איהר וועט אין א קורצער צייט ארום דאַנקען גאָט דערפאַר, וואָס אייער לעבען איז געוואָרען, מיט הונדערט יאָהר צוריק, אזוי וואונדערבאַר אָבגעהאַקט און האָט זיך איבערגעקעהרט צו איך אין דער איצטיגער צייט, וועלכע איך רעכען פאַר א פיעל בעסערע פון יענער.

# IX.

---

דר. ליט און זיין פרוי האָבען זיך ניטוועניג פערוואונדערט.

דערוויסענדיג זיך, אז איך האב איינער אליין ארומגעוואנדערט איבער דער שטאדט. איבערהויפט האט זיי געפרעהט, וואס איך בין געוועזן ניט זעהר אויפגערעגט.

— אייער שפאציערגאנג האט געמוזט זיין זעהר א אינטע־רעסאנטער, — האט די בעל־הבית'טע געזאגט, זיצענדיג ביי'ם טיש, — וויל אייך איז אויסגעקומען צו זעהן זעהר פיעל נייעס.

— פאר מיר איז כמעט אלעס געוועזען א נייעס, — האב איך געענטווערט. — נאר דאס איינציגע, וואס האט מיך ניטוועניג פערוואונדערט, איז וואס איך האב קיין קראמען און קיינע באנק־געשעפטען אויף וואשינגטאנער גאס ניט געפינען. וואס האט איהר געטהון מיט די סוחרים און באנקירערן? האט איהר זיי אפשר אויסגעהאנגען, ווי עס האבען געוואו׳ט טהון די אנארכיסטען אין מיינע צייטען?

— ניין, עס איז דערצו ניט געקומען, — האט דער דר. געענטווערט. — מיר האבען זיי גאנץ איינפאך היינטיגע צייטען ניט נויטיג, וויל ביי אונז איז ניטא קיין קויפען און פערקויפען.

— ווי הייסט? ווער פערקויפט אייך, ווען איהר האט עפעס וואס נויטיג צו קויפען? — האב איך געפרעגט.

— היינטיגע צייטען עקזיסטירט ניט דאס קויפען און פערקויפען; די חלוקה פון די סחורות ווערט געמאכט אויף א גאנץ אנדערן אופן; וואס אנבעלאנגט צו די באנקירערן, קומען מיר אוים אהן זיי, וויל מיר האבען קיין געלד נישט.

— פריילין ליט, — האב איך געזאגט, זיך ווענדענדיג צו יהודית'ן, — מיר שיינט, אז אייער פאטער שפאסט מיט מיר; איך קאן צו איהם דערפאר קיין טענות ניט האבען, דען מיין איינענע נאאיוויטעט גיט איהם די מעגליכקייט פון מיר צו לאכען. אבער איך פערזיכער אייך, אז מיין גלויבען אין די פערענדערונגען פון דער געזעלשאפטליכער ארדנונג האט זיין גרעניץ.

— מיין פאטער האט גאר אין זינען ניט צו לאכען פון אייך, — האט זי געענטווערט מיט א רוהיגען שמייכעל.

דאס געשפרעך איז ארויף אויף אנ׳אנדער וועג. ווי איך געדענק, האבען מיר גאר אנגעהויבען צו רעדען וועגען די דאמען־

מאָרעס פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט. ערשט נאָך פריהשטיק, בלײַבענדיג מיט'ן דר. אַלײן, האָבען מיר װידער פאָרטגעזעצט דאָס פריהעריגע געשפּרעך.

— איהר זענט נתפּעל געװאָרען, — האָט ער געזאָגט, — בעת איך האָב אײַך דערצעהלט, אַז מיר קומען־אויס אָהן געלד און האַנדעל; װען איהר װאָלט אָבער אַ ביסעל װעגען דעם אַ קלער־טהון, װאָלט איהר זיך איבערגעצײַגט, אַז דאָס געלד און האַנדעל האָט עקזיסטירט און איז טאַקי נויטיג געװען נאָר אין אײַער צײַט, װײַל די פּראָדוקציע איז געלעגען אין פּריװאַטע הענד, אָבער איצטער זענען זײ בײדע גאַנץ איבריג.

— איך קאָן נאָך ניט בעגרײַפען, װאָס איהר זאָגט, — האָב איך בעמערקט.

— גאַנץ אײנפאַך, — האָט דער דר. געענטװערט. — בשעת פיעל אונאַבהענגיגע און זעלבסטשטענדיגע פּערזאָנען האָבען אויסגעאַרבײַט די זאַכען, װאָס זענען נויטיג געװען צו'ם לעבען און װוילזײַן, האָבען זיך די מענשען געמוזט טוישען מיט די אויסגעאַרבײַטע פּראָדוקטען כּדי יעדערער זאָל קאָנען בעקומען דאָס, װאָס ער בעדאַרף. דערפון איז אַרויסגעקומען דער האַנדעל, און דאָס געלד איז געװעזען דער פערמיטלער צװישען זײ; נאָר פון דער צײַט, װאָס דאָס פאָלק איז געװאָרען דער אײנציגער פּראָדוציערער, דער אײנציגער אויסאַרבײַטער פון אַלע סחורות, זענען שוין די אײנצעלנע מענשען ניט געצװאונגען צו טוישען אײן זאַך אויף די אַנדערע, אום צו בעקומען די נויטיגע לעבענסמיטלען. אַלסדינג בעקומט מען פון אײן קװעלע, און אין אַ צװײטען אָרט קאָן מען אַ האָר אויך ניט בעקומען. די סחורות װערען פערטײלט גלײַך פון נאַציאָנאַלען פּראָדוקציאָנסלאַגער, און קײן געלד ברויך מען דעריבער מעהר ניש׳ט האָבען.

— אויף װאָס פאַר אַן אופן װערט געמאַכט די פערטײלונג? — האָב איך געפרעגט.

— גאָר אויף אַ פּראָסטע אַרט. יעדער בירגער האָט קרעדיט אויף זײַן חלק אין דער יעהרליכער פּראָדוקציע פון־

לאנד; מען שרײַבט איהם אײן אין די שטאַטסבּיכער און מען גיט איהם אַרויס אַ קרעדיט־קאַרטע, אויף וועלכע ער בעקומט אין די געזעלשאַפטליכע מאַגאַזינען אַלעס, וואָס ער ברויך. ווי איהר זעהט, ווערען בײַ אַזאַ אײַנריכטונג פולשטענדיג איבריג אַלע האַנדעלסגעשעפטען צווישען אײַנצעלנע פּערזאָנען. איהר ווילט אפּשר זעהן, ווי אַזאַ קאַרטע זעהט־אויס?

בײַ די ווערטער האָט ער מיר דערלאַנגט אײַנע פון זײַ, וואָס האָט דעם ווערטה פון אײַניגע דאָלאַר.

— איהר בעמערקט. — האָט ער ווײַטער געזאָגט, — אַז די קאַרטע איז אויסגעשריבען אויף אַ געוויסע צאָהל דאָלאַר. מיר האָבען זיך איבערגעלאָזען נאָר דעם אַלטען נאָמען, אָבער ניט די זאַך גופא. מיר געברויכען איהם פאַר אַן אַלגעבראַאישען צײַכען צו פערגלײַכען דעם ווערטה פון אײן זאַך געגען דער צווייטער. צוליעב דעם צוועק זענען אַלע קאַרטען אָבגעשאַצט אין דאָלאַר׳ס און צענטען, ווי אין אײַער צײַט. דעם ווערטה פון די זאַכען, וואָס איך בעקום אויף די קאַרטע, ווערט פון דעם בעאַמטען פערשריבען און אַראָבגערעכענט פון דער גאַנצער סומע פון מײַן קרעדיט.

ווען איהר וואָלט וואָס ניט איז וועלען קויפען בײַ אײַערן אַ שכן, וואָלט איהר איהם געקאָנט איבער־געבען פאַר׳ן חוב אַ טײל פון אײַער קרעדיט? — האָב איך געפרעגט.

— פריהער פון אַלעס, — האָט דער דר. געענטוערט, — האָבען גאָר אונזערע שכנים ניט וואָס צו פערקויפען. נאָר יעדען־פאַלס וואָלט אונזער קרעדיט ניט געקאָנט איבערגעגעבען ווערן, ווייל ער איז פערזענליך. איידער דאָס פאָלק וואָלט דערלאָזט צו אַזאַ איבערגעבען, ווי איהר זאָגט, וואָלט עס פריהער געמוזט זיך גוט בעקענען מיט דער זאַך, אויב זי איז געמאַכט געוואָרען מיט יושר. אָבגעשאַפט דאָס געלד האָט מען איבער פיעלע סבות, נאָר אַפילו אײַנע פון זײַ איז שוין גענוג. נעמליך: דאָס פערמאָגען געלד אַלײן האָט נאָך ניט געקאָנט דיענען אַלס בעוויז, אַז דער אײַגענטימער האָט עס בעקומען על פי דין, על פי יושר. בײַ דעם, וואָס האָט בעקומען. דאָס געלד דורך גנבה

אָדער גְּוֵלָה, האָט עֶס אויך געהאַט די זעֶלבֶע קראַפט, ווי בײַ דעֶם, וואָס האָט עֶס פעֶרדיִענט מיִט'ן בלוטיִגעֶן שווײַס. הײַנטיִגעֶ צײַטעֶן בײַט מעֶן זיִך איויך צוויִשעֶן זיִך מיִט מַתָּנות — אויס פרײַנדשאַפט, אָבעֶר קויפעֶן און פעֶרקויפעֶן האָט גאָר קײן שום שַׁיִיכות ניִט מיִט פרײַנדשאַפט און אונאײגעֶננוץ, וואָס דאַרפעֶן עֶקזיִסטיִרעֶן צוויִשעֶן מעֶנשעֶן, ווי אויך מיִט'ן געֶפיִהל פון די געֶמײנשאַפטליִכעֶ איִנטעֶרעֶסעֶן, אויף וועֶלכעֶן עֶס איִז געֶבויט אונזעֶר געֶזעֶלשאַפטסאָרדנונג. נאָך אונזעֶרעֶ אַנשויאונגעֶן קומט־אויס, אַז דאָס קויפעֶן און פעֶרקויפעֶן איִז געֶגעֶן דעֶם פריִנציִפּ פון געֶמײנשאַפטליִכקײט און איִהרעֶ שטרעֶבונגעֶן. האַנדעֶל שטרעֶבט נאָר פעֶט צו ווערן אויף יעֶנעֶמ'ס רעֶכנונג, און קײן געֶזעֶל־שאַפט, איִן וועֶלכעֶר די מעֶנשעֶן זעֶנעֶן עֶרצויגעֶן אויף אַ זעֶלכעֶ אַנשויאונגעֶן, קאָן ניִשט דעֶרגרײכעֶן צו דעֶר העֶכסטעֶר שטופעֶ פון דעֶר ציִוויִליִזאַציעֶ.

— ווי טהוט איִהר, אויב איִהר האָט נויטיִג אויסצוגעֶבעֶן מעֶהר, אַלס אײַער קאַרטעֶ בעֶטרעֶפט? — האָב איִך געֶפרעֶגט. —

— דעֶר טײל איִז אַזוי גרויס, אַז עֶס איִז זעֶהר שווער איִהם איִנגאַנצעֶן צו פעֶרברויכעֶן, — האָט דעֶר דר. געֶענט־ווערט, — נאָר אויב איִהר וואָלט אַפילו אויסגעֶגעֶבעֶן דעֶם גאַנצעֶן קרעֶדיִט, קאָנט איִהר אַלעֶ מאָל בעֶקומעֶן אַביִסעֶל געֶבאָרגט אויף די רעֶכנונג פון קיִנפטיִגעֶן קרעֶדיִט, האָטש דאָס טרעֶפט זעֶהר זעֶלטעֶן, און כְּדֵי דאָס שלעֶכטס אויסצוראָטעֶן, רעֶכעֶנט מעֶן איִהם בְּכִּיוּן אָב אַ גרויסעֶ סומעֶ. נאַטיִרליִך, אַ גרויסעֶר פעֶרשווענ־דעֶר בעֶקומט זײַן געֶהאַלט מאָנאַטליִך אָדעֶר וועֶכעֶנטליִך, אָנשטאָט עֶס צו בעֶקומעֶן יעֶהרליִך, אָדעֶר, אויב זײַן אײגעֶנעֶר נוצעֶן וואָלט עֶס פאָדעֶרן, וואָלט מעֶן איִהם איִבעֶרהויפּט פעֶרבאָטעֶן זיִך מיִט'ן געֶהאַלט צו בעֶנוצעֶן.

— ווי איִז אָבעֶר, פעֶרקעֶהרט, אויב איִהר פעֶרברויכט ניִט איִנגאַנצעֶן, וואָס איִהר האָט אויף אײַער קאַרטעֶ, ווערט די רעֶשט צוגעֶרעֶכעֶנט פאַר איִיך? — האָב איִך געֶפרעֶגט.

— דאָס ווערט ביִז אַ געֶוויִסעֶר מאָס עֶרלויבט, אויב מעֶן זעֶהט־פאָר בעֶזונדעֶרעֶ הוֹצאות אויף שפּעֶטעֶר. נאָר אײדעֶר מעֶן

האט זיך וועגען דעם ערקונדיגט, איז מען משער, אז דער בירגער, וואס האט זיין קרעדיט אינגאנצען ניט פערברויכט, האט מסתמא דערצו קיין געלעגענהייט ניט געהאט, און די רעשט געהט־אריין אין די הכנסות פון דער געזעלשאפט.

— אזא ארדנונג פיהרט נישט די בירגער צו שפארזאמקייט, — האב איך בעמערקט.

— דאס האט מען גאר ניט נויטיג, — איז געווען דער ענטווער. — די נאציע איז רייך און פערלאנגט ניט, די בירגער זאלען זיך ענטזאגען פון תענוגים. אין אייער צייט זענען די מענשען געוואוינט געוועזען אוועקצולעגען גוטס און געלד, כדי צו פערזארגען אויף שפעטער די גאנצע פאמיליע, טאמער וועט זיי אויספעהלען. די נויטווענדיגקייט האט געמאכט די שפארזאמקייט פאר א מין מצוה; איצטער אבער איז דערין קיין נויט נישטא, און אזוי ווי די שפארזאמקייט האט פערלוירען איהר נוצליכען בעדייטונג, ווערט זי ניט פעררעכענט אין די מעשים־טובים. קיין איינציגער מענש זארגט שוין היינט ניט מעהר וועגען דעם מארגענדיגען טאג ניט פאר זיך, ניט פאר די קינדער, ווייל די נאציע איז ערב פאר יעדערענס מזונות, ערציהונג און פרעהליכעס לעבען פון וויעג ביז צו'ם קבר.

— דאס איז נישט קיין זיכערע גאראנטיע, — האב איך בעמערקט. — מיט וואס איז די נאציע זיכער, אז דער ווערטה פון א מענשענס ארבייט וועט קלעקען אויף אויסצאהלען איהר דאס, וואס זי האט אויף איהם אויסגעגעבען? אין גאנצען גענומען, קאן טאקי די געזעלשאפט אויסהאלטען אלע איהרע מיטגליעדער, נאר אייניגע מוזען פערדיענען ווייניגער, אלס זיי איז נויטיג אויף לעבענסמיטלען, און אנדערע — מעהרער; דאס צווינגט אונז נאך אמאל זיך אומצוקעהרען צו דער לוינפראגע, וועגען וועלכער איהר האט מיר נאך ביז איצטער גארניט געזאגט; אויב איהר געדענקט, האבען מיר, דוכט מיר, טאקי ביי דעם דאזיגען פונקט זיך אבגעשטעלט אין נעכטיגען געשפרעך. און איך זאג אייך נאך א מאל, אז אויף דעם פונקט דארף, נאך מיין מיינונג, אייער נאציאנאלע אינדוסטריעלע ארדנונג אנטרעפען די הויפט-

שוועריגקייטען. ווי, פרעג איך נאך א מאל, קאנט איהר מיט יושר בעשטימען די שכירות אין א סך געשעפטען, וואס זענען אזוי פערשידען און אזוי אונגלייך צווישען זיך און וועלכע זענען דאך נויטיג פאר די געזעלשאפט? אין אונזער צייט האט דער מארק-פרייז אבגעשטימט די שכירות פאר אלע פערשידענע ארבייט ווי אויך פאר סחורות; דער אונטערנעהמער האט זיך אלע מאל בעמיהט צו צאהלען ווי מעגליך ווייניגער, און דער ארבייטער האט געשטרעבט צו בעקומען וואס מעהרער. נאטירליך, איז דאס קיין שענע ארדנונג ניט געוועזען, אבער ווייניגסטענס האט זי אונז געגעבען א געגויען כלל, ווי צו פערענטפערן א פראגע, מיט וועלכער מ'האט געקאנט האבען צו טהון א מאל צעהן טויזענד אין טאג. אין יענער צייט איז דאס געוועזען דאס אייינציגע מיטעל, וועלכעס מען האט געקאנט אנווענדען אין לעבען.

— יא, — האט דער דר. געענטפערט, — דאס איז געוועזען דאס אייינציגע מיטעל ביי אזא סיסטעם, וואס האט געשטעלט די אינטערעסען פון איינצעלנעם מענשען אין געגענזאץ מיט די אינטערעסען פון אלע אנדערע מענשען. עס וואלט אבער געוועזען זעהר טרויריג, ווען די מענשהייט וואלט ניט אויסגעקלערט א בעסערעס סיסטעם, ווייל אייער ארדנונג האט געהאט איהר טייוועלשען הויפט-כלל: „דיין נויט איז מיין ברויט". דער שכר פאר א ארבייט האט ניט אבגעהאנגען פון דער שווערקייט, געפאהר און לאסט, מיט וועלכע זי איז געוועזען פערבונדען, — ווייל די געפעהרליכסטע און העסליכסטע ארבייט איז געטהון געווארען דורך די ניעדריגע קלאסען, — נאר פון דעם ווילען פון יענע מענשען, וואס האבען זיך אין אזא ארבייט גענויטיגט.

— דאס אלעס איז טאקי אמת, — האב איך געזאגט. — וואס אבער האט איהר איינגעפיהרט אנשטאט אונזער מארק-טאקסע, וועלכע איז געוועזען גאנץ פראקטיש? איך קאן ניט פערשטעהן, וואס פאר א בעסערעס סיסטעם איהר האט אויסגעפינען. אזוי ווי די רעגירונג איז ביי איך דער אייינציגער בעל-הבית קאן שוין, נאטירליך, קיין רעדע ניט זיין ניט פון אנ-ארבייטס-מארק, ניט פון א מארק-פרייז. די שכירות פאר אלערהאנד

אַרבײַט װערען בעשטימט לויט דעם רָצון פון דער רעגירונג. איך קאָן מיר קיין פערוויקעלטערע און מעהר דעליקאַטע טהעטיגקייט ניט פאָרשטעלען, און מִסְתָּמָא מוז זי אויך און דער זעלבער צײַט ארויסרופען אַנ'אַלגעמײנע אונצופריעדענהייט.

— ענטשולדיגט, — האָט דער דר. געענטפערט, — מיר דאַכט, אַז איהר זענט אביסעל מְגַזֵם די שוועריגקייט פון דער זאַך. שטעלט זיך פאָר א פערזאַמלונג דורכאויס פון פערשטאַנדיגע מענשען, וועלכער עס איז איבערגעגעבען געוואָרען צו בעשטימען די שְׂכִירוּת פאַר אלע פערשיעדענע מְלָאכוֹת בײַ אַזאַ אָרדנונג, ווי אונזערע, וואָס גאַראַנטירט פאַר אַלעמען אַרבײַט, און אין דער זעלבער צײַט קאָן זיך יעדערער אויסקלײַבען וואָס פאַר אַ מְלָאכָה ער וויל. זעהט איהר דען ניט, אַז ווי ניט פאַלקאָמען די ערשטע אָבשאַצונג זאָל זײַן, וועלען זיך שוין די פעהלערען פון זיך אַליין אויסבעסערן מיט דער צײַט? אויף לײַכטערע אַרבײַט וואָלטען געווען זעהר פיעל בַּעֲלָנִים, אויף די איבריגע — גאָר ווענייג, ביז אַלעס וואָלט זיך אויסגלײַכען. דאָס זאָג איך נאָר פאַרבײַגעהענדיג. דען חאָטש אָט דער פּלאַן איז גאַנץ פּראַקטיש, איז ער פון דעסטוועגען נישט אַרײַן אין אונזער סיסטעם.

— ווי אזוי זשע רעגולירט איהר פאָרט די שְׂכִירוּת? — האָב איך נאָך אַמאָל געפרעגט.

דער דר. האָט אין אַ מֶשֶׁך פון אײַניגע מינוטען ניט געענטפערט, זײַענדיג פערזונקען אין זײַנע געדאַנקען.

— די אַלטע אָרדנונג, — האָט ער ענדליך געזאָגט, — איז מיר גאַנץ גענוג בעקאַנט, אום איך זאָל קאָנען גענוי פערשטעהן, וואָס איהר מײנט מיט אײַער פראַגע; און דאָך איז די הײַנטיגע אָרדנונג אין דעם פונקט אזוי נישט ענליך צו אײַערער, אַז מיר איז שווערליך אַייך די פראַגע בעסער צו ערקלערען. איהר פרעגט, ווי רעגולירען מיר די שְׂכִירוּת. איך קאָן אַייך נאָר ענטפערן, אַז אין דער איצטיגער נאַציאָנאַל-עקאָנאָמיע איז ניטאָ דער בעגריף, וואָס זאָל גלײַך זײַן צו דעם וואָרט שְׂכִירוּת, ווי מען האָט עס פערשטאַנען אין אײַער צײַט.

— איהר האָט געזאָגט, אַז איהר האָט קיין געלד ניט.

מיט וואס די שכירות ווערען אויסגעצאהלט, — האב איך געזאגט. — אבער ווי באלד דער קרעדיט, וואס ווערט דעם ארבייטער ארויסגעגעבען אויף סחורה פון די רעגירונגס־קראמען, איז גלייך מיט דעם, וואס ביי אונז האט געהייסען שכירות, — אויף וואס זשע פאר אנ'אופן בעשטימט איהר די סומע פונ'ם קרעדיט פאר די ארבייטער אין פערשידענע געשעפטספאכען? וואס איז די גרונדלאגע, דער יסוד פון דער פערטיילונג? וואס פאר א בעוויז אדער א רעכט האט דער ארבייטער צו בעקומען א געוויסען קרעדיט?

— ער האט דאס רעכט דערפאר, וואס ער איז א מענש, — האט געענטפערט דער דאקטאר.

— איז דען גענוג נאר דאס אליין, וואס ער איז א מענש? — האב איך איבערגעפרעגט אונגלויביג. — מיינט איהר דען דערמיט, אז אלע בעקומען א גלייכען חלק?

— גאנץ בעשטימט.

די לעזער פון דעם בוך, וואס וויסען פון קיין אנדער ארדנונג אין דער פראקטיק און האבען נישט גרינדליך ערלערנט די היסטארישע בעריכטען פון אנדערע עפאכען, ווען עס האט געהערשט א גאנץ אנדער סיסטעם, קאנען זיך אויף קיין פאל ניט פארשטעלען, ווי ערשטוינט איך בין געווארען פון דעם דאקטאר'ס ערקלערונג.

— איהר זעהט, — האט ער לאכענדיג געזאגט, — אז ניט דאס, וואס מיר האבען קיין געלד ניט שטערט אונז צו צאהלען שכירות, נאר דאס, ווי איך האב אייך געזאגט, וואס ביי אונז איז איבערהויפט ניטא דער בעגריף פון אייער ווארט לוין.

אונטער דער צייט בין איך אביסעל געקומען צו־זיך און בין שוין געווען אימשטאנד ארויסצוזאגען איינגע פון מיינע קריטישע בעמערקונגען וועגען דער וואונדערבארער ארדנונג.

— אבער מאנכע ארבייטער ארבייטען דאך צוויי מאל אזוי פיעל, ווי אנדערע! — האב איך אויסגעשריגען. — זענען דען די טאלענטפולע ארבייטער צופריעדען מיט אזא איינריכטונג,

וואו מען שטעלט זיי מיט די מיטעלמעסיגע אויף איין ברעטעל?

— מיר געבען גאר ניט קיין געלעגענהייט זיך צו בע־קלאגען אויף אונגערעכטיגקייט, — האט דער דר. געענטפערט, — דערפאר, וואס מיר פאדערען פון אלעמען צוגלייך איין און די זעלבע ארבייטס־מאס.

— איך וואלט זעהר וועלען וויסען, אויף וואס פאר אַנ׳אופן איהר קאנט עס אויספיהרען, אין דער צייט וואס די קרעפטען פון צוויי מענשען זענען ניט גלייך.

— עס קאן גאר אייפאכער ניט זיין, — האט דער דר. געענטפערט. — מיר פאדערען פון יעדען איינציגען, ער זאל אנשטרענגען זיינע קרעפטען צו גלייך מיט אלעמען, ד. ה. מיר פערלאנגען פון איהם די העכסטע פלייסיגקייט, צו וועלכער ער איז נאר פעהיג.

— לא׳מיר זאגען, אז אלע ארבייטען ווי ווייט מעגליך בעסער, — האב איך געענטפערט, — אבער די צאהל פון דער פראדוקציע גופא וועט דאך זיין ביי יעדערן פערשידען.

— זעהר ריכטיג, — האט דער דר. געענטפערט. — אבער די צאהל פון דער פראדוקציע האט גאר מיט אונזער פראגע איבער׳ן פערדיענסט ניט צו טהון; פערדיענסט איז אמאראלישער בעגריף, די צאהל פון דער פראדוקציע איז א מאטעריעלער. עס וואלט נאר געווען א נייער מין לאגיק צו פערענטפערן א מאראלישע פראגע דורך א מאטעריעלע מאס. ווי ווייט די אנשטרענגונג דארף זיין, קומט שוין ממילא אריין אין די פראגע פון פערדיענסט. אלע וואס ארבייטען, ארבייטען גלייך. די פעהיגקייטען פון א מענשען, ווי גלענצענד זיי זאלען ניט זיין, בעשטימען נאר, ווי ווייט זיין התחייבות דארף גרייכען. דער טאלענטפולער מענש, וואס טהוט ניט אלעס, וואס ער קאן, חאטש ער איז פעהיג אויפצוטהון מעהר, ווי דער וועניג בעגאבטער, רעכענט זיך פאר אַנ׳ערגערן ארבייטער, אלס דער לעצטער, און שטארבט אלס בעל־חוב ביי דער געזעלשאפט. דער בעשעפער האט איינגעטיילט צווישען מענשען די ארבייט לויט די פעהיגקייטען, וואס ער האט יעדערן געגעבען; מיר

פּאָדערען, אַלזאָ, נאָר צו ערפילען אָט די דאָזיגע ארבייט.

— עס איז, אָהן א ספק, זעהר א שענע פילאָזאָפיע, — האָב איך בעמערקט; — פון דעסטוועגען איז זעהר שווער איינ־צושטימען, אַז דער מענש, וואָס שאַפט צוויי מאָל אַזוי פיעל ווי אַנ'אַנדערער, אַפילו ווען בײדע ארבייטען גלייך, זאָל בעקומען א גלייכען חלק מיט יענעם.

— קוקט איהר דען פון דעם שטאַנדפונקט? — האָט דער דר. איבערגעפרעגט. — מיר קוקען היינטיגע צייטען דערויף גאַנץ אַנדערש. פערקעהרט, מען דאַרף גאָר בעשטראָפען דעם אַר־בייטער, וואָס האָט בכח צו שאַפען אין צוויי מאָהל — און טהוט עס ניט. וואָלט איהר דען אין ניינצעהנטען יאָהרהונדערט בעלוינען דאָס פערד, ווייל עס שלעפּט מעהר משא פון דער ציעג? מיר וואָלטען איהם גוט אריינגעשמיסען, אויב ער וואָלט עס ניט געטהון, דערפאַר וואָס ער איז שטאַרקער פאַר א ציעג. מערקווירדיג, ווי די מאָראַלישע בעגריפען ענדערען זיך!

דער דר. האָט עס געזאָגט מיט אזא שעלמישער מינע, אַז איך האָב זיך צעלאַכט.

— איך בין כּשער, — האָב איך געזאָגט, — אַז דער הויפּט־גרונד, פאַר וואָס מיר האָבען די מענשען בעצאָהלט פאַר זייערע טאַלענטען, און אויף פערד און ציעגען האָבען מיר געקוקט ווי אויף א מין בּריאה, וואָס מוז אונז אלסדינג טהון, איז גע־וועזען דער, וואָס די אַלע טיערען האָבען זיך גערעכענט פאַר בּהמות, וואָס האָבען קיין שׂכל ניט, ווערהענד דעם מענשען האָט מען ערשט דאַן געקאָנט צווינגען צו אַרבייטען, ווען מען האָט איהם צוגעזאָגט שׂכירות פאַר זיין אַרבייט. דאָס צווינגט מיך אייך צו פרעגען, איז דען אין הונדערט יאָהר דעם מענשענ'ס נאַטור אַזוי געענדערט געוואָרען, אַז איהר געפינט שוין אין דעם קיין נויטווענדיגקייט ניט?

— ניין, מיר דאַכט, אַז אין דער הינזיכט האָט זיך דעם מענשענ'ס נאַטור פון אייער צייט אויף א האָר אויך ניט גע־ענדערט. ביז היינטיגען טאָג איז נאָך אַזוי איינגעאָרדנעט, אַז מען מוז נאָך האָבען רייצונגסמיטל'ען אין דעם געשטאַלט פון פרייזען

(פרעמיעס) און פּריווילעגיען, כדי אַרויסצורופען פליַיסיגקייט ביַי געוועהנליכע מענשען.

— וואָס פאַר אַ אינטערעס, — האָב איך געפרעגט, — קאָן אַ מענש האָבען זיך אָנצושטרענגען, ווען זיין הכנסה איז איין און די זעלבע, אַלץ איינס צי ער וועט אַרבייטען מעהר אָדער ווענינער? פיַינע כאַראַקטערען קאָנען אין יעדער געזעל־שאַפטליכער אָרדנונג זיך מקריב זיין פאַר די אידעע פון'ם געמיינשאַפטליכען וואוילשטאַנד אַליין, צי וועט זיך אָבער דער מיטעלער מענש ניט בעמיהען צו פערבאָרגען זיינע פעהיגקייטען, מיט דער רעכנונג, אַז עס האָט קיין זינען ניט זיך אָנצושטרענגען, וויַיל סיי־ווי־סיי וועט איהם די איבריגע מיה די הכנסות ניט פערגרעסערן און די איינשפּאָרונג פון זיינע קרעפטען וועט זיי ניט פערקלענערן?

— מיינט איהר דען אין דער אמת'ן, — האָט דער דר. געפרעגט, — אַז אויסער דער מורא פאַר אָרעמקייט און די תאוות צו לוקסוס, איז די מענשליכע נאַטור ניט פעהיג צו אַנדערע מאָטיווען, און אַז די זיכערהייט און די גלייכהייט אין לעבענס־מיטלען וועט אָבנעהמען ביַי די מענשען דעם חשק וואָס מעהר זיך אָנצושטרענגען צו דער אַרבייט? איַיערע צייט־גענאָסען האָבען דאָס אין דער אמת'ן ניט געגלויבט. האָטש זיי האָבען געמאַכט אַ מינע, אַז זיי מיינען יאָ אַזוי. בעת עס האָט זיך אויפגעהייבען די פראַגע וועגען זעלבסטאָפּפערונג, האָבען זיי געהאַט גאַנץ אַנדערע טעמים: דאָס עהרענגעפיהל, די האָפנונג אויף מענשליכע דאַנקבאַרקייט, פּאַטריאָטיזם און פפליכטגעפיהל זענען געווען די הויפּט־מיטלען, מיט וועלכע זיי האָבען אויפגעמונטערט די סאָלדאַטען, אויב עס האָט זיך וועגען דעם געהאַנדעלט, צו שטאַרבען פאַר זיַין פאָלק; און עס איז נאָך ניט געוועזען אויף דער וועלט אַזאַ צייט, ווען די דאָזיגע מאָטיווען האָבען ניט אַרויסגערופען דאָס בעסטע און איידעלסטע ביַי מענשען. און ניט דווקא דאָס אַליין, נאָר אפילו ווען איהר וועט אויספאָרשען און בעקלערען די ליעבע צו געלד, וואָס אין איַיער צייט איז דאָס געוועזען די הויפּט־בעוועגונגסקראַפט צו אַרבייטען, וועט איהר

זעהן, אַז די מוֹרָא פאַר נויט און דער חשק צו לוקסוס זענען ניט געווען די איינציגע מאָטיווען צו שטרעבען נאָך געלד; די הויפּט־אורזאַכען זענען געלעגען אין׳ם שטרעבען נאָך מאַכט, צו פערנעהמען אַנ׳אַנגזעהענעם אָרט אין דער געזעלשאַפט, צו בעקומען אַ גוטען נאָמען פאַר אַ טאַלענטפולען און נוציגען כְּלַל־טהוער. חאָטש די מוֹרָא פאַר אָרעמקייט און די יאָגעניש נאָך לוקסוס האָבען מיר פערניכטעט, פון דעסטוועגען איז דער גרעסטער טהייל אורזאַכען, וואָס האָבען געדינט אין אייערע צייטען אַלס יסוד פאַר די ליעבע צו געלד, געבליבען אונבערי׳הרט. די ניעדריגערע בעוועגונגס־מיטלען, וואָס ווירקען שוין היינט ניט אויף אונז, זענען פערביטען געוואָרען אויף העכערע, וואָס זענען דעם לוין־אַרבייטער אין אייער צייט אינגאַנצען פרעמד געוועזען. איצטער, ווען יעדער סאָרט געשעפט איז שוין ניט מעהר קיין פערזענליכעס און דינט שוין ניט אַלס אַ מיטעל אַליין רייך צו ווערען, נאָר געהט פאַר די נוצען פון גאַנצען פאָלק, — ווערט דער אַרבייטער, אַזוי ווי אין אייער צייט אַ סאָלדאַט, אויפ־געמונטערט דורך פּאַטריאָטיזם און ליעבע צו דער מענשהייט. די אַרבייטער־אַרמעע איז אַ חַיִל ניט בלויז איבער איהר פאָל־קאָמענער אָרגאַניזאַציע אַליין, נאָר אויך איבער׳ן אָפּפער־מוט, וואָס מונטערט־אויף איהרע מיטגליעדער. נאָר אַזוי ווי איהר האָט זיך בעמיהט מְמַלֵא צו זיין די פּאַטריאָטישע געפיהלען דורך ליעבע צו כָּבוֹד, כְּדֵי דערמיט צו ערוועקען די מוטהיגקייט פון אייערע זעלנער, אַזוי טהוען מיר אויך. אַזוי ווי אונזער אינדוסטריעלעס סיסטעם איז געבויט אויף דעם גרונד — צו פערלאַנגען פון יעדען איינציגען איין גלייכע מאָס פון אָנשטרענגונג, ווען איהר זעהן, אַז די מיטלען, דורך וועלכע מיר נייגען די אַרבייטער צו טהון, ווי נאָר בעסער זיי קאָנען, זענען דער עִקָר־טהייל פון אונזער סיסטעם: ביי אונז איז דער איינציגער און זיכערסטער וועג צו עפענטליכער אַכטונג, סאָציאַלער אויסצייכנונג און אָפיציעלער מאַכט — די געטריייהייט און פלייסיגקייט אין׳ם פאָלקס־דיענסט. אויב מען וויל וויסען, ווי איינער האָט געדינט דער געזעלשאַפט, דאַרף מען זעהן, וואָס פאַר אַנ׳אָרט ער פערנעהמט אין איהר.

ווען מ'וואָלט פערגלײַכען די מאָטיווען צו אַרבײַט פון אַיַער צײַט, ווי שרעק פאַר אָרעמקײַט און ליעבע צו לוקסוס, — מיט אונזערע, וואָלט מען געזעהען, ווי שוואַך, אונזיכער, זאָגאַר ווילד אײַערע זענען געוועזען.

— איך וואָלט וועלען אַביסעל גענויער זיך בעקענען מיט אײַער סאָציאַלער אײַנריכטונג, — האָב איך געזאָגט.

— דאָס סיסטעם מיט אַלע זײַנע אײַנצעלהײַטען איז, נאַטירליך, זעהר אַ פערוויקעלטעס, — האָט דער דר. געענטפערט, — ווײַל אויף איהם איז געבויט די אָרגאַניזאַציע פון אונזער גאַנצער אַרבײַטער־אַרמעע; פון דעסטוועגען, עטליכע ווערטער וועלען איך געבען דערפון אַן'אַלגעמײַנע פאָרשטעלונג.

אין דער מינוט איז אונזער געשפרעך אונטערבראָכען געוואָרען דורך יהודית'ס אָנקומען. זי איז געווען אָנגעקלײַדט צו'ם שפאַציערגאַנג און איז געקומען זיך דורכרעדען מיט'ן פאָטער איבער אַ בעשטעלונג, וואָס ער האָט איהר געגעבען אין שטאָדט.

— וואַרט, יהודית, — האָט דער פאָטער אויסגערופען, — ווען זי האָט שוין געהאַלטען בײַ'ם אַוועקגעהן, — אפשר וועט דעם העררן וועסט אינטערעסאַנט זײַן מיטצוגעהן מיט דיר אין שטאָדט, אין די קראָמען. איך האָב איהם אַביסעל דערצעהלט פון אונזער אָרדנונג, ווי מיר פערטײַלען די פראָדוקטען; אפשר וואָלט ער וועלען זעהן עס אין דער פראַקטיק. מײַן טאָכטער, — האָט ער געזאָגט, זיך ווענדענדיג צו מיר, — האָט זעהר ליעב אַרומצוגעהן איבער די קראָמען, דעריבער קאָן זי אײַך געבען אין דעם פאַך בעסערע ערקלערונגען, אַלס איך.

דער פאָרשלאַג איז מיר, פערשטעהט זיך, געווען זעהר אַנגענעהם, און מיר זענען בײַדע צוזאַמען אַוועק פון דער הײַם.

X.

— איך וועל אײַך ערקלערען אונזער פאָרם האַנדעל,

אָבער איהר, פון אײַער זײַט, מוזט מיך בעקאַנט מאַכען מיט אײַערן, — האָט יהודית געזאָגט, געהענדיג אויף דער גאַס. — למשל: ווי באַלד בײַ איך זענען געווען אַזוי פיעל קראָמען, און יעדער האָט געהאַט אַנדערע אַרטיקלען סחורה, ווי אַזוי האָט זיך אַ פרוי געקאָנט בעשליעסען צו קויפען, ביז זי וועט ניט דורכגעהן אַלע געשעפטען?

— דאָס איז טאַקי געוועזען דאָס איינציגע מיטעל זיך אויסצוקלײַבען, וואָס זי האָט נויטיג געהאַט, — האָב איך גע־ענטפערט.

— דער פאָטער זאָגט, אַז איך האָב ליעב אַרומצולויפען איבער די קראָמען, אָבער מיר דאַכט, אַז איך וואָלט ניבער מיעד ווערען, אויב איך וואָלט אַרומגעלאָפען, אַזוי ווי עס זענען אַרומגעלויפען די דאַמען אין אײַער צײַט, — האָט זי לאַכענדיג געזאָגט.

— נאַטירליך, פערנומענע פרויען האָבען זיך טאַקי זעהר בעקלאָגט דערויף, וואָס זיי דאַרפען פערליערען איבריגע צײַט אויף'ן אַרומלויפען פון איין קראָם צו דער צווייטער, אָבער פאַר די לעדיגגעהערינס איז דאָס געווען אַ גאַנץ גוטע געלעגענהײַט די צײַט צו פערטרײַבען.

— לאָ'מיר זאָגען, למשל, אַז עס זענען אין אַ שטאָדט געוועזען טויזענד קראָמען, איז דאָך הונדערט געוועזען פון איין מין סחורה, ווי אַזוי זענען אַפילו די לעדיגע פרויען איםשטאַנד געוועזען זיי דורכצוגעהן?

— עס פערשטעהט זיך, אַז זיי האָבען ניט געקאָנט אַלע דורכגעהן, — האָב איך געענטפערט. — די יעניגע, וואָס פלעגען מאַכען אַ גרויסען אײַנקויף, האָבען זיך שוין פאָראויס ערקונדיגט, וואו מען קען בעקומען אַלעס וואָס זיי איז נויטיג, האָבען געגוי־אויסגעלערנט די געשעפטען און פלעגען קויפען זעהר ביליג, ווײַל זיי האָבען שטענדיג געוואוסט, וואו מען קען בעקומען גוטע סחורה פאַר אַ קלײַנעם פרײַז. די אָבער, וואָס זענען געווען פערנומען, אָדער וואָס האָבען זעהר ווייניג געקויפט, פלעגען אַלע מאָל אײַנקויפען די ערגסטע סחורה און פאַר

א טײַערען פרײַז. ווען ניט קײַן געניטע מענשען פלעגען אײַנ־קויפען זאכען צו'ם גלײַבען מקח, איז דאס געווען א מין גליקזאך.

— פאר וואס האט איהר זיך געהאלטען אן אזא סיסטעם. ווי באלד איהר האט געזעהען זײַנע פעהלערען? — האט יהודית געפרעגט.

— דאס איז געוועזען אזוי ווי מיט אלע אונזערע געזעל־שאפטליכע אײַנריכטונגען, — האב איך געענטפערט. — מיר האבען גאנץ גוט געזעהען זײַנע שלעכטע זײַטען, נאר מיר האבען ניט געפינען געגען דעם קײַן מיטעל.

— אט זענען מיר בײַ דעם צענטראל־לאגער, — האט יהודית געזאגט, בעת מיר זענען צוגעגאנגען צו אגרויסען אײַנגאנג אין אײַנע פון די שענסטע געזעלשאפטליכע געבײַדען.

דרויסען זענען ניט געווען קײַן בעזונדערע סימנים, וואס זאלען אנווײַזען, אז דאס איז א האנדעלס־הויז. אין די גרויסע פענסטער איז ניט געוועזען אויסגעשטעלט קײַן סחורה; עס איז איבערהויפט ניט געוועזען קײַן שילד, אום צוציהען קונדען. נאר אנשטאט דעם איז איבער'ן אײַנגאנג געוועזען א מאסיווע גרופע פון מענשליכע פיגורען און אין דער מיטען א פרויענפיגור, וואס האט פארגעשטעלט דעם „איבערפלוס" מיט זײַן הארן.

בשעת מיר זענען אריינגעגאנגען, האט מיר יהודית בע־מערקט, אז אזעלכע גרויסע פערטײַלונגס־לאגערען געפינען זיך אין יעדען קווארטאל פון שטאדט, אזוי אז יעדער האט פון זײַן וואהנונג העכסטענס א צעהן מינוט גאנג ביז'ן לאגער.

דאס האב איך צו'ם ערשטען מאל געזעהן די אינערליכקײַט פון א געזעלשאפטליכער געבײַדע פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט, און נאטירליך האט דאס בילד מיך פעראינטערעסירט. איך בין געווען אין אגרויסען זאל, וואו דאס ליכט האט אריינגעדרונגען ניט דורך די פענסטער אליין, נאר אויך פון אויבען, דורך א גלעזערנע קופעל, וואס איז געווען הונדערט פוס הויך איבער אונז. אונטער איהר, אין מיטען זאל, האט געשלאגען א הער־ליכער פאנטאן, וואס האט אבגעפרישט די לופט מיט זײַנע קיהלע שטראמען וואסער. די ווענד און די אויבערלאגע (סופיט)

זענען געווען בעמאלט מיט פרעסקען אין צארטע פארבען אום אבצושוואכען די שיין, אבער ניט איינצושלינגען זי. ארום פאנטאן זענען געווען אויסגעשטעלט שטוהלען און דיוואנען, וואו עס זענען געזעסען עטליכע מענשען, רעדענדיג צווישען זיך; די אויפשריפטען אויף די וועגד האבען אנגעוויזען, וואס פאר סחורות עס געפינען זיך אונטען, אויף די טישען.

יהודית האט זיך געלאזט געהן צו איינעם פון זיי, וואו עס זענען געווען פאנאנדערגעלעגט אלערהאנד מוסלין־פראבען, און האט זיי אנגעהויבען צו בעקוקען.

— וואו זענען דאס די געשעפטסדינער? — האב איך געפרעגט, ניט זעהענדיג קיינעם הינטער די טאמבענק און קיין איינציגען, וואס זאל צוגעהן מיט׳ן קונד צו רעדען.

— פארלויפיג האב איך נאך קיין קאמי ניט נויטיג, ווייל איך האב מיר נאך ניט אויסגעקליבען, וואס מיר געפעלט.

— אין מיין צייט, — האב איך ערווידערט, — איז דאס געווען די הויפט־אויפגאבע פון א סוחר, צו העלפען אויסקלייבען דעם קויפער.

— ווי? עס איז אויף זיי געליגען א חוב צוזאגען די קויפער, וואס זיי האבען נויטיג?

— יא; און נאך עפטער — זיי איינצושמועסען צו קויפען דאס, וואס זיי האבען גאר ניט נויטיג.

— אבער האבען דען די דאמען דאס ניט געהאלטען פאר א חוצפה? האט יהודית פערוואונדערט געפרעגט. — וואס אינטערעסירט עס די קאמי׳ס, אויב מען וועט קויפען, אדער ניט?

— דאס איז אבער געווען אין אונזער צייט זייער איינציגע זארג, — האב איך געענטפערט, — ווייל די קאמי׳ס האט מען נאר צו דעם צוועק געדינגען, זיי זאלען פערקויפען וואס מעהר סחורה. נאטירליך, האבען זיי אנגעווענדט אלע מיטלען דעם קויפער ווי ניט איז איינצורעדען.

— זעהט נאר, ווי איך האב קיין זכרון ניט, אז איך האב דאס פערגעסען! — האט זי אויסגעשריגען. — אין נייני־צעהנטען יאהרהונדערט האבען די סוחרים און זייערע קאמי׳ס

בעלעבט נאר דערפון, וואס זייער סחורה איז פערקויפט געווארען. איצטער איז דאס נאטירליך גאנץ אנדערש. די סחורה געהערט צו'ם פאלק. די פריקאזטשיקעס זענען נאר דא פאר די, וואס האבען זיי נויטיג, און זייער חוב בעשטעהט נאר זעהן, די קויפער שטענדיג צו בעדינען און אנצונעהמען זייערע בעשטעלונגען; אבער ניט דער קאמי, ניט דאס פאלק איז ניט פעראינטערעסירט צו פערקויפען אנ'איבריגען ארשין אדער א פונט פון וועלכער סחורה עס איז. ווי וואונדערבאר, — האט זי פארטגעזעצט לא־כענדיג, — האט דאן געמוזט זיין צו זעהן די קאמי'ס, וואס האבען געצוואונגען דאס פובליקום צו קויפען דאס, וואס זיי האבען ניט נויטיג, אדער איבער וועלכען עס איז געוועזען א ספק.

— גוט, אבער דער קאמי פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט קאן אייך דאך פון דעסטוועגען נוצליך זיין, געבענדיג אייך די נויטיגע ידיעות וועגען די סחורות, — האב איך בעמערקט.

— ניין, — האט יהודית געזאגט, — דאס געהערט ניט צו'ם קאמי. איהר זעהט אט די געדרוקטע קארטען, פאר וועלכע די רעגיערונג איז פעראנטווארטליך, — אט זיי געבען אונז אלע מעגליכע ידיעות.

איך האב בעמערקט, אז צו יעדער פראבע סחורה איז אנגעבונדען א קארטעלע, אין וועלכען עס איז גענוי בעשריבען די פאבריקאציע, אלע אייגענשאפטען פון די סחורות, ווי אויך זייערע פרייזען, מיט איין ווארט, אלעס, וואס עס איז נויטיג צו וויסען.

— אלזא, ווי איהר זעהט, — האט זי ווייטער געזאגט, — האט שוין דער קאמי דא ניט וואס צו טהון, מ'פאדערט נאר פון איהם העפליכקייט און גענוי צו ערפילען די בעשטעלונג.

— פון וויפיעל שבועות, ליגענס און בעטרוג איהר היט זיך אוים דורך אזא פראסטע איינריכטונג! — האב איך ניט־ווילענדיג אויסגעשריענען.

— איהר ווילט דערמיט זאגען, אז אין אייער צייט האבען איך די קאמי'ס גענעבען פאלשע ידיעות איבער דער סחורה? — האט יהודית געפרעגט.

— גאָט בעוואָהר! איך בעשולדיג דערין גיט אַלע-עס זענען געוועזען אַזעלכע, וואָס האָבען דאָס ניט געטהון, און די נעזעלשאַפט האָט זיך געטרויט. נאָר בִּכְלָל, אַזוי ווי די לעבענס-מיטלען פון אַגאַנצער פאַמיליע זענען אָבגעהאָנגען פון דער גרויסער אָבליישונג פאַר סחורה, האָט די נויטווענדיגקייט ארייג-צוקריגען דעם קונדען פיעלע געבּרענגט צו אַ נסיון.

רעדענדיג, האָט יהודית אָנגערירט דעם קנאָפּ פון גלעקעל. און אין איין אויגענבליק האָט ערשיינט פאַר איהר אַ פּריקאַזטשיק-ער האָט פערשריבען איהר בעשטעלונג אויף אַ קאַרטעל מיט בלייפעדער אין צוויי קאָפּיען, פון וועלכע ער האָט איינע איבער-געבען איהר און די צווייטע אַראָבגעלאָזען אין אַ רעהר. נאָכדעם ווען דער קאָמי האָט אַראָבגערעכענט דעם סכום, וואָס די סחורה בעטרעפט, פון יהודית'ס קרעדיט-קאַרטע, האָט זי מיר ערקלערט. אז דער בעשטעלונגס-רעפּובליקאַט ווערט איבערגעגעבען דעם קויפער. כְּדֵי מ'זאָל יעדען טָעות, וואָס טרעפט אַמאָל בּיי'ם פאַנאַנדער-שיקען, שטענדיג גלייך קאָנען פערריכטען.

מיר איז געווען זעהר אינטערעסאַנט צו וויסען, ווי אַזוי זי האָט אַזוי גיך צוגעטראָפען דעם אָרט, וואו זי קאָן בעקומען, וואָס איהר געפעלט, און ווי אַזוי זי האָט זיך די סחורה אַזוי גיך אויסגעקליבען. איך בין געוועזען איבערצייגט, אז אויסער אין דעם לאַגער פון איהר אייגענעם קוואַרטאַל, האָט זי ניט געטאָרט קויפען.

— אָ, ניין! — האָט זי דערויף געענטפערט. — מיר קויפען, וואו מיר ווילען; עס פערשטעהט זיך, אז מיר קלייבען אויס אַלע מאָל דעם נעהענטערן פון אונז. איך וואָלט גאָר ניט געווינען, אויב איך וואָלט אפילו געהן אין אַנדערע קראָמען. דאָס אויסקלייבען פון דער סחורה איז אומעטום אויף איין אופן; אומעטום ווערט נאָר פאָרגעלעגט פּראָבען פון אַלע פערשיעדענע סאָרטען סחורה, וואָס עס ווערט אויסגעאַרבייט אין די פעראייניגטע שטאַטען. דעריבער קאָן מען אויסקלייבען, וואָס עס איז נויטיג, גיך, און עס איז ניטאָ צוליעב וואָס צו געהן אין אַנדערע קראָמען.

— איז דאָס נאָר אַ פּראָבען-לאַגער? עס איז דאָך ניט צו

זעהן קיין פּריקאַזטשיק, וואָס זאָל אָבשנײַדען און אײַנפּאַקען סחורה פאַר די קויפער.

— אַלע אונזערע קראָמען, אַ חוץ עטליכע ספּעציעלע אַרטיקלען, האַלטען נאָר פּראָבען אַליין. כמעט אַלע סחורות ווערען צוגעשטעלט פון די פאַבריקען גלײַך אין׳ם צענטראַל-לאַגער פון שטאָדט. מיר בעשטעלען נאָר די פּראָבע נאָך דער געדרוקטער אויפגאַבע איבער דעם שטאָף און פּרײַז פון דער סחורה. די בעשטעלונגען ווערען גלײַך אַרײַנגעשיקט אין׳ם צענטראַל-לאַגער און פון דאָרטען ווערען זיי שוין פאַנאַנדערגעשיקט צו די קויפער.

— אויף אַזאַ אופן מוז דאָס זעהר פיעל אַרבייט פער-שפּאָרען, — האָב איך בעמערקט. — ביי אונזער סיסטעם האָט דער פאַבריקאַנט פערקויפט דעם גרויס-הענדלער, דער גרויסהענדלער — דעם קלענערן און דאָס קלײנע סוחר׳ל — דעם פער-בּרויכער, און מיט דער סחורה האָט מען יעדעס מאָל געמוזט האַנדלען. איהר פערשפּאָרט דעם שאַבער-מאַכער און בעזײַטיגט אויף אַזאַ אופן דעם קלײנעם הענדלער מיט זײַן גרויסען רוח און זײַן גאַנצע אַרמעע פּריקאַזטשיקעס, וואָס ער האָט געהאַלטען. בײַ איך איז דאָס הויז נאָר אַ פּראָבען-לאַגער פון אַ גרויסען געשעפט, מיט אַ נויטיגען פּערסאָנאַל פּריקאַזטשיקעס. מיר, ווידער, וואָלטען בענוצט אויף די סחורה צו ווײַזען, אײַנצוזערען, אָבצומעסטען, צו פערפּאַקען און אוועקצוטראָגען אַ היים אַ גרויסע צאָהל מענשען, און בײַ איך מאַכט עס אָב איינער. די עקאָנאָמיע מוז זײַן זעהר גרויס.

— עס פערשטעהט זיך, אַ גרויסע, אַנדערש קאָן גאָר ניט זײַן, הער וועסט, — האָט יהודית געענטפערט. — איהר טוזט אײַנבעדינגט בעטען מײַן פאָטער, ער זאָל איך מיטנעהמען אַמאָל אין צענטראַל-לאַגער, וואו עס קומען־אָן בעשטעלונגען פון אַלע קרעמער, און עס ווערט פאַנאַנדערגעשיקט צו אַלע קויפער פון שטאָדט. איך בין די טעג דאָרטען געוועזען, און איך האָב טאַקי זעהר פיעל פערגעניגען געהאַט צו קוקען. בעסער קאָן מען שוין ניט פערלאַנגען. אָט, למשל, הינטער דעם ווענטעל, וואָס איז

אַקוראַט ווי אַ שטײַנגעל, שטעהט אַ פּריקאַזטשיק — דער עקס־פּעדיטאָר, וואָס איז מקבל די בעשטעלונגען פון פערשידענע אָבטײלונגען פונ'ם לאַגער דורך איבערגעבונגס־רעהרען. זײַנע געהילפען סאָרטירען זײ אויס און לעגען יעדען סאָרט בעשטעלונג אין בעזונדערע קערבעלעך. בײַ'ם עקספּעדיטאָר געפינען זיך אַ צוועלף רעהרען, דורך וועלכע יעדע אָבטײלונג איז פערבונדען מיט דער זעלבער אָבטײלונג פונ'ם לאַגערהויז. דער עקספּעדיטאָר לאָזט־אַראָב דעם קאָרב מיט דער בעשטעלונג אין אַ בעשטימטע רעהר, און אין אַ משך פון עטליכע סעקונדען פאַלט זי אַרויף אויפ'ן טיש פונ'ם צענטראַל־לאַגער צוזאַמען מיט די זעלבינע בעשטעלונגען פון די איבריגע קראָמען. די בעשטעלונגען ווערען באַלד איבערגעלעזען. פערשריבען און פאַנאַנדערגעשיקט גיך, ווי אַבליץ. אַט די אײַנריכטונג איז דער אינטערעסאַנטעסטער טײל פון דער גאַנצער פּראָדוקציע. גרויסע פּעק מיט טוך זענען אָנגעוויקעלט אויף שפּינדלען, וואָס ווערען געדרעהט דורך מאַשינען; דער צעשנײַדער, וואָס האָט אויך נעבען זיך אַ מאַשין, שנײַדט אײן פּאַק נאָכ'ן אַנדערן, ביז ער ווערט מיעד, און אויף זײַן אָרט שטעלט זיך אַנ'אַנדערער; די זעלבינע זאַך מאַכט מען אין אַלע לאַגערען, וואו עס ווערען אַנדערע אַרטיקלען בעשטעלט. די פּאַקעטען ווערען דאַן איבערגעגעבען אין ברײַטערע רעהרען, וואָס געהען אין פערשידענע קוואַרטאַלען פון שטאָדט, און אַזוי ווערען זײ פאַנאַנדערגעטײלט אין די הײַזער. בעטראַכט נאָר ווי גיך דאָס ווערט געמאַכט: עס קאָן, למשל, זײַן, אַז מײַן בעשטעלונג וועט שוין זײַן אין דער הײם אַ צײַט פריהער, איידער איך וועל אַהין קומען.

— ווי ריכט איהר דאָס אײַן אויפ'ן לאַנד, אין די דערפער, וואו די בעפעלקערונג איז קלענער? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס סיסטעם איז דאָס זעלבע, — האָט יהודית געענטפערט. — די פּראָבען־לאַגערען אויפ'ן דאָרף זענען פערבונדען דורך איבערגעבונגס־ו עהרען מיט דעם צענטראַל־לאַגער פון זײַן ראַיאָן, וועלכער קאָן זײַן אַ מײַל צוואַנציג פון איהם. די איבערגעבונג ווערט פון דעסטוועגען אַזוי גיך געמאַכט, אַז עס דויערט זעהר

ווענִיג צײַט; נאָר פון דעסטוועגען, כְּדֵי עס זאָל זִיךְ דאָךְ אַמאָל נִיט פערהאַלטען, זענען אִין פִילע געגענדען אײַנגעאָרדנעט רעהרען, וואָס פערבִינדען עטליכע דערפער מִיט דעם שטאָרטיגען לאַגער, אָבער אויף אַזאַ אופֶן מוז שוין אײן דאָרף וואַרטען אויף דאָס צוהײַטע. יעדענפאַלס, קומט אוים צו וואַרטען העכסטענס אַ שָׁעָה דרײַ, בִּיז מען בעקומט דִי סחורה. אויף אַזאַ אופֶן אִיז דאָס געווען אײַנגעאָרדנעט אִין דער געגענד, וואו אִיךְ בִּין געוועזען דעם לעצטען זומער, און אִיךְ האָב דאָס געפִינען פאַר אונגבעקוועם.*)

— אִיךְ רעכען, אַז דִי דאָרפִישע פראָבען־הײַזער מוזען אָפ׳ן אִין אַנדערע הִינזִיכטען אויךְ שטעהן נִידריגער פון דִי שטאָרטיגע, — האָב אִיךְ בעמערקט.

— געווִיס נִיט, — האָט יהודית געענטפערט. — זײַ זענען אִין אַלע הִינזִיכטען אַזוי גוט, ווִי דִי שטאָרטיגע. דער פראָבען־לאַגער פון דעם קלענסטען דערפעל גִיט אײַךְ דִי בְּרֵירָה זִיךְ אויסצוקלײַבען פון אַלע פערשִידענע אַרטִיקלען, וואָס דאָס פאָלק האָט, צוגלײַךְ מִיט דעם שטאָרטיגען לאַגער.

אויפ׳ן וועג צוריק אַהײַם האָב אִיךְ זִיךְ צערעדט וועגען דער פערשִידענהײַט פון דִי הײַזער און וועגען זײַער ווערט.

— ווִי אַזוי קאָן שטִימען דער דאָזִיגער אונטערשִיעד מִיט דעם פאַקט, אַז אַלע בִּירגער בעקומען אַ גלײַכע הַכְנָסָה? — האָב אִיךְ געפרעגט.

— דִי הַכְנָסות זענען טאַקִי אִין דער אֶמֶת׳ן גלײַךְ, נאָר דער געשמאַק פון דִי מענשען אִיז פערשִידען, און יעדער בִּירגער ברענגט־אוים זײַן הַכְנָסָה אויף וואָס ער ווִיל. אײנִיגע האָבען אַ חֵשֶׁק צו שענע פערד; אַנדערע, ווִידער, ווִי אִיךְ, האָבען לוסט צו שענע קלײדער; אַ דרִיטע האָבען לִיעב גוט צו עסען א. ז. וו. דאָס דִירָה־געלד, וואָס דאָס פאָלק נעהמט פאַר אַזעלכע הײַזער,

*) אַנמערקונג. שפעטער האָט מען מיר איבערגעגעבען, אַז דִי אונבעקוועמליכקײט אין דעם פאַנאַנדערשיקען די סחורה אין אײניגע געגענדען, איז בעזײַטיגט געוואָרען און ס׳האָט אײַנגעאָרדנעט אין יעדען דאָרף זײַן אײגענע דעהר־ליניע.

איז פערשידען: עס ווענדט זיך, וואס פאר א גרויס עס האט, ווי שען עס איז, אויף וואס פאר אַן אָרט עס שטעהט, אַזוי אַז יעדערער קאָן געפינען, וואס פאר א דירה איהם געפעלט. אין די גרויסע הייזער וואוינען געוועהנליך גרויסע פאמיליען, וועהרענד קלײנע פאמיליע, למשל, ווי אונזערע, קריגען קלענערע דירות, בעקוועמער און ביליגער. דאס איז א זאך, וואס איז שייך צו'ם געשמאק און בעקוועמליכקייט. איך האב געלעזען, אַז אין די אלטע צייטען פלעגען מענשען זעהר אָפט האבען א גרויסע דירה און פלעגען מאכען אנדערע הוצאות, ניט האבענדיג דערצו קיין מיטלען, בלויז צוליעב דעם, מ'זאל מיינען, אַז זיי זענען רייכער, ווי זיי זענען געווען אין דער ווירקליכקייט. איז עס טאקי אין דער אמת'ן אזוי געוועזען, העד וועסט?

— איך מוז מודה זיין..... — האב איך געענטפערט.

— נו, זעהט איהר, — האט מיר יהודית איבערגעהאקט די רעד, — ביי היינטיגען טאג, קאָן שוין דאס מעהר ניט פאָרקומען, ווייל מען ווייסט גאַנץ גוט יעדענס הכנסות, און אויסערדעם ווייסען אלע, אַז אויב מען איז אויף איין זאך א גרעסערער בעל-הוצאה, מוז מען אויף דער צווייטער איינשפאָרען.

---

## XI.

ווען מיר זענען געקומע'ן צוריק אהיים, איז נאך דער דר. ניט געוועזען, און פרוי ליט האט מען אויך ניט געזעהען.

— זענט איהר א בעלן אויף מוזיק? — האט יהודית געפרעגט.

איך האב געענטפערט, אַז נאך מיין מיינונג איז דאס דער גרעסטער תענוג אויף דער וועלט.

— מאכענדיג די פראגע, מוז איך זיך ענטשולדיגען, — האט זי געזאגט. — ביי היינטיגען טאג שטעלען מיר איינער

דעם אַנדערן אַזעלכע פראַגען ניט; נאָר איך האָב אָבער געלעזען אַז אין אייער צייט זענען אפילו צווישען די געבילדעטע מענשען געוועזען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך מיט מוזיק ניט אינטע־רעסירט.

— כּדי מיין דור צו פערטיידיגען, מוז איך אייך זאָגען, אַז בּיי אונז איז געווען פיעל זאָנדערבּאַרע מוזיק.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב עס געהערט, און בּין זיך מודה, אַז איך אַליין אפילו וואָלט אויך ניט סימ־פּאַטיזירען מיט אַזעלכער מוזיק. וואָלט איהר אֶפשר געוואָלט הערען אונזער מוזיק, הער וועסט?

— קיין זאַך וואָלט מיר קיין גרעסערן פערגעניגען ניט פערשאַפען, ווי צו הערען אייער שפּיעלען.

— ווי? — האָט זי לאַכענדיג געזאָגט. — שוין זשע מיינט איהר, אַז איך אַליין וועל זיך שטעלען פאַר אייך שפּיעלען אָדער זינגען?

זעהענדיג, אַז איך האָב מיך אַבּיסעל פערשעמט, האָט זי אויפגעהערט צו שמייכלען און האָט מיר ערקלערט, אַז היינטיגע צייטען זינגען אַלע נאָר אום די שטימען אויסצובילדען, און אַנדערע שפּיעלען אויף אינסטרומענטען צוליעב אייגענעם פערגעניגען, אָבער פּראָפעסיאָנעלע מוזיק איז נאָך זייער מיינונג פיעל העכער און פאָלקאָמענער, אַז זיי האָבען גאָר קיין דעה ניט אָנצורופען זייער שפּיעלען און זינגען — מוזיק. אַלע גוטע זינגער אין שפּיע־לער דיענען בּיי'ם פאָלק אין דער מוזיק־אָבטהיילונג, און די ליעבּ־האָבער שווייגען געוועהנליך.

נאָך די רעד האָט זי מיך אַריינגעפיהרט אין דאָס מוזיק־צימער, וואָס איז געוועזען אָהן טאַפּעטען מיט אַ פּאָליר'טער הילצערנער פּאָדלאָגע. איך האָב געמיינט אין דעם צימער צו זעהן ניי־ערפונדענע מוזיק־אינסטרומענטען, אין צימער איז אָבער גאָר נישט געוועזען אַזוינס, וואָס מ'זאָל קאָנען ארויסזעהן, צו וואָס עס איז בּעשטימט.

מען האָט געקאָנט בּעמערקען, אַז מיין פערוואונדערטעס געזיכט האָט יהודית'ן פערשאַפט ניט ווייניג פערגעניגען. זי האָט

מיר איבערגעגעבען א קארטע, וואו עס זענען געווען אויף געשריבען פיעלע נעמען פון מוזיקאלישע ווערק.

— קלייבט זיך אוים וואס פאר אשטיק איך געפעלט, — האט זי געזאגט, — נאר פערגעסט ניט, אז דער זייגער האלט שוין 5.

אויף דער קארטע איז געווען אנגעשריבען דאס דאטום: „דער 12־טער סעפטעמבער 2000“, און זי האט ענטהאלטען דאס גרעסטע קאנצערט־פראגראם, וואס איך האב ווען אין מיין לעבען געזעהען. עס האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פיעלארטיגקיים און האט ענטהאלטען א מורא'דיגע צאהל פון סאלא'ס, דיעטען, קווארטעטען פאר וואקאלע און אינסטרומענטען־מוזיק און ארקעס־טער־קאמפאזיציעס.

איך בין אזוי געשטאנען פערוואונדערט ביי דעם לאנגען דיסטער, ביז יהודית'ס שען פינגערל האט זיך אבגעשטעלט אויף א בעזונדערער אבטיילונג, וואו עס איז געווען אנגעצייכענט „5 אוהר נאך מיטאג“; אגב האב איך בעמערקט, אז דאס געוואלטיגע פראגראם איז נאר געווען אויף איין טאג און צעטיילט אויף 24 חלקים, צוגלייך מיט די שטונדען אין טאג.

אין דער רובריק „5 אוהר נאך מיטאג“ זענען געווען אנגעצייכענט נאר ווייניג שטיק, און האב אנגעוויזען אויף א שטיק, וואס ווערט געשפיעלט אויפ'ן ארגאן.

יהודית האט זיך דערפרעהט, וואס איך האב אויסגעקליבען ארגאן, ווייל, ווי זי האט ערקלערט, עס האט צוגעפאסט צו איהר איצטיגער שטימונג.

זי האט מיר אנגעוויזען א בעקוועמען פלאץ, וואו זיך צו זעצען, און דורכגעהענדיג איבערן צימער, האט זי אנגערירט א שרייפעל — און באלד איז דאס גאנצע צימער פול געווארען מיט וואונדערבארע טענער פון א גרויסען ארגאן; איך זאג „פול געווארען“, אבער ניט „איבערפול“, ווייל די מאסע פון די קלאנגען איז עפעס צוגעפאסט געווען צו דער גרויס פון צימער. איך האב אויף קיין אופ'ן ניט ערווארט צו הערען אזא פראכטפולע מוזיק, און האב די גאנצע צייט איינגעהאלטען דעם אטהעם.

— כאַך אַלײן האָט געמוזט שפּילען אויף דעם אָרגאַן! — האָב איך ניטװילענדיג אויסגעשריגען, בעת עס איז אָבגעשטאָרבען דער לעצטער קלאַנג פון דער מוזיק, — אָבער װאו איז דער אָרגאַן אַלײן?

— װאַרט נאָך אַ װײַלע, — האָט יהודית געזאָגט, — איך װיל, איהר זאָלט הערען פריהער נאָך אײן װאַלס.

און באַלד האָבען זיך אין צימער פאַנאַנדערגעגאָסען פּיעדעלטענער פון אַ רײַצענדען, בעצױבערנדען װאַלס. װען עס איז שטיל געװאָרען האָט יהודית געזאָגט:

— מײנט ניט, אַז אין דער מוזיק האָבען זיך בעטײליגט עפּעס גײַסטער. דאָס האָבען נאָר געאַרבײט ערהליכע און קלוגע מענשליכע הענד. אין שטאָדט זענען פאַראַן זעהר פיעל קאָנצערט־זאַלען, װאָס זענען אײַנגעאָרדנעט צו פערשידענע סאָרטען מוזיק; די דאָזיגע זאַלען זענען פערבונדען דורך טעלעפאָנען מיט אַלע הײַזער פון שטאָדט, װאָס זײַערע אײַנװאָהנער צאָהלען־אײַן אַ קלײנע סומע געלד, און איך מוז אײַך זאָגען, אַז עס איז כמעט ניטאָ אײנער, װאָס טהוט דאָס ניט. די צאָהל פון די מוזיקאַנטען, װאָס געהערען צו יעדען זאַל, איז אַזױ גרױס, דאָס חאָטש די סאָליסטען אָדער אַ גאַנצע גרופּע שפּילען זעהר אַ קורצע צײַט, פון דעסטװעגען ציהען זיך די קאָנצערטען אין פערלויף פון די גאַנצע פיער און צװאַנציג שטונדען. איהר זעהט, אויף דער קאַרטע, װאָס װערט הײַנטיגען טאָג געשפּילט. איז דאָ פיער פּראָגראַמען, און יעדעס בעשטעהט פון פיער קאָנצערטען, װאָס װערען אויסגעפיהרט אין אײן צײַט אין בעזונדערע זאַלען, און יעדעס פון די פיער שטיק קאָנט איהר הערען, אַ דריק טהוענדיג נאָר דאָס קנעפּעל אין אײַער הויז, װאָס איז פערבונדען דורך אַ דראָהט מיט דעם זאַל, אין װעלכען עס װערט געשפּילט. די פּראָגראַמען זענען אַזױ צונויפגעשטעלט, אַז די שטיקער, װאָס װערען אין פערשידענע זאַלען גלײַכצײַטיג געשפּילט, געבען געװעהנליך די מעגליכקײט צו הערען ניט בלויז פערשידענע אינסטרומענטאַלע און װאָקאַלע מוזיק, נאָר אויך פערשידענע מוזיק־מאָטיװען, פון דעם פרעהליכסטען ביז צו'ם טרויריגסטען,

אזוי דאָס יעדער צוהערער קאָן צופריעדען שטעלען זיין געשמאַק.

— מיר דאַכט, — האָב איך געזאָגט, — אַז אויב מען וואָלט אין אונזער צייט געהאַט די מעגליכקייט ביי זיך אין הויז צו הערען אַזוי פיעל גוטע מוזיק, ווי עס איז ביי אייך איינגעאָרדענט, — וואָלטען מיר גערעכענט, אז מיר האָבען דער־גרייכט די העכסטע שטופע פון גליק.

— איך קאָן מיר ניט פאָרשטעלען, — האָט יהודית גע־זאָגט, — ווי אַזוי האָבען אין אייער צייט די ליעבהאָבער פון מוזיק געקאָנט צופריעדען זיין פון דעם אַלטמאָדישען סיסטעם: הערען גוטע מוזיק האָט געקאָסט אַזוי פיעל געלד און צייט, וואָס ניט אַלע האָבען געקאָנט דערצו דערגרייכען, און דאָס נאָך אין אַ זעלטענעם צופאַל און אין אַזאַ צייט, וועלכע אַנדערע האָבען בעשטימט און וואָס טויג פאַר אייך ניט. אייערע קאָנצערטען און אָפּערען! עס האָט געמוזט זיין אונערטרעגליך צו הערען שטונדענלאַנג אַזאַ מוזיק, וואָס געפעלט אייך ניט, נאָר בכדי צו הערען אַ צוויי־דריי גוטע שטיקלעך! ווער, זאָגט מיר, וואָלט זיך בעשלאָסען צו עסען אַלעס, וואָס מען דערלאַנגט, אפילו ווען ער וואָלט זיין טי־יודע ווי הונגעריג? און דאָס געהער איז פיעל איידעלער פונ׳ם געשמאַק. זעהט איהר, אָט די אונבעקוועמליכקייט זיך צו בענוצען מיט דער מוזיק האָט אייך געצוואונגען אויסצוהערען דאָס שפיעלען און זינגען פון זעהר פּראָסטע שפּיעלער, און דעריבער איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס אין אייער צייט האָבען זעהר פיעל מענשען פערהאַסט די מוזיק.

— ווי איך פערשטעה פון אייערע רעד, — האָב איך איהר איבערגעריסען, — ווערט דאָס גאַנצע מוזיק־פּראָגראַם אויסגעפיהרט די גאַנצע פיער און צוואַנציג שעה. ווער זשע, זאָגט מיר, בענוצט זיך מיט איהר צווישען האַלבער נאַכט און פריהמאָרגען?

— איהר האָט אַ טעות, — האָט זי געזאָגט, — ביי אונז זענען דאָ מענשען, וואָס שלאָפען אין דער צייט אויך ניט. נאָר אַפילו אויב עס וואָלטען זיך אַזעלכע צוהערער ניט געפינען, וואָלט די מוזיק נוצען פאַר די, וואָס קאָנען ניט שלאָפען, — פאַר קראַנקע און

שטארבענדע. דעריבער זענען אלע אונזערע שלאפצימערען איינגע־ארדענט מיט טעלעפאנען צוקאפענס פון בעט, דורך וועלכע יעדערער, וואס קאן ניט איינשלאפען, קאן לויט זיין וואונש הערען וואס איהם געפעלט. מיך פערדריסט זעהר, וואס איך האב די פאריגע נאכט אינגאנצען פערגעסען אייך אנצוזאגען, אז אין אייער צימער געפינט זיך אויך אזא איינריכטונג, — האט זי פארטגעזעצט מיט פערדרוס. — היינט אוונד וועט אייך שוין דער פאטער וויזען, ווי דערמיט זיך צו בעגעהן, אין פאל, אויב איהר וועט האבען אונרוהיגע רעיונות.

אין דעם זעלבען אוונד, ווען איך האב דעם דר. ווידער געזעהען, ווייס איך ניט ווי אזוי מיר זענען ארויף אויף די רעד פון ירושה. איך האב טאקי געוואלט וויסען, אויב אין דער היינטיגער צייט ווערט ערלויבט צו ירש'נען דאס פערמעגען פון א פריינד.

דער דר. האט בעמערקט, אז דאס ווערט ניט געשטערט.

— איבערהויפט, — האט ער ווייטער געזאגט, — מישט מען זיך ביי היינטיגע יאהרען א סך ווייניגער אין די פערזענליכע פרייהייט, אלס עס איז פריהער געוועזען. עס פערשטעהט זיך, אז מיר פאדערען דורך געזעץ, דאס יעדער בירגער זאל דינען דער נאציע א בעשטימטע צייט, אנשטאט איהם צו געבען די ברירה, צו זאל ארבייטען, גנב'נען אדער הונגערן, ווי עס איז געוועזען אין אייער צייט. אויסער דעם גרונדגעזעץ, וואס איז אין דער אמת'ן מעהר ניט ווי א לאגישעס רעזולטאט פון דעם נאטורגעזעץ, — דאס געזעץ פון גן־עדן, — ווערט אונזער געזעלשאפטליכע ארדנונג ניט געשטיצט אויף קיין בעזאנדערער געזעצגעבונג, זי איז נאר א ריין־לאגישעס רעזולטאט פון די מענשליכע מעשים אונטער דעם איינפלוס פון רעגעלמעסיגע לעבענסבעדינגונגען. די ירושה־פראגע ערקלערט דאס טאקי זעהר גוט. ווי באלד די נאציע איז דער איינציגער קאפיטאליסט און לאנד־איינענטימער, וועט שוין, נאטירליך דאס פערזענליכע פערמעגען, פון א יחיד ניט קאנען גרעסער מאכען זיין יעהרליכען קרעדיט און זיין הויזליכעס לעבען. ווי נאר דער מענש שטארבט אב — הערט־

אויף זײַן קרעדיט צו עקזיסטירען; מען גיט נאָר ארויס א געוויסע סומע געלר אויף די קבורה, און די איבריגע זאַכען, וואָס ער פערמאָגט, גיט מען אַוועק יענעם, וועמען ער פערזאָגט.

— ווי באַלד אַזוי, מיט וואָס איז מען זיכער, אַז עס וועט זיך מיט דער צײַט ניט אָנזאַמלען קײַן רײַכטום אין פּריוואַטע הענד? אַזאַ אָרדנונג וואָלט דאָך געקאָנט צעשטערען די גלײַכהײַט צווישען בירגער! — האָב איך געפרעגט.

— דאָס אָרדענט זיך שוין אײַן ממילא, — האָט ער געענטפערט. — בײַ דער יעצטיגער אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט ווערט דאָס זאַמלען פון פּריוואַט־אײַגענטהום א לאַסט, וואָס פערגרעסערט נאָר די געוועהנליכע הוצאות. אין אייער צײַט האָט זיך ווער עס האָט געהאַט א הויז מיט גאָלדענע און זילבערנע כלים, פײַנע פּאָרצעלײַ, טײַער מעבעל און אַנדערע ווערטפולע זאַכען, געװעכענט פאַר א גביר, ווײַל די זאַכען האָבען געהאַט דעם ווערט פון געלד, און מען האָט עס צו יעדער צײַט געקאָנט פון זיי מאַכען. איצטער ווען אײַנער בעקומט א ירושה פון א סך פרײַנד, האַלט מען איהם פאַר אַנ'אונגליקליכען, ווײַל אַזוי ווי די זאַכען קאָנען ניט פערקויפט ווערען, ווערען זיי נאָר פאַר איהם זײַן אַזוי פיעל נוצבאַר, אויף וויפיעל ער וועט זיי קאָנען געברויכען. פון דער אַנדערע זײַט, וויעדער, אַזוי ווי זײַן הכנסה בלײַבט דאָך דיזעלבע ווי פריהער, וואָלט איהם ממילא אויסגעקומען צו פערקלענערן זײַן קרעדיט אויף דינגען א דירה פאַר די זאַכען און צאָהלען א שומר, וואָס זאָל זיי היטען און האַלטען אין אָרדנונג. איהר קאָנט זײַן גאַנץ זיכער, אַז אַזאַ מענש וועט זעהן וואָס גיכער צו פערטײַלען צווישען זײַנע פרײַנד דאָס פערמעגען, וואָס בעלעסטיגט איהם, און דערבײַ וועלען אפילו זײַנע פרײַנד אויך ניט נעהמען מעהר, וויפיעל זיי קאָנען האַלטען און האָבען נויטיג. אַלזאָ, זעהט איהר שוין, אַז פערבאָטען צו ירש'נען פערזענליכע אײַגענטום, נאָר כדי ניט צו דערלאָזען, עס זאָל זיך בײַ אײַנעם אָנקלײַבען א סך גוטס, איז גאַנץ איבריג. דאָס רוב זאָגען זיך די פרײַנד איבערהויפּט אָב פון דעם פערשטאָרבענעם'ס ירושה און לאָזען נאָר פאַר זיך

עטליכע נויטווענדיגע זאכען. דאָס איבעריגע גוטס געהט־איבער צום פאָלק און ווערט געזעלשאפטליכעס אייגענטום.

נאָכדעם האָבען מיר זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגען משרתים; מיך האָט זעהר אינטערעסירט צו וויסען, ווער וויל עס ווערען אַ משרת אין אזא לאַנד, וואו אלע זענען גלייכע יחסנים.

— נאָך אין אונזערע צייטען, האָב איך געענדיגט, איז די בעל־הבית'טעס אנגעקומען שווער צו בעקומען דינסטען, חאָטש דאַן איז נאָך קיין רעד ניט געוועזען פון סאָציאַלער גלייכהייט.

יהודית האָט מיר ערקלערט, אז טאקי נאָר צוליעב דער אַלגעמיינער גלייכהייט און ווייל דער דינסט רעכענט זיך פאַר אַ כבוד אין דער געזעלשאַפט, וואו דאָס גרונדגעזעץ איז — אַלע זענען מחויב צו דינען, — איז טאקי זעהר לייכט צו געפינען אַזעלכע דינסטען, וואָס האָט זיך אין מיין צייט נאָר ניט געקאָנט חלום'ן.

— איבעריגענס, נויטיגען מיר זיך נאָר אין זיי ניט, — האָט דער דר. בעמערקט.

— ווער דען בעזאָרגט די הויז־אַרבייט? — האָב איך געפרעגט.

— ביי אונז איז אַזעלכע אַרבייט נאָר ניטאָ, — האָט דערויף פרוי ליט געענטפערט. — מיר געבען אַוועק וועש וואַשען פאַר זעהר קליינע פרייזען אין די געזעלשאַפטליכע וואַש־הייזער, עסען פאַר אונז ווערט געגרייט אין די געזעלשאַפטליכע קיכען, אַלעס, וואָס מיר טראָגען, ווערט געמאַכט און פערריכט אין די עפענטליכע ווערקשטאַטען. די עלעקטריציטעט ווערט אומעטום בענוצט אויף בעהייצונג און בעלייכטונג. מיר קלייבען זיך אויס אַ דירה, וואָס איז ניט גרעסער, ווי מען האָט נויטיג, און דאָס זעלבע וואָס וועניגער מעבעל, מ'זאָל האָבען וועניגער אַרבייט דאָס צו האַלטען אין אָרדנונג. און טאקי דעריבער גופא האָבען מיר ניט נויטיג קיין דינסטען. אין אייער צייט פלעגט דער אָרעמע קלאַס אייך צושטעלען אַ גרויסע צאָהל דינער, אויף וועמען איהר האָט געקאָנט אַרויפלעגען אַלע שווערע און מיאוס'ע אַרבייט, אין דאָס גופא האָט אייך געמאַכט גלייכגילטיג צו זוכען מיטלען.

ווי דערפון לויז צו ווערען, — האט פרוי ליט פארטגעזעצט. — איצטער אבער, ווען מיר דארפען מיטארבייטען פאר די געזעלשאפט, איז יעדען מיטגליעד אינטערעסאנט מיטצוארבייטען אין די ערפינדונגען, וואס פערלייכטערען די ארבייט זיך און אנדערע. און די ארבייט האט זיך ווירקליך א סך פערלייכטערט, ווייל עס זענען אריינגעפיהרט געווארען אלע מעגליכע ערפינדונגען און פערבעסערונגען אין די ווירטשאפטליכע טהעטיגקייט; נאר אין גאנץ בעזונדערע צופאלען, למשל, צו ריינינגען און רעמאנטירען א הויז, אדער ווען עמיצער ווערט קראנק, קאנען מיר אלע מאל געפינען הילף און דער ארבייטער־ארמעע.

— מיט וואס בעצאהלט איהר זיי, ווי באלד ביי אייך איז קיין געלד ניטא? — האב איך געפרעגט.

— מיר בעצאהלען ניט, נאטירליך, די זעלביגע פערזאנען נופא, נאר מיר צאהלען פאר זיי אב דער נאציע, — האט דער דר. געענטפערט. — ווען מען האט זיי נויטיג, דארף מען זיך ווענדען אין ביורא, און די קאסטען ווערען אראבגערעכענט פון דעם בעשטעלערס קרעדיט־קארטע.

— וואס פאר א תענוג עס מוז זיין פאר די איצטיגע פרויען! — האב איך אויסגעשריגען. — אין מיין צייט האט אפילו דאס רייכטום און די גרויסע צאהל דינסטען ניט געקאנט בעפרייען די בעלי־בית'טעס פון ווירטשאפטליכער זארג, וועהרענד די ארעמע פרויען פלעגען שטארבען פון צופיעל הארעוואניע.

— יא, — האט פרוי ליט געענטפערט, — איך האב טאקי וועגען דעם געלעזען; די מאנסלייט איז אין יענער צייט פיעל בעסער געוועזען, אלס די מיטער און פרויען; אין דער יעצטיגער צייט טראגט דאס פאלק די זעלבע משא אריבער א סך לייכטער, ווי דעמאלט די פרויען.

— זייער אונגליק, צוזאמען מיט אלע איבריגע אונגליקען, איז נאר ארויסגעקומען דערפון, וואס מען האט ניט פערשטאנען, ווי זיך צו פעראייניגען, איבער די גרויסע מאכט פון דעם אינדיווידואליזם, אויף וועלכען עס איז געבויט געוועזען אייער גאנצעס געזעלשאפטליכעס סיסטעם; פון אייער אונפעהיגקייט

צו פערשטעהן, אז איהר וועט ארויסבעקומען צעהן מאל אזוי פיעל נוצען פון אייערע בירגער, ווען איהר וועט זיך פעראייניגען און ארבייטען צוזאמען, איידער ווי צו ארבייטען בעזונדער. עס איז צו בעדויערן ניט דאס, פאר וואס איהר האט בעסער און בעקוועמער ניט געלעבט, נאר ווי אזוי איהר האט איבערהויפט געקאנט עקזיסטירען ביי אזעלכע בעדינגונגען, ווי די שטרעבונג דעם אנדערן צו פערשקלאפען און אריינצוחאפען פרעמד גוטס, — האט דער דר. צוגעגעבען.

נאכדעם האט מען אנגעהויבען צו רעדען וועגען דאקטוירים.

— ווי איז אויב איהר האט נויטיג א דאקטאר? — האב איך געפרעגט, — ווענדעט איהר זיך אויך אין דאסזעלבע ביורא?

— ניין, דעם כלל קאן מען דא ניט בענוצען, — האט דער דר. געענטפערט. — דער נוצען, וואס א דאקטאר קאן ברענגען דעם קראנקען, הענגט פיעל אב פון זיין בעקאנטשאפט מיט'ן קראנקענס ארגאניזם און מיט זיין ארט לעבען. דער קראנקער מוז אלזא רופען א בעקאנטען דאקטאר, אזוי ווי עס איז געוועזען אין אייער צייט. דער אונטערשיעד בעשטעהט נאר דערין, וואס אנשטאט אראבצולאזען דאס געלד אין די אייגענע קעשענע, גיט דער דאקטאר עס איבער דעם פאלק, ד. ה. מען רעכענט־אראב פון דעם חולה'ס קרעדיט־קארטע אזוי פיעל, ווי פיעל עס קומט נאך דער מעדיצינישער טאקסע.

— מיר דאכט, אז ביי אזא ארדנונג מוזען די קראנקע רופען נאר גוטע דאקטוירים, און די געוועהנליכע בלייבען אהן פראקטיק.

— קודם־כל, — האט דערויף געענטפערט דער דר. ליט, — זענען ביי אונז גאר ניטא קיין שלעכטע דאקטוירים. ביי אונז ערלויבט מען ניט צו פראקטיקירען אזעלכען, וואס האט אקליינעם בעגריף פון מעדיצין, ווי עס איז געוועזען אין אייער צייט; נאר אזעלכע, וואס האבען פולשטענדיג אויסשטודירט און האבען בעוויזען זייער פעהיגקייט צו מעדיצין, — נאר אזעלכע לאזט מען צו דער פראקטיק. אויסער דעם דארפט איהר וויסען,

אז איצטער קאָנקורירען די דאָקטוירים ניט צווישען זיך, ווייל עס איז דערצו קיין אורזאַך ניטאָ, בּכלל מוז יעדער דאָקטאָר ארייננטראָגען אין מעדיציניש עם ביורא א געוויען בעריכט איבער זיין טהעטיגקייט, און אויב ער האָט וועניג בעשעפטיגונג — גיט מען איהם אנדערע ארבּייט.

---

## XII.

אַזוי ווי מיין וואונש זיך בעסער צו בעקענען מיט די איינריכטונגען פונ'ם צוואַנציגסטען יאָהר הונדערט איז געוואקסען מיט יעדער מינוט, בין איך מיט'ן דר. געבליבען א לאנגע צייט זיצען, נאָכדעם ווי די דאַמען זענען פון אונז אַוועקגעגאַנגען.

דער דר. האָט מיר ערקלערט, אויף וואָס פאַר אַנ'אופן עס האָט זיך אָרגאַניזירט די אַרבּייטער־אַרמעע.

— וואָס פאַר אַ מיטעל ווערט געבּרויכט, דער אַרבּייטער זאָל חשק האָבּען צו דער אַרבּייט, ווי באַלד אַז די זאָרג אום לעבּענסמיטעל איז אַרונטער?

— איהר דאַרפט וויסען, — האָט ער געענטפערט. — אַז אויסגעפינען אַ חשק־מיטעל צו דער אַרבּייט איז נאָר איינס פון די ציעלען פון אונזער אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע. דאָס צווייטע און אויך אַזאַ וויכטיגעס ציעל איז — זיך צו בעזאָרגען מיט פעהיגע און טאַלענטפולע מענשען, וועלכע זאָלען, ווערענדיג נאָכדעם אַנפיהרער פונ'ם פאָלק, קאָנען צווינגען די אַרבּייטער צו ערפילען זייער חוב און ניט דערלאָזען צו קיין פאַלשקייט. די אָרגאַניזאַציע פון אונזער אַרבּייטער־אַרמעע האַלט אין זינען נאָר די בּיידע ציעלען. צוערשט קומט די קאַטעגאָריע פון פראָסטע אַרבּייטער, צו וועלכע עס געהערען אַלע רעקרוטען אין די ערשטע דריי יאָהר פון זייער דיענסט: דאָס דיענט זיי פאַר זעהר אַ שטרענגע שולע, און וועלכע די יונגעלייט לערנען זיך אויס צו זיין געהאָרכזאַם, אונטערגעבּען און צו ערפילען זייער חוב.

די פערשידענארטינקייט אין דער ארבייט פון דער קאטעגאריע דערלאזט ניט, נאטירליך, שנעל צו שטייגען אין העכערע ראנגען, נאר פון דעסטוועגען ווערט איבער יעדערנס ארבייט געפיהרט א בוך, און פאר אויסצייכנונג אין דער ארבייט גיט מען פרעמיעס, ווי פאר נאכלעסיגקייט ווערט געגעבען איהר שטראף. דערפון זאלט איהר ניט דרינגען. אז אונזער סיסטעם פיהרט זיך צו שטרענג, אז פאר לייכטזיניגקייט און נארישע אויפפיהרונג וועט מען די יונגעלייט פערדארבען זייער קאריערע; ניין, די אלע, וואס זענען דורכגעגאנגען די נידריגע מדרגה פון דינענסט אהן בעזונדערע חטאים, האבען דאס רעכט זיך אויסצוקלייבען וואס פאר אשטעלע זיי געפעלט. נאך דעם אז זיי האבען שוין אויסגעקליבען א פאך, קומען זיי אריין אין די לעהרע. די צייט פון דער לעהרע איז, נאטירליך, אין פערשידענע ארבייט פערשידען. ארויסגעהענדיג פון דער לעהרע, ווערען זיי פולשטענדיגע ארבייטער און זעלבשטענדיגע מיטגלידער פון זייער מלאכה. יעצט ווערט נאך מעהר ווי אלע מאל געאכטעט אויף די צייגניש פון דעם שילער איבער זיין בריה'שאפט און פעהיגקייט אין דעם פאך, און אן דער צייגניש ווענדעט זיך ניט בלויז די פרעמיע פאר די אויסצייכנונג, נאר אויך די קינפטיגע לאגע פונ'ם שילער צווישען די ריכטיגע ארבייטער.

חאטש די אינערליכע ארגאניזאציע פון פערשידענע ארבייטס־פאכען אין דער אינדוסטריע און לאנד־ארבייט איז, איבער בעזונדערע בעדינגונגען, פערשידען. פון דעסטוועגען האבען זיי אלע אנ'אלגעמיינעם כלל: די פערטיילונג פון די ארבייטער אויף דריי מדרגות, לויט זייערע פעהיגקייטען, און די מדרגות גופא ווערען ווידער צעטיילט אויף ערשטע און צווייטע קאטעגאריען. לויט די ארבייט פון יונגען מענשען אין דער לעהרע־צייט גיט מען איהם די ערשטע, צווייטע אדער דריטע מדרגה; געוועהנליך געהען נאר יונגעלייט מיט אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען גלייך אריבער פון א שילער און די ערשטע מדרגה צווישען אלע ארבייטער. דאס רוב פאלען אריין אין די נידריגע מדרגות, נאר דורך מעהר ארבייט און געניטקייט

שטייגען זיי ביז דער העכסטער מדרגה. פון צייט צו צייט ווערט נעמאכט די פערטיילונג אין מדרגות, און פון איין פערטיילונג ביז דער צווייטער דויערט אין יעדען פאך אזוי פיעל צייט, וויפיעל עס איז נויטיג, אום צו ערלערנען די מלאכה, ממילא קומט־אויס, אז ווער עס איז ווערט א העכערע שטעלע דארף אויף איהר לאנג ניט ווארטען, און פערקעהרט, דארף קיין איינציגער זיך ניט פערלאזען אויף זיינע פריהעריגע ארבייט, אויב ער וויל ניט אריינפאלען אין די ניעדריגע מדרגות צוריק. די בעזונדערע מעלה פון א הויכער מדרגה איז דאס רעכט פון ארבייטער זיך אויסצוקלייבען א ספעציאליטעט אין אלע פער־שיעדענע צווייגען פון דער פראדוקציע. קיין ארבייט רעכענט זיך ניט פאר צו שווער, דאך איז דא צווישען זיי א גרויסער אונטערשיעד, און די ברירה, וואס דער ארבייטער בעקומט, רעכענט זיך טאקי דעריבער פאר זעהר א וויכטיגע זאך. ביי'ם בעשטימען צו א געוויסער מלאכה ווערען די נייגונגען אפילו פון ערגסטען ארבייטער אויך גענומען אין אכט, ווייל ניט נאר זיין גליק אליין, נאר אויך די נוצען פון דער געזעלשאפט הענגען־אב דערפון. פון דעסטוועגען נעהמט מען פריהער צו אויף עפעס אנ'ארבייט מענשען פון די העכערע מדרגות, און עס טרעפט אמאל, אז א מענשען פון די ניעדריגע מדרגות קומט־אויס איבער־צווארטען א צווייטע און א דריטע ארבייטער־פערטיילונג, ביז ער בעקומט זיין אויסדערוועהלטע מלאכה. דאס רעכט אויס־נעקליבען צו ווערען געהערט געוועהנליך צו די בעסערע ארבייטער. אויב אנ'ארבייטער ווערט איבער וואס ניט איז איבערגעזעצט אין א ניעדריגע קאטעגאריע, ריזיקירט ער דערמיט אויך צו פערליערען זיין מלאכה און בעקומען אנ'אנדערע, וואס געפעלט איהם וועניגער. די רעזולטאטען פון יעדער איבערזעצונג ווערען פערעפענטליכט אין די צייטונגען, און יענע, וואס זענען נאך דער לעצטער פערטיילונג געהעכערט געווארען, בעקומען א דאנק פון פאלק און ווערען אפיציעל בעלוינט מיט אמעדאל. יעדער סארט מלאכה האט זיין בעזונדערן מעדאל, נאר זיי זענען אזוי קליין, דאס מען קאן זיי נאר דאן בעמערקען. ווען

מען ווייסט, וואו זיי זענען צוגעבונדען. אט די קליינע מעראל האט אין אלע מדרגות פון דער אינדוסטריע איין גלייכע פארמע, דער חלוק איז נאר אין דעם מאטעריאל, פון וועלכען זי איז געמאכט, דהיינו: פאר די דריטע איז זי אנ'אייזערנע; פאר די צווייטע — א זילבערנע, און פאר די ערשטע — א גאלדענע.

אויסער די הויפט־רייצונגס־מיטלען צו ריכטיגער און נוצליכער ארבייט, וואס זענען געגרינדעט דערויף, דאס צו בעקומען גרויסע שטעלען האבען דאס רעכט נאר די ארבייטער פון די ערשטע מדרגות; און אויסער וואס פאר דעם גרעסטען טייל, וואס איז נים פעהיג צו קונסט, ליטעראטור און וויסענשאפטליכער ארבייט, איז די לאגע אין דער ארבייטער־ארמעע דאס איינציגע מיטעל זיך מיט עפעס אויסצוצייכנען, — זענען פאראן נאך פערשידענע אויפמונטערונגס־מיטלען, ווי צ. ב. ש. בעזונדערע פריווילעגיען און פרייהייט, פון וועלכע די העכערע מדרגות געניסען.

עס איז זעהר וויכטיג, אז נים די גוטע אליין, נאר אפילו די ערגסטע און שוואכסטע ארבייטער זאלען אויך האבען אנ׳אויסזיכט אויף א העכערונג. אין דער ווירקליכקייט איז די צאהל פון די לעצטע א סך גרעסער; דעריבער איז וויכטיגער, אז דאס קלאסיפיצירונגס־סיסטעם (די ארדנונג, ווי איינטיילען אין קלאסען) זאל זיי נים מאכען אבהענגיג. איידער זי זאל די איבריגע שטארקען. צוליעב דעם צוועק זענען אלע מדרגות איינגעטיילט אין קאטעגאריען, און די ארבייטער קאנען שטאגען אין דער מדרגה גופא פון איין קאטעגאריע אין די צווייטע. דעריבער טרעפט קיינמאל נים, אז אין די נידעריגע קלאסען זאל זיין מעהר אלס א צעהנטער טייל פון דער גאנצער ארבייטער־ארמעע, און דאס רוב פון זיי זענען נאך לעהרלינגע, וואס האבען די האפנונג אויף צו שטייגען העכער. די יעניגע, וואס בלייבען אינ׳ם משך פון דער גאנצער דינסט־צייט אין די נידריגסטע קלאסען, זענען זעהר א קליינער טייל פון דער גאנצער ארבייטער־ארמעע, און זיי פערשטעהען זעהר וועניג ווי זייער לאגע, אזוי אויך ווי זי צו פערבעסערן. עס איז וויכטיג, אז נאך איידער דער ארבייטער דערגרייכט צו דער

העכסטער מדרגה, זאל ער פערשטעהן דעם ווערט פון א גרויסען נאמען. אין דער צייט, וואס די העכערונג פארערט איבערהויפט א גוטען אטעסטאט וועגען דער טהעטיגקייט פון דעם ארבייטער, ווערט א שענער נאמען און פערשיעדענע מינים שבחים ארויס־געגעבען פאר א קלענערע אויסצייכנונג, ווי אויך פאר אייניצעלנע העלדישע מעשים און אויפטהוען אין פערשידענע פאכען פון דער פראדוקציע.

אויב עס טרעפט, אז איינער פוילט זיך אין דער אמת'ן צו ארבייטען און מאכט שלעכטע סחורה, ווערט אזא מעשה פון אנ'ארבייטער זעהר שטרענג בעשטראפט. א מענש וואס איז פעהיג צו הארעוועץ און זאגט זיך אב פון יעדער ארבייט, ווערט אבגעמשפט צו זיצען אין געפענגניש איינער אליין אויף ברויט און וואסער, ביז ער האט ניט חרטה אויף זיינע מעשים. אויף די ניעדריגע אפיציער־שטעלען פון אונזער ארמעע, ד. ה. פאב־מייסטערס און געהילפען, ווערען דאס רוב אויסגעקליבען אזעלכע מענשען, וואס האבען שוין אבגעדיענט צוויי יאהר אין דער ערשטער קאטעגאריע פון דער ערשטער מדרגה. קיין איינציגער בעקומט ניט דאס רעכט צו קאמאנדעווען איבער אנדערע, איידער ער ווערט דרייסיג יאהר אלט. נאך דעם אז איינער ווערט אנ'־אפיציער, הענגט שוין זיין העכערונג, נאטירליך, אב ניט פון זיין אייגענער ארבייט, נאר פון די, וואס זענען איהם אונטערגעווארפען. די מייסטערס ווערען נאר גענומען פון די געהילפען און דערביי זעהר פארזיכטיג. אויף צו געבען נאך העכערע שטעלען זענען פארהאן אנדערע כללים.

עס פערשטעהט זיך, אז אזא העכערונגס־סיסטעם וואלט אין אייער צייט, ביי די קלייניע פאכען, געוועזען אונמעגליך; אין עטליכע פון זיי וואלט אפשר קוים אויסגעקומען צו איין ארבייטער אויף א קלאס. איהר דארפט ניט פערגעסען, אז ביי אינזער נאציאנאלער ארבייטס־ארגאניזאציע ווערען אלע פערשיעדענע מלאכות געטהון דורך פיעל מענשען; איערע הינדערטער פירמען און קראמען זענען ביי אונז צוזאמענגעשמאלצען איגאייגעס. מיר האבען צו פערדאנקען נאר דעם גרויסען מאסשטאב, נאך וועלכען

עֶס זֶענֶען אַלֶע אינדוסטריִעֶן אָרגאַניִזירט, וואָס יעֶדעֶר אינדוסטריעֶלעֶר פאַך האָט זיך זיינע קאָנטאָרען אין אַלע עֶקעֶן פון דעֶר מְדִינָה, און דעֶריבעֶר זעֶנען מיר אימשטאַנד דורכ'ן בייטען און איבערזעֶצען, אײַנצוטײַלען יעֶדען בירגער די אַרבײַט, צו וועֶלכעֶר עֶר איז מעֶהר פעֶהיג.

— יעֶצט, — האָט עֶר געֶזאָגט, זיך ווענדענדיג צו מיר, — זעֶנט איהר שוין מוֹדֶה, אַז בײַ אונזער אָרדנונג זעֶנען די בירגער געֶצוואונגען צו אַרבײַטען וואָס בעֶסער?

איך האָב געֶענטפערט, אַז די רײַצונגס־מיטלען, וואָס דאָס סיסטעֶם בעֶנוצט זעֶנען שוין פּוּעט צו שאַרף, און די צוקונפט, וואָס עֶרוואַרט די יונגעלײַט, איז זעֶהר גרויס, און איך בין פילשטענדיג איבערצײַגט דעֶריִן יעֶצט, ווען איך האָב זיך בעֶסער בעֶקענט מיט דער אָרדנונג פון לאַנד.

דערבײַ האָט מיר דער דר. עֶרקלערט, אַז די פַּרְנָסָה פון אַן'אַרבײַטער העֶנגט אויף אַ האָר אויך ניט אָב פון זײַן ראַנג, און אַז די זאָרג וועגען לעֶבענסמיטעֶל מאַכט איהם קײַנמאָל ניט אומעֶטיג; אַז דער אַרבײַטס־טאָג איז קורץ, דאָס אָברוהען איז אײַנגעֶטײַלט רעֶגעֶלמעֶסיג. און אַלע קינסטליכע רײַצונגס־מיטלען ווערען שוין ניט מעֶהר בעֶנוצט, ווען דעֶר מענש קומט אין די מיטלען יאָהרעֶן פון לעֶבען.

— פון דעסטוועגען מײַנט ניט, — האָט דער דר. צוגעֶגעֶבען, — אַז דאָס, וואָס אין אונזער סיסטעֶם זעֶנען די בעֶסערע אַרבײַטער די מְיוּחָסִים, איז געגען דער גרונד־אידעע פון אונזער סאָציאַלען סיסטעֶם, לויט וועלכען אַלע פלײַסיגע אַרבײַטער האָבען גלײַכען פערדיענסט. אלץ אײַנס אויב די אַרבײַט איז גוט אָדער שלעֶכט. איהר האָט שוין געֶקאָנט פערשטעהן, אַז אונזער סיסטעֶם איז אײַנגעאָרדענט צו עֶרמונטערן די שוואַכע, ווי די שטאַרקע אַרבײַטער. דאָס, וויִעדער, וואָס מען קלײַבט־אויס פאַר עֶלטסטע די שטאַרקערע, איז אויף אַ האָר אויך ניט קיין בִּזָיוֹן פאַר די שוואַכערע, ווײַל דאָס ווערט געמאַכט פאַר אַלעמענס טוֹבָה. איהר דאַרפט אויך ניט מײַנען, אַז ווײַל נאָכאײַפערונג איז אַ גוט רײַצונגס־מיטעל פאַר אַרבײַט, האָט עֶס דעֶריבער אויך

א בעדייטונג פאר די איידעלע מענשען. ניין, אזעלכע מענשען געפינען זייערע מאָטיווען אין זיך גופא, ניט אויסער זיך, און זיי מעסטען זייער חוב נאָך די אייגענע פעהיגקייטען, ניט נאָך פרעמדע. ווי לאנג זייער ארבייט איז נישט אריבער די כחות, ערלויבען זיי זיך אויף קיין אופן ניט צוצופאסען זייער ארבייט לויט דעם, אויב מען וועט זיי לויבען אָדער שענדען פאר איהר. אזעלכע מענשען האלטען די נאָכאייפערונג פאר נאריש און העסליך פון דעם מאָראלישען שטאנדפונקט, ווייל זי ברענגט צו קנאה ביי אנ׳ערפאָלג און צו בייזופרייד, ווען יענעם גיט זיך די ארבייט נישט איין. נאָר פון דעסטוועגען שטעהען אפילו אין די לעצטע יאָהרען פונ׳ם צוואנציגסטען יאָהרהונדערט ניט אלע מענשען אויף אזא הויכער מדרגה, און די רייצונגס-מיטלען, וואָס זענען נויטיג פאר מאנכע, מוזען ווערען צוגעפאסט צו זייער ניעדריגערער נאטור. אָט דעריבער מוזען אלע מאָל געברויכט ווערען די רייצונגס-מיטלען.

— איך וועל אייך נאָך בעמערקען, — האָט דער דר. געזאָגט, — אז די, וואָס האָבען גייסטיגע אָדער קערפערליכע פעהלערען און קאָנען, נאטירליך, אין די הויפט-ארבייטער-ארמעע ניט אריין, בילדען גאר א בעזונדערן קלאס, וואָס האָט גאר מיט די ערשטע קיין שייכות ניט, א מין אינוואלידען-פאָלק, וואָס זיינע מיטגליעדער זענען מחויב צו מאכען לייכטערע ארבייט, לויט זייערע קרעפטען. אלע אונזערע גייסטיגע אָדער קערפערליכע קראנקע; אלע טויבע, שטומע, הינקעדיגע, בלינדע און אפילו משוגעים געהערען צו דעם דאָזיגען פאָלק. די שטארקערע צווישען זיי ארבייטען כמעט אזוי, ווי א געוועהנליכער מענש. די שוואכערע, נאטירליך, טהוען גאר נישט, נאָר יעדערער, וואָס איז נאָר בכח עפּעס וואָס צו טהון, זאָגט זיך אליין ניט אָב פון ארבייט. און די גוטע, קלאָרע מאָמענטען טהוען אפילו די משוגעים אויך וואָס נאָר זיי קאָנען.

— די אידעע פון אזא אינוואלידען-פאָלק איז ווירקליך זעהר גוט, — האָב איך געזאָגט. — דאָס איז זעהר א שענער

אופן ווי נְדָבוֹת צו געבען, און די, וואָס בעקומען דאָס, דאַרפען זעהר דאַנקבאַר זיין דערפאַר.

— נְדָבוֹת! — האָט דער דר. איבערגעזאָגט. — מיינט איהר, אַז דער אונפעהיגער קלאַס נויטיגט זיך אין אַ נְדָבָה?

עס פערשטעהט זיך, — האָב איך געזאָגט, — ווייל זיי זענען ניט פעהיג צו פערדינען אויף חִיוּנָה.

— אין אַ געבילדעטער, ציוויליזירטער געזעלשאַפט קאָן עס נישט זיין, — האָט דער דר. לעבהאַפט געזאָגט. — דאָס קאָן געבען נאָר אין אַ בּאַרבּאַרישען לאַנד, וואו יעדער לעבט פאַר זיך. נאָר פון דער צייט־אָן, וואָס מענשען האָבען זיך פעראייניגט און לעבען אין איין קָהָל, זענען קיין נְדָבוֹת מעהר ניט נויטיג. פון דער צייט־אָן, וואָס דאָס פאָלק איז געוואָרען מעהר ציוויליזירט און עס איז געוואָרען איינגעאָרדענט די אַרבּייטס־פערטיילונג, איז די געגענזייטיגע אָבּהענגיגקייט געוואָרען דער פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג. יעדער מענש רעכענט זיך פאַר אַ מיטגליעד פון אַ נאַציע, וואָס איז אַזוי גרויס, ווי די גאַנצע מענשהייט. די נויטווענדיגקייט פון דער געגענזייטיגער אָבּהענגיגקייט לעגט־אַרויף אַ חוֹב פון געגענזייטיגער שטיצע און גיט דאָס רעכט אויף איהר. און מערקווירדיג, וואָס אין אייער צייט האָט קיינער ניט פערשטאַנען די גרויזאַמקייט און אונזיניגקייט פון אייער סיסטעם.

— איהר זענט אֶפְשַׁר גערעכט, — האָב איך געזאָגט, — ווי בּענוצט איהר אָבּער אייער סיסטעם צו אַזעלכען, וואָס קאָן איבּערהויפּט ניט מיט־אַרבּייטען אין דער פּראָדוקציע?

— איהר פערגעסט, — האָט דער דר. געזאָגט, — אַז בּיי אונז איז דאָס רעכט פון אַמענשען צו נעהמען אַ חֵלֶק אין דעם קָהָל'שען טיש אַבּהענגיג נאָר דערפון, וואָס ער איז אַ לעבעדיגע בּעשעפעניש, אָבּער ניט פון זיין קראַפט און געזונד.

— איך האָב געמיינט, אַז דאָס רעכט געהערט נאָר צו אַרבּייטער מיט פערשידענע פעהיגקייטען; האָבען דען דאָס זעלבּע רעכט אויך יענע, וואָס טהוען גאָרנישט?

— זענען דען די קאַליקעס און אונפעהיגע ניט קיין מענשען?

— אזא מיטלײדס־אידעע װאָלט אפילו אונזערע פילאַנ־טראָפּען אויך פערװאונדערט, — האָב איך געזאָגט.

— װי איז װען איהר װאָלט געהאַט אין דער הײם אַ קראַנקען ברודער, װאָלט איהר איהם דען געבען ערגערע עסען און קלײדער, אַלס זיך אַלײן? פערקעהרט, איהר װאָלט פון זײנעט־װעגען געטהון נאָך מעהר.

— יאָ, — האָב איך געזאָגט, — אָבער דאָס איז דאָך אײנען בלוט און פלײש, דעריבער קאָן מען עס ניט צוגלײכען צו אײער פאַל, װײל איהר רופט זיך ברידער נאָר אין אַ געװיסען זינען.

— אין אײך רעדט דאָס נײנצעהנטע יאָהרהונדערט, העט װעסט, — האָט דער דר. געזאָגט. — װען איך װאָלט אײך נאָר קאָנען איבערגעבען אַלע סורות פון אונזער ציװיליזאַציע, װאָלט איהר געזעהען, אַז די סאָלידאַריטעט (אַחֲרוּת) פון דער נאַציע און די ברידערליכקײט פון דער מענשהײט זענען געװאָרען אַזעלכע שטאַרקע און װירקליכע בענדער, װי מענשען װאָלטען געװעזען ברידער פון אײן טאַטע־מאַמען, נאָר אפילו אויסערדעם, פערשטעה איך ניט, פאַר װאָס איהר װאונדערט זיך, װאָס די, װאָס קאָנען ניט אַרבײטען, האָבען פולשטענדיג רעכט צו לעבען אויף פרעמדע רעכנונג. אפילו אין אײער צײט האָט דאָך דער מיליטער־דינסט צו בעשיצען דאָס פאָלק, — בײ אונז איז דאָס הײנט דער דינסט אין דער אַרבײטער־אַרמעע, — װאָס איז געװען אַ חיוב נאָר פאַר די, װאָס קאָנען דינען, אויך ניט אָבנעמען דאָס בירגעררעכט פון די, װאָס האָבען ניט געקאָנט דינען: די לעצטע פלעגען בלײבען אין דער הײם און בעשיצט װערען פון די. װאָס פלעגען געהן אין דער מלחמה, און קײנער האָט ניט געפרעגט, אויב זײ האָבען דערויף רעכט. די זעלבע פאָדערונג האָט איצטער דער אינדוסטריעלער דינסט נאָר פון די, װאָס קאָנען אַרבײטען, און אין דער זעלבער צײט נעהמט ער פון דעסטװעגען ניט צו דאָס בירגער־רעכט אויך בײ די, װאָס זענען צו איהם ניט פעהיג. דער אַרבײטער איז ניט אַ בירגער, װײל ער אַרבײט, נאָר ער אַרבײט, װײל ער איז אַ בירגער, אַזוי

ווי איהר האָט אַנערקענט דעם חיוב פון דעם שטאַרקערען צו קעמפּפען פאַר די שוואַכערע, אַזוי אַנערקענען מיר אויך יעצט, ווען קיין מלחמות זענען ניטאָ, דעם חיוב פונ'ם שטאַרקערן צו אַרבייטען פאַר'ן שוואַכערן. אונזער לעזונג פון דער סאָציאַלער פראַגע וואָלט גאָרנישט ווערט געוועזען, אויב מיר וואָלטען לאָזען די הינקעריגע, קראַנקע און בלינדע צוגלייך מיט די חיות איינגאַנצען אָהן הילף. בעסער לאָזט אָהן הילף די שטאַרקע, ווייל זיי קאָנען זיך אַליין העלפען, איידער די. צו וועלכע יעדעס פיהלענדעס האַרץ מוז מיטלייד האָבען, און פערזאָרגט די לעצטע ווי אין קערפּערליכער, אַזוי אויך אין גייסטיגער הינזיכט. דעריבער זאָג איך אייך איבער נאָך אַמאָל, אַז ווי די מאַנסלייט, אַזוי האָבען אויך די פרויען און קינדער דאָס רעכט צו פאָדערן לעבענסמיטלען פון דער געזעלשאַפט נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען מיטגליעדער פון איין פאָלק און פון איין מענשליכער פאַמיליע. העסליכער פון אַלעם אין דער ציוויליזאַציע פון אייער צייט איז די פעראַכטונג צו די שוואַכע מענשען. אפילו ווען איהר וואָלט קיין מיטלייד אין ברידערליכע געפיהלען ניט האָבען, ווי אַזוי האָט איהר ניט געקאָנט פערשטעהן, אַז דער אונפעהיגער קלאַס האָט אויך דאָס רעכט צו זיין פערזאָרגט מיט חיונה?

— איך בין מודה, אַז מען האָט געדאַרפט אויף זיי רחמנות האָבען, — האָב איך בעמערקט, — נאָר ווי אַזוי קאָנען זיי פאָדערן אַ חלק, ווי באַלד זיי אַרבייטען גאָר נישט אויס?

— פאַר וואָס האָט אייערע אַנ'אַרבייטער געקאָנט אויס-אַרבייטען מעהר ווי צעהן ווילדע? נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט גע'ירשנט פון די פערגאַנגענע דורות קענטעניִשען, פער-בעסערונגען אין דער ראַסע, געזעלשאַפטליכע איינאָרדנונג אין טויזענדער יאָהרען האַרעוואַניע. ווי אַזוי זענט איהר דאָס געוואָרען בעלי-בתים איבער די דאָזיגע קענטעניִשען אין דעם געזעל-שאַפטליכען מעכאַניזם, געגען וועלכע אייער איינענע אַרבייט איז נישט מעהר אַלס אַ צעהנט-חלק פון דעם ווערט פון אייערע פּראָדוקטען? דאָס אַלעם האָט איהר גע'ירשנט. אָבער זענען דען אָט די אונגליקליכע און קאַליעקעס, וואָס איהר וואַרפט זיי היינט

אַרויס, ניט געווען קיין יורשים מיט אייך צוגלייך? הייסט דאָס ניט, אַז איהר גנבֿ'עט אַוועק דעם חלק, וואָס געהערט זיי על פּי דין? איך פערשטעה ניט, ווי אַזוי האָבען אייערע אַרבייטער איבערהויפּט געקאָנט אַ חשק האָבען צו אַרבייטען, ווייסענדיג, אַז זייערע קינדער און אייניקלעך וועלען, אין אַנ'אונגליקספאַל, ניט האָבען ווער עס זאָל זיי בעזאָרגען מיט חיונה, אינגז איז שווער צו פערשטעהן, ווי אַזוי עס האָבען דעמאָלט די עלטערען און זייערע קינדער געקאָנט פערטיידיגען די געזעלשאַפטס־אָרדנונג, דורך וועלכע אַ טייל, די שטאַרקערע, האָבען געלעבט צוליעב דער שוואַכהייט פון אַנ'אַנדער טייל. אויף אַזאַ אופן האָט דאָך געקאָנט פּאַסירען, אַז דאָס קינד זאָל קימען צו בעט־ל־ברויט, אויב זיין פאָטער איז שוואַכער ווי אַנדערע? ווי אַזוי האָבען ביי אַזאַ סדר די פעטער נאָר געקאָנט האָבען אַזאַ האַרץ צו לאָזען אויף דער וועלט קינדער? *)

---

אנמערקונג. חאָטש דער דר. ליט האָט מיר דעם פאַריגען אויטענ־ערקלערט, אַז עס ווערט יעדען מענשען געגעבען דאָס רעכט זיך אויסצוקלייבען וואָס פאַר אַנ'אַרבייט ער וויל, און אַז יעדערער קלייבט זיך טאַקי אין דער אמת'ן אויס דאָס. צו וואָס ער איז מעהר פעהיג, פון דעסטוועגען האָב איך עס רעכט פערשטאַנען ערשט דאַן, ווען איך האָב זיך דערוואוסט. אַז די הכנסה פון אַלע אַרבייטער איז אין אַלע סאָרטען מלאכות גלייך. אַלזאָ, זיך אויסזוכענדיג אַן אַרבייט וואָס געפעלט איהם בעסער, קלייבט טאַקי יעדער מענש אויס דוקא אַזעלכע, אין וועלכער עס איז איהם בעקוועמער צו ציהען די אַלגעמיינע לאַסט. אין מיין צייט איז ניט געווען קיין ריכטיגעס, איינגעאָרדענטעס מיטעל צו ענטוויקלען און נוצבאַר צו מאַכען די געבוירענע פעהיגקייטען פון מענשען, און דערין איז געלעגען די הויפּט־אורזאַך פון אַלע אונזערע אונגליקען. האָטש דאָס רוב פון מיינע צייט־גענאָסען האָבען געקאָנט טהון. ווי עס האָט זיך זיי געוואָלט. האָבען זיי פון דעסטוועגען אין דער טהאַט זיך קיינמאָל ניט בעשעפטיגט מיט דער אַרבייט, צו וועלכער זיי האָבען חשק געהאַט. נאָר מיט דער, צו וועלכער עס האָט זיי געצוואונגען די נויט. דאָס האָבען געטהון ניט בלויז די אָרעמע לייט אַליין, נאָר אַפילו די רייכע אויך. די אָרעמע האָבען אַפילו ניט געהאַט די מעגליכקייט צו פּראָבירען צו וואָס זיי זענען פעהיג. די טעכנישע און וויסענשאַפטליכע פּראָפעסיעס זענען געווען פאַר זיי געשלאָסען, און דערפון האָבען זיי אַליין, ווי אויך דאָס פאָלק שאָדען געהאַט. די רייכע, ווידער, חאָטש זיי האָבען געקאָנט אויספּראָבירען, צו וואָס זיי זענען פעהיג, האָבען זיך געשעמט פאַר דער וועלט זיך צו בעשעפטיגען מיט אַ מלאכה. אויף אַזאַנ'אופן איז זיי אויסגעקומען זיך צו בעשעפטיגען מיט העכערע פּראָפעסיעס. אַפילו ווען זיי זענען דערצו גאָר ניט

# XIII.

ביינאַכט, ווען איך האָב זיך געזעגענט פאַר'ן שלאָף מיט יהודית'ן, האָט מיך דער דר. ליט בעגלייט אין מיין שלאָפצימער, אום מיר צו ווייזען די איינריכטונג פון מוזיק-טעלעפאָן. איך האָב בעמערקט, אַז אַ דרעה נעבענדיג אַ שרייפעל, קאָן מען מאַכען, דאָס צימער זאָל פול ווערען מיט פערשידענע טענער אויפ'ן העכסטען גראַד אָדער, פערקעהרט, זיי צו פערמינדערן ווי נאָר מעגליך. אויסערדעם, אויב עס געפינט זיך אין צימער נאָך איינער, וואָס וויל שלאָפען, קאָן מען אויספיהרען, אַז צו איינעם זאָל די מוזיק דערגרייכען, צום אַנדערן — ניט.

אוועקגעהענדיג, האָט מיר דער דר. געראָטען זיך די נאַכט גוט אויסצושלאָפען און ניט ווענדען זיך צום טעלעפאָן נאָך מוזיק. איך האָב איהם פערשפראָכען צו פאָלגען.

— גוט, — האָט ער געזאָגט, — ווי באַלד אַזוי, וועל איך אָנשטעלען דעם טעלעפאָן אויף אַכט אַ זייגער.

— וואָס מיינט איהר דערמיט? — האָב איך אַ פרעג געטהון.

— גאָר פראָסט, — האָט דער דר. געענטפערט, — דער טעלעפאָן איז איינגעאָרדענט ווי אַ מין זייגער, און יעדער קאָן ווערען אויפגעוועקט אין וועלכער צייט ער וויל דורך מוזיק.

איך האָב בעמערקט, אַז פון דער צייט אָן, וואָס איך געפין זיך אין דער נייער געזעלשאַפט, האָבען די שלאָפלאָזיגקייט און אַנדערע דעפעקטען אין מיין געזונד מיך איננאַנצען אָבגעלאָזען, חאָטש איך האָב דערצו קיינע מיטלען ניט בענוצט. ביינאַכט האָט זיך מיר געחלומ'ט, אַז איך זיץ אויפ'ן טראָן אין באַנקעט-זאַל פון אלהאַמבראַ, וואו איך האָב געמאַכט אַ באַל פאַר מיינע לאָרדען און גענעראַלען, וואָס האָבען זיך געדאַרפט

פעהיג געוועזען. אויסער דעם, האָבען אַלע געזוכט אַ פּערדיענסטע פּראָפעסיע, ניט קוקענדיג דערויף, צי זיי טויגען צו איהר. איצטער האָט זיך דאָס אַלעס גענענדערט. גלייכע אויסבילדונג און אַ גלייכע סאָציאַלע לאַגע שטערט ניט צו דערקענען, און אויסצופראָבירען, צו וואָס איינער איז פעהיג, און זיך צו נעהמען פאַר די ראָזיגע אַרבייט.

אויף מאָרגען פערהאיינינגען מיט דעם טערקישען חיל געגען די קריסטען פון שפאניען. די לופט, אָבגעקיהלט דורך די שטראָמען פון א פאָנטאן, איז געווען פערפולט מיט בלומענגערוך. א גאנצע גרופע דאמען האָט געטאנצט נאָך די מוזיק פון צימבלען און סטרונגעס־אינסטרומענטען. אויבען, אויף דער גאלעריע, האָט מען צווישענוועגס געזען זיך בעגעגנען מיט א שווארצען, שטראהלענדען אויג פון עפּעס א שענהייט פון קעניגליכען הארעם, וועלכע האָט אראָבגעקוקט אויף די געסט. די צימבלען האָבען געקלונגען אלץ שטארקער און שטארקער, די מוזיק איז איבערהויפט געוואָרען ווילדער. ביז דאָס איידעלע קריגערישע בלוט האָט זיך פאנאנדערגעקאָכט ביי די קינדער פון דער מדבר אין די אָדערען, און זיי זענען אלע אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער; טויזענדער טערקישע שווערדען האָבען זיך אויפגעהויבען אין די הויך; עס האָבען זיך דערהערט קולות: „אללאה־איל־אללאה!" — און איך האָב פּלוצים ערוואכט פון שלאָף אונטער די טענער פונ'ם טערקישען „וועקרוף".

ביים פריהשטיק האָב איך דערצעהלט וועגען דער מוזיק, און האָב זיך דערוואוסט, אז דאָס שטיק, וואָס האָט מיך אויפגעוועקט איז נים געווען צופעליג, נאָר אז יעדען פריהמאָרגען שפּיעלט מען עפּעס א לעבענדיגען, אויפמונטערענדען מאָטיוו.

— רעדענדיג גראדע וועגען שפאניען, — האָב איך בעמערקט, — איז מיר איינגעפאלען אייך צו פרעגען, אויף וואָס פאר אַן אופן איז איצטער איירָאפּא איינגעאָרדענט. איז אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון דער אלטער וועלט אויך געוואָרען אזא איבערקעהרעניש אין די הונדערט יאָהר?

— געוויס, — האָט דער דר. געגענטפערט. — די גרויסע נאציעס פון איירָאפּא, אויסטראליען, דעסגלייכען מעקסיקא און טיילען פון זיד־אמעריקא זענען אויך אזעלכע אינדוסטריעלע רעפּובליקען, ווי די פעראייניגטע שטאטען, וואָס האָבען צו'ם ערשטען אָנגעוויזען דעם נייעם וועג. די פריעדליכע פער־העלטניש פון איין נאציע צו דער צווייטער איז געזיכערט דורך

די פארם פון א פריינען פעדעראציאנס־בונד. *) א אינטערנאציאנאלע ראטס־פערזאמלונג רעגולירט דעם האנדעל צווישען די מיט־גלידער פון בונד, ווי אויך זייער פאליטיק בנוגע צו די צוריק־געבליבענע ראסען, וואס ציווילזירען זיך ביסלעכוויז. בנוגע צו אייגענע, אינערליכע געשעפטען האט יעדעס לאנד א פול־שטענדיגע אויטאנאמיע. **)

— ווי מאכט איהר אבער געשעפט מיט אנדערע לענדער אהן געלד? — האב איך געפרעגט.

— ביי אונז איז דאס געלד א גאנץ איבריגע זאך, סיי אין אינערליכען, סיי אין אויסערליכען האנדעל. ווי לאנג דער האנדעל צווישען פרעמדע לענדער האט זיך געפיהרט דורך פריוואטע אונטערנעהמונגען, איז דאס געלד נויטיג געוועזען, איבער דער פערפלאנטערטקייט פון די געשעפטס־האנדלונגען; אבער ביי היינטיגען טאג בעשעפטיגען זיך דאך דער־מיט די נאציעס גופא. עס איז נאך אפילו איצטער אויך פארהאן א צעהן־צוועלף סוחרים אין דער וועלט, נאר זייער טהעטיקייט ווערט געפיהרט אונטער דער אויפזיכט פון א אינטערנאציאנאלען קאנזול, וואס קאנטראלירט זייער ארבייט נאך די רעכנונגס־ביכער. קיין אבצאהלונג אויף פרעמדע סחורה, קיין פאשלינע איז, נאטירליך, ניטא, די נאציע פיהרט גאר פראסט ניט אריין אזעלכע סחורות, וואס די רעגירונג האלט זיי פאר איבריג. יעדע נאציע האט זיך איהר קאנטאר, דורך וועלכען זי בייט זיך מיט סחורות מיט אנדערע־לענדער, און זי אליין איז דער אנפיהרער פונ'ם גאנצען האנדעל. ווען, למשל, דער אמעריקאנישער קאנטאר זעהט־איין, אז אין קינפטיגען יאהר וועט מען נויטיג האבען פאר אמעריקא אזוי פיעל און אזוי פיעל פראנצויזישע סחורה, שיקט ער אריין א בעשטעלונג אין פראנצויזישען קאנטאר, וועלכער מאכט, פון זיין זייט, בעשטעלונגען אין אונזער קאנטאר. אויף אזא'ן אופן ווערט עס

*) פעדעראציע הייסט א פערבאנד פון פאלקאם־זעלבסטשטענדיגע געזעלשאפטליכע ארגאניזמען, וואס פעראייניגען זיך צוליעב געוויסע אלגעמיינע צוועקען. — דער איבערז.

**) זעלבסטפערוואלטונג.

געמאכט איך צווישען אלע אנדערע נאציעס.

— ווי ווערען אבער אבגעשטעלט די מקחים אויף אויס־לענדישע סחורה, ווי באלד עס איז ניטא קיין קאנקורענץ? — האב איך געפרעגט.

— די מקחים, נאך וועלכע איין לאנד שטעלט־צו סחורה פאר דאס צווייטע, — האט דער דר. געענטפערט, — מוזען זיין די זעלבע, אויף וועלכע זי פערקויפט סחורה איהרע אייגענע בירגער; דעריבער איז שוין דא ניטא וואס מורא צו האבען פאר סכסוכים. קיין נאציע, נאטירליך, איז ניט מחויב צוצו־שטעלען סחורות פון איהר אייגענער ארבייט פאר די איבריגע, נאר פון דעסטוועגען צוליעב טובת הכלל דארף מען זיך בייטען מיט עטליכע סארטען סחורה. אויב איין נאציע שטעלט־צו שטענדיג פאר די אנדערע וועלכע ניט איז פראדוקטען, מוזען בײדע זײטען בעריכטען פאראויס אײנע די צווייטע וועגען אלע וויכטיגע פערענדערונגען.

— ווי איז אבער אויב א לאנד, וואס האט א מאנאפאל איבער א וועלכען עס איז נאטור־פראדוקט, ענטזאגט זיך איהם צוצושטעלען פאר א צווייטעס לאנד?

— אזא צופאל איז נאך קיינמאל ניט פארגעקומען; און אויב עס וואלט אפילו יא געטראפען, וואלט עס דעם לאנד, וואס האנדעלט אזוי, געבראכט פיעל מעהר שאדען, אלס אנדערע. קיין מיוחסים זענען ביי אונז נישטא: יעדע נאציע איז מחויב, נאכ'ן געזעץ, צו פערקעהרען מיט די אנדערע על פי יושר. אזא צופאל, ווי איהר מיינט, וואלט אינגאנצען דער־ווייטערט דאס דאזיגע לאנד פון די אנדערע לענדער אין דער וועלט, און דעריבער האבען מיר ניט וואס צו מורא האבען פאר אזעלכע זאכען.

— אבער לא'מיר, למשל, זאגען, — האב איך גע־ענטפערט, — אז א נאציע, וואס האט די נאטירליכע מאנאפאל איבער עפעס א סחורה, פיהרט־ארויס די סחורה מעהר אלס זי פערברויכט אליין, און העכערט דעריבער דעם מקח אויף איהר, כדי, — ניט אבשטעלענדיג דעם עקספארט, — אויסצונוצען די

מיט פון די שכנים פאר די אייגענע טובה, וואס וועט דעמאלט זיין? די בירגער פון אייגענעם לאנד וועלען, נאטירליך, פאר דעם סארט סחורה אויך צאהלען א העכערן פרייז, אבער בכלל חעלען זיי בעקומען פון די אויסלענדער פערדיענסט מעהר אלס דער היזק, וואס זיי האבען געהאט דורך די העכערע מקחים אין לאנד גופא.

— ווען איהר ווערט זיך דערוויסען, ווי עס ווערען בעשטימט די מקחים פון אלע געברויכס־מיטלען, ווערט איהר איינזעהן, אז עס איז מעגליך זיי צו ענדערן נאר אין צוזאמענהאנג מיט דער שווערקייט פון דער ארבייט, וואס דער פראדוקט פאדערט. דאס דאזיגע פרינציפ דיענט אלס גאראנטיע פאר דעם אינטער־נאציאנאלען, ווי אויך פאר דעם נאציאנאלען האנדעל; נאר אפילו אויסערדעם, איז דאס בעוואוסטזיין פון די געמיינשאפטליכע אינטערעסען און די איבערצייגונג, אז דער עגאאיזם (אייגענליבע) איז א גרויסער אונזין, צו טיעף איינגעווארצעלט ביי די יעצטיגע דורות, אז עס זאל קאנען פארקומען אזא מעשה. איהר דארפט וויסען, אז מיר ערווארטען אין דער צוקונפט א פולשטענדיגע פעראייניגונג פון אלע לענדער אין דער וועלט אין איין איינציגע נאציע. דאס ווערט שוין אהן שום ספק זיין די לעצטע פארם פון דער געזעלשאפט און ווערט מיט זיך ברענגען געוויסע עקאנאמישע פערבעסערונגען, וואס פעהלען נאך אין דעם היינטיגען פעדע־ראציאנס־סיסטעם פון אויטאנאמישע לענדער. דערווייליגע זענען מיר פולשטענדיג צופריעדען פון דער יעצטיגער ארדנונג, און אונזערע נאכקומענדע דורות געבען מיר איבער צו ענדיגען אונזער פלאן. אנדערע מיינען אפילו, אז עס ווערט דערצו קיינמאל ניט קומען, און אז די פארם פון אפעדעראציאנס־סיסטעם איז ניט נאר א דערווייליגע לעזונג פון די אויפגאבען פון דער מענשליכער געזעלשאפט, נאר אויך די לעצטע און בעסטע לעזונג איבער־הויפט.

— ווי טהוט איהר, ווען די ביכער פון צוויי נאציעס שטימען ניט ביי דער רעכנונג? צ. ב. ש., ווען מיר בעציהען פון פראנקרייך מעהר סחורה, וויפיעל מיר שיקען אהין?

— בײַ'ם סוף פון יעדען יאהר, — האט דער דר. ליט געזאגט, — ווערען דורכגעזעהען די ביכער פון יעדער נאציע. אויב פראנקרייך איז אונז געבליבען א בעל־חוב, זעגען מיר אפשר געבליבען שולדיג אנ'אנדער נאציע, וואס זי ווידער איז שולדיג פראנקרייך, און אויף אזאנ'אופן געהט עס מיט די איבריגע נאציעס. בײַ אזא סיסטעם, קאן דער אינטערשיעד, נאכדעם אז דער אינטערנאציאנאל־ראט האט איבערגעקוקט אלע רעכנונגען, ניט זיין קיין גרויסער. וואס פאר א חוב עס זאל ניט בלייבען, פערלאנגט דער ראט, אז מען זאל איהם אין א קורצער צייט ברענגען אין ארדנונג, און אויב די רעשט איז צו גרויס, קאן מען פאדערן, עס זאל פערריכט ווערן אומגעזאסט, ווייל עס טויג נישט, אז א לאנד זאל זיין א גרויסער בעל־חוב. כדי עס זאל ניט שאדען דער אלגעמיינער פריינדשאפט, בעטראכט דער אינטערנאציאנאלער ראט די אלע סחורות, וואס ווערען געטוישט צווישען די נאציעס, און גיט אכטונג, זיי זאלען זיין גוט און ריין.

— ווי זשע ווערען אבער דאך אויסגעגליכען די באלאנסען, אז באלד ביי איך איז קיין געלד ניטא?

— דורך די הויפט־פראדוקטען פון דער נאציאנאלער אינדוסטריע פון אלע לענדער. יעדעס מאל, בשעת מען דארף שליעסען א האנדעלס־קאנטראקט, ווערט ארייננגעשטעלט א פונקט, אויף וואס פאר א מקח און אין וואס פאר א צאהל עס וועלען אנגענומען ווערען די פראדוקטען ביי'ם אבשליעסען די חשבונות.

איך האב בעריהרט די עמיגראציאנס־פראגע.

— ווי איז ביי איך מיט דער אויסוואנדערונג? ווי באלד יעדעס לאנד איז איינגעריכטעט, ווי א אינדוסטריעלע געזעלשאפט, און די מאנאפאל פון דער פראדוקציע געהערט צו'ם פאלק זעלבסט, מוז דאך אנ'עמיגראנט, קומענדיג אין א פרעמד לאנד, שטארבען פון הונגער.

— פערקעהרט, — האט דער דר. געזאגט, — ביי אונז איז די אויסוואנדערונג דווקא זעהר גרויס, ד. ה. מ'פאהרט־ארויס אין פרעמדע לענדער טאקי צו וואהנען אויף שטענדיג. ווענען

די אַלע הוצאות איז גאָר דאָ אַ בעזונדערער פונקט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען אָבמאַך. למשל, ווען אַ צוואַנציג־יעהריגער יונגערמאַן וואַנדערט־אויס פון ענגלאַנד נאָך אַמעריקאַ, פערליערט דעמאָלט ענגלאַנד אַלסדינג, וואָס זי האָט אויסגעגעבען אויף זיין לעבען און ערציהונג; פערקעהרט, אַמעריקאַ בעקומט אַן אויס־זיסטיגען אַרבייטער. דעריבער צאָהל'ט אַמעריקאַ אַרויס ענגלאַנד אַ געוויסע סומע. דער זעלבער כלל ווערט אומעטום אָנגעווענדעט, נאָר אין אַן אַנדער פאָרם. אויב אַ בירגער האָט ביי זיין אויס־וואַנדערונג שוין געהאַלטען ביי'ם סוף דיענען, בעקומט דאַן דאָס לאַנד, וואָס נעהמט איהם אַריין, אַ געוויסע בעלוינונג. בנוגע צו אַזעלכע, וואָס קאָנען איבערהויפט ניט אַרבייטען, ווי משוגעים, זאָרגט יעדעס לאַנד גופא פאַר זיינע מענשען פון דעם סאָרט, און די איינוואַנדערונג פון אַזעלכע מענשען ווערט ערלויבט נאָר דאַן, ווען די אייגענע נאַציע איז ערב פאַר לעבענסמיטלען. אויף אַזעלכע אופנים האָט יעדערער דאָס רעכט אויסצוואַנדערן אין וואָס פאַר אַ צייט ער וויל.

— ווי איז אָבער, אויב איינער וויל מאַכען אַ לוסט־רייזע אָדער סתם צוליעב אַ וויסענשאַפטליכען צוועק? ווי קאָן אַן אויסלענדער מאַכען אַ רייזע איבער אַ לאַנד, וואו עס עקזיסטירט ניט קיין געלד? איך רעכען, אז זיין קרעדיט־קאַרטע קאָן דאָך אין אַן אַנדער לאַנד ניט גילטען. ווי בעצאָהלט ער פאַר זיין גאַנצע נסיעה?

דער דר. ליט האָט מיר ערקלערט, אַז די אַמעריקאַנישע קרעדיט־קאַרטען האָבען אַזאַ ווערט אין אייראָפאַ, ווי אַמאָליגע יאָהרען געלד, און טאַקי אויף די זעלבע בעדינגונגען, צ. ב. ש., זיי ווערען אויסגעביטען לויט דעם קורס פון יענעם לאַנד, אין וועלכען איהר רייזט. אַן אַמעריקאַנער, וואָס קומט אין בערלין, פראָגט־אַריין זיין קרעדיט־קאַרטע אין דאָס ערטליכע ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַלען ראַט און בעקומט פאַר איהר, אָדער פאַר אַ טייל פון איהר, אַ דייטשע קרעדיט־קאַרטע, פאַר וועלכע די פעראייניגטע שטאַטען ווערען דייטשלאַנד'ס אַ בעל־חוב אין די אינטערנאַציאָנאַלע ביכער.

אין אַ חײַלע אַרום האָט מיר דער דר. פאָרגעלעגט צו געהן מיט איהם עסען מיטאָג אין „עלפאַנד".

— אַזוי הײַסט דאָס שפּײַזע־הויז פון אונזער צירקעל, — האָט מיר דער דר. ערקלערט; — ניט נאָר אַלע שפּײַזען ווערען און די געזעלשאַפטליכע קיכען בעסער געמאַכט, נאָר איבערהויפּט בעדינט מען דאָרט פיל בעסער אַלס אין דער היים. פריהשטיק און אָווענד־ברויט עסט מען געוועהנליך אין דער היים, נאָר מיטאָג געהט מען עסען כמעט שטענדיג אין די קיכען. צײַט איהר זענט בײַ אונז, האָבען מיר דאָס ניט געטהון, ווײַל מיר האָבען געוואָלט אָבוואַרטען, ביז איהר וועט זיך אײַנגעוואוינען מיט אונזער אָרדנונג. נאָר הײַנט, אויב איהר ווילט נאָר, קאָנען מיר אהין געהן צוזאַמען מיט אייך.

עס פערשטעהט זיך, אַז איך האָב גערן אײַנגעשטימט אויף דעם פאָרשלאַג.

באַלד דערנאָך האָט מיר יהודית מיט אַ שמײַכעל פאָרגעלעגט זיך צו בעקענען מיט אײניגע מענשען פון מײַן צײַט.

איך האָב געענטפערט, אַז דאָס וועט מיר זײַן זעהר אַנגענעהם, איך פערשטעה אָבער ניט, ווי וועט זי עס קאָנען אויספיהרען.

אָנשטאָט ענטפער האָט זי מיך אַרײַנגעפיהרט אין אַ צימער, וואו איך בין פריהער נאָך ניט געוועזען. דאָס צימער איז געוועזען ניט גרויס, אָבער בעקוועם, און די ווענד אַרום פערשטעלט מיט ביכער.

— אָט זענען אײַערע פרײַנד, — האָט זי געזאָגט, אָנ־ווײַזענדיג אויף אײַנס פון די ביכער. — בעמערקענדיג די נעמען פון די אײַנגעבונדענע ביכער: שעקספּיר, מילטאָן, שעלי, טעני־סאָהן, דיקענס, טעקערײַ, הוגאָ, אירווינג און נאָך פיעל גרויסע שריפטשטעלער פון מײַנע און פריהערינע צײַטען, האָב איך פערשטאַנען, וואָס זי האָט געמײַנט.

זי האָט מיך אין דער אמת׳ן אַרײַנגעפיהרט צווישען אַ קאָמפּאַניע פרײַנד, וואָס דער הונדערט־יעהריגער פעריאָד, וואָס איז פערלאָפען, צײַט איך האָב זיך מיט זיי ניט געזעהען, האָט

זײַ ניט פערעלטערט, ווי מיך אליין. זייער גייסט איז נאך געווען אזוי הויך, זייער שכל אזוי שטארק, זייער וויץ אזוי שארף, זייער לאבען און ווייגען אזוי אנשטעקענד, ווי דעמאלט. יעצט האב איך מיך שוין ניט געקאנט פיהלען עלענד צווישען אזא גוטער געזעלשאפט, ניט קוקענדיג אויף דעם תהום יאהרען, וואס איז פערלאפען צווישען מיר און מיין פריהערינגען לעבען.

בלייבענדיג אליין, האב איך זיך פריהער פון אלעם גענומען צו'ם לעזען די ווערק פון דיקענס'ען, ווייל ער איז געווען מיין בעליעבטעסטער שרייבער פון מיין צייט, ד. ה. פון נײַנצעהנטען יאהרהונדערט. ער איז געווען דער איינציגער, וואס האט אין דער יעצטיגער צייט געקאנט אזוי ווירקען אויף מיין גייסט, ארויסרופענדיג אין מיר די זכרונות פון מיין פריהערינגען לעבען, און דאס האט צוגעגעבען זיינע ווערק אזא קראפט, וואס קיין אנדערער שרייבער האט זי פאר מיר נישט געהאט: ער האט מיר שארפער געגעבען צו וויסען און פיהלען מיין יעצטיגע אומנאטירליכע לאגע. ווי נייע און וואונדערבאר אלעם ארום זאל ניט זיין, ציהט עס דעם מענשען פארט באלד זיך צו פיהלען אלס א טייל פון די ארומיגע, אזוי אז כמעט פון ערשטען בליק אין פערליערט ער די פעהיגקייט אביעקטיוו צו בעטראכטען זיין לאגע, נאר די דאזיגע פעהיגקייט, וואס איז געווען אויף א ווײַלע ביי מיר אבגעשוואכט, האט זיך ווידער ערוועקט דורך די ווערק פון דיקענס'ען, וועלבער האט מיך געשטעלט אויפ'ן שטאנדפונקט פון מיין פריהערינגען לעבען. מיט אזא קלארקייט, וואס איך האב פריהער ניט געקאנט דערגרייכען, האב איך איצטער געזעהען די פערגאנגענהייט און די געגענווארט, ווי צוויי גאנץ בעזונדערע בילדער איינס נעבען צווייטען. דער געניע (גאוניות) פון די גרויסע שריפטשטעלער בלייבט אויף אייביג יונג. אין א משך פון א שעה אדער צוויי, וואס איך האב פערבראכט לעזענדיג דיקענס'ען, האב איך נאר דורכגעלעזען א זײַטען צוויי. יעדער אבזאץ, יעדער פראזע האבען מיר פארגעשטעלט די יעצטיגע וועלט אין א גאנץ אנדערן אויסזעהן און האבען געצוואונגען מיין מח טיעף נאכצודענקען, זייענדיג פערזונקען אין

קלערען, האָב איך דערבײַ אויך בעוואונדערט דעם קאַפּריז פון שׂיקזאל, וואָס האָט בעשטימט איינעם פון מײַנע צייט־גענאָסען טאקי מיך גופא, צו זײַן דער עדות פון אלע פאָרגעקומענע ענדערונגען. עס איז וועניג צו זאָגען, אז איך האָב די נײַע וועלט ניט פאָראויסגעזעהען, איך האָב אפילו ניט געאַרבייט פאַר איהר, ווי פילע פון מײַנע בעקאַנטע האָבען געטהון, ניט קוקענדיג אויף דאָס געלעכטער פון נאַרישע מענשען, אָדער אויף די שפּעטישע פּשטלעך פון גראָבע יונגען. נאַטירליך, וואָלט מעהר יושר געוועזען, ווען איינער פון די דאָזיגע, נביאישע אין היציגע קעפּ וואָלט בעקומען די מעגליכקייט צו זעהען די פרוכט פון זײַן אַרבייט און זיך פרעהען מיט זי, צ. ב. ש. אַ פּאָעט, וואָס האָט פאָראויס געזעהען די דאָזיגע וועלט און האָט זי בעזונגען אין זײַנע ליעדער.

„איך האָב זיך פערטיעפט אין די צוקונפט, — האָט דיקענס געזאָגט, — אויף וויפיעל אַ מענשליך אויג האָט געקאָנט אַרײַנדרינגען, און פאַר מיר האָט ערשײַנט די קינפטיגע וועלט מיט אַלע איהרע וואונדער. די קריעגערישע טענער פון פויק זענען פערשטומט געוואָרען, די קריעגספאָהנען פלאַטערען מעהר ניט אין דער לופט: די גאַנצע וועלט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין פאַמיליע. דעמאָלט וועט דער געזונדער מענשענפערשטאַנד הערשען איבער די האָות, און די זאַנפטע ערד וועט רוהען אונטער דער שוץ פון אייביגען געזעץ. איך צווייפעל ניט, אז דורך אלע יאָהרהונדערטער ציהט זיך איין ציעל, וואָס ענטוויקעלט און ענטדעקט זיך אַלץ מעהר און מעהר, און די מענשליכע געדאַנקען פערברייטערען זיך מיט דער צייט."

חאָטש אויף די עלטערע יאָהרען האָט ער צײַטענווײַז געהאַט פערלוירען די אמונה אין זײַן איינענע נביאות, ווי עס טרעפט אָפטמאָל בײַ אַ נביא אין די שווערע מאָמענטען פון צווייפעל און פערצווייפלונג, נאָר די ווערטער זענען אָבער דאָך געבליבען ווי אַן אייביגער עדות אויף דעם רוח־הקודש פונ'ם פּאָעט'ס הארצען, וואָס קומט צו'ם מענשען נאָר דורך אמונה.

איך בין נאך געווען אין דער ביבליאָטעק, ווען דער דר. איז געקומען צו מיר.

— יְהוּדִית האָט מיר דערצעהלט, מיט וואָס איהר בעשעפטיגט זיך דאָ איצטער, בין איך נייגיעריג געוועזען צו זעהן, ווער פון די שרייבער איז אייך מעהר צו'ם הארצען. אַ הא, דיקענס! איהר ליעבט איהם? מיר סימפאטיזירען אויך דעם גרויסען שריפטשטעלער. מיר האַלטען איהם פאר'ן גרעסטען שרייבער פון זיין צייט, ניט דערפאַר וואָס זיין ליטעראַרישער טאַלענט איז געוועזען אַ גרעסערער, נאָר דערפאַר וואָס זיין גרויס הארץ האָט געקלאפט פאר די אָרעמע, דערפאַר וואָס ער האָט מַקְרִיב געוועזען זיין פעדער צו פערטיידיגען די אונטערדריקטע. קיין אייגציגער שרייבער פון זיין צייט האט ניט געמאַכט אזא איינדרוק מיט זיין פעדער, קיינער האט אזוי ניט געצוואונגען צו בעמערקען דעם עלענד און אונגערעכטיגקייט פון דער אלטער אָרדנונג און איינצוזעהן די נויטוועגדיגקייט פון גרויסע אומענדערונגען, חאָטש ער אליין האָט זיי אויך ניט קלאָר פערשטאַנען.

---

## XIV.

פאר מיטאָג האָט גראדע אָנגעפאַנגען זעהר שטאַרק צו רעגנען, און דעריבער האָב איך געמיינט, אז מיינע בַּעֲלֵי־בָתִּים וועלען שוין ניט געהן עסען קיין מיטאָג אהין, וואו מען האָט פריהער אָבגערעדט. איך בין דעריבער ניט ווענינ נִתְפָּעֵל געוואָרען, ווען אין דער בעשטימטער צייט האָבען די דאמען ערשיינט פולשטענדיג אָנגעקליידעט צו'ם געהן און דערצו אָהן קאלאָשען און רעגענשירמען. די רעטעניש האָט זיך ערקלערט, ווי מיר זענען נאר ארויס אויף די גאַס. לענגס איבער איין טראָטואר פון דער גאַס איז געוועזען איבערגעצויגען אַ גרויס לייוועגדענעס דאך, וואָס האָט פערוואַנדעלט די זייט גאַס אין אַ לאנגען, ליכטיגען און טרוקענעם קאָרידאָר, אין וועלכען עס

האָט זיך נעצויגען אַ מאַסע דאַמען און הערען צו מיטאָג. אויף די ווינקלען פון די גאַסען זענען די לעדיגע ערטער אויך געוועזען אונטער אַ דאַך.

יהודית, וואָס איז געגאַנגען נעבען מיר, האָט זיך זעהר פערוואונדערט, הערענדיג, אַז אין אונזער צייט האָט מען אויף באָסטאָנער גאַסען אין אַ שלעכטען וועטער אַנדערש ניט געקאָנט ארויסגעהן, ווי אין קאַלאָשען און רעגענשירמען. ווי זי האָט מיר דערצעהלט, זענען יעצט אַלע גאַסען איינגעאָרדענט מיט אַזעלכע דעכער, וועלכע מען דרעהט־אויף, ווען מען האָט זיי נים נויטיג. ווייטער האָט זי מיר דערצעהלט, אַז אין דער יעצטיגער צייט וואָלט מען געהאַלטען פאַר אַ גרויסע נאַרישקייט, ווען אַ שלעכט וועטער זאָל ווירקען אויף די בעוועגונג פון מענשען אין גאַס.

געהענדיג הינטער אונז און הערענדיג אונזער געשפרעך, האָט דער דאָקטאָר זיך אַריינגעמישט אין די רעד און בעמערקט, אַז דער אונטערשיעד צווישען דער צייט פון אינדיווידואַליזם און דער צייט פון געמיינשאַפטליכקייט, אַחדות, חאַראַקטעריזירט זיך זעהר גוט דורך דעם פאַקט, דאָס אינ׳ם 19־טען יאָהרהונדערט, ווען אין באָסטאָן האָט גערעגענט, האָבען זיך איבער די געהער פאַנאַנדערגעלאָזען 300,000 רעגענשירמען, וועהרענד אין 20־טען יאָהרהונדערט איז גענוג איין רעגענשירם איבער אַלע קעפּ.

יהודית האָט מיר ערקלערט, אַז איהר פאָטער האָט זעהר ליעב זיך צו בענוצען מיט דעם משל פון די רעגענשירמען. כדי ריכטיג אָבצושילדערן די אַלטע צייט מיט די אַלטע אָרדנונגען. בעת אַלע האָבען געלעבט יעדער נאָר פאַר זיך, פון זיינעטוועגען.

— ביי אונז אין דער קונסט־גאַלעריע איז דאָ אַ בילד פון 19־טען יאָהרהונדערט, וואָס שטעלט־פאָר אַ גאַנצע מאַסע מענשען אין אַ רעגען־צייט. יעדערער האַלט אַ רעגענשירם איבער זיך און זיין פרוי און גיט איבער זיין שכן די טראָפּען, וואָס פאַלען פון איהם אַראָב. מיין פאָטער מיינט, אַז דאָס איז אַ סאַטירע אויף יענע צייט.

באַלד זענען מיר אַריין אין אַגרויסע געביידע, אין וועלכער עס האָבען זיך געשטויסען אַ מענגע מענשען. די אויסערליכע זייט פון הויז האָב איך איבער׳ן שוך־דאַך ניט געקאָנט זעהן, נאָר קוקענדיג אויף די אינערליכע אַרבייט, האָט מען געקאָנט פערשטעהן, אַז אויך אויסערליך מוז דאָס הויז זיין גרויסאַרטיג געבויט. מיינע בעגלייטער האָבען מיר ערקלערט, אַז די סקולפּטור־פערציערונגען איבערן איינגאַנג זענען בעזונדערס ווערט בעטראַכט צו ווערען.

אַרויפגעהענדיג אויף גרויסע, ברייטע טרעפּ, זענען מיר אַריין אין אַ קאָרידאָר, וואָס האָט אונז אַריינגעפיהרט אין עסצימער; אויף דער טהיר איז געווען אויפגעשריבען דער נאָמען פון מיין בעל־הבית. אין צימער איז געווען געגרייט אַ טיש פאַר פיער פערזאָן. די פענסטער זענען אַריינגעקומען אין הויף, וואו עס האָט געשפריצט אַגרויסער שפּרינגברונען און עס האָט זיך געהערט מוזיק.

— איהר זייט דאָ אַקוראַט ווי ביי זיך אין דער היים, — האָב איך בעמערקט, זיך זעצענדיג צו׳ם טיש.

— דאָס איז טאַקי אַ טייל פון אונזער הויז, — האָט דער דר. געענטפערט, — האָבּש אַ ביסעלע ווייטלעך פון אונזער וואָהנונג. יעדע פאַמיליע פון דעם צירקעל האָט זיך אַ בעזונדער צימער אין דעם הויז פאַר זעהר אַ קליינעם פּרייז אויף שטענדיג און נאָר פאַר איהר אַליין. פאַר צופעליגע געסט זענען פאַרהאַן גאַנץ בעזונדערע צימערען אויפ׳ן צווייטען שטאָק. ווען מיר רעכנען צו נעהן אהער עסען, מאַכען מיר מיט אַנ׳אָוועגד פריהער אונזערע בעשטעלונגען און קלייבען־אויס, וואָס נאָר מ׳קאָן בעקומען אין מאַרק, לויט די טעגליכע מודעות אין דער צייטונג. דאָס מיטאָג קאָן זיין פערשיעדענאַרטיג אָדער פּראָסט, ווי איינער וויל, און דאָס קאָסט אַ סך ביליגער ווי אין דער היים. ביי אונז, מוז איך אייך זאָגען, אינטערעסירט מען זיך זעהר שטאַרק מיט דער קאָכקונסט, און דערהייבער קאָנען מיר זיך טאַקי בעריהמען, אַז אין דעם פּונקט האָבען מיר דערגרייכט זעהר הויך. חאָטש ביי איך, ליעבער הער וועסט, האָבען נאָך פיעל זאַכען פון דער

ציוויליזאַציע זיך געפינען אין אַ טרויעריגען צושטאַנד, נאָר ערגער פון אלעם איז געוועזען אייער עסען, איבערהויפּט ביי די ניט-רייכע מענשען.

אויף די לעצטע בעמערקונג האָב איך געמוזט פולשטענדיג מודה זיין.

נאָכדעם איז אַריין אַ שענער יונגערמאַן אין אַ בעזונדערער אוניפאָרם. איך האָב איהם זעהר גוט אַרומגעקוקט, ווייל מיר איז צו'ם ערשטען מאָל אויסגעקומען צו זעהן פון דער נאָהענט אַ מענשען פון דער אַרבייטער-אַרמעע. דער יונגערמאַן איז געוועזען אויך אַזוי געבילדעט, ווי יענע, וועמען ער האָט בעדיענט. נאָר מערקווירדיג איז געוועזען, וואָס ניט ער, ניט זיי האָבען זיך נישט געפיהלט אין פערלעגענהייט, ווי עס פיהלט זיך געוועהנליך צווישען די בעלי-בתים און זייערע דיענער. דער דר. האָט זיך צו איהם געווענדעט ניט מיט קיין שטרענגען, אָבער אויך נישט מיט קיין בעטענדען טאָן. די גאַנצע האַלטונג פונ'ם יונגענמאַן, וויעדער, האָט גאָר איינפאַך אויסגעדריקט אַ פערלאַנג פינקטליך צו ערפילען זיין חוב, אָבער נישט צו היימיש, ווי אויך נישט אונטערטהעניג; ער האָט ניכער אויסגעזעהען ווי אַ סאָלדאַט אויף זיין פּאָסטען, נאָר אָהן זעלנערישער גראָבקייט.

ווען דער יונגערמאַן איז אַרויסגעגאַנגען, האָב איך אַרויס-געזאָגט מיין התפּעלות איבער דעם, וואָס אַזאַ פיינער יונגערמאַן האָט אַזוי גערן געטהון די אַרבייט פון אַ דיענער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ וואָרט „דיענער“? — האָט יהודית געפרעגט. — איך האָב עס קיינמאָל ניט געהערט.

— דאָס וואָ-ט איז שוין פערעלטערט געוואָרען, — האָט דער דר. בעמערקט. — אויב איך פערשטעה עס ריכטיג, האָט מען עס בענוצט אין אייער צייט אויף אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען געטהון פאַר אַנדערע די פּראָסטע אַרבייט, און דעריבער האָט מען זיי פעראַכטעט. ניט אמת, הער וועסט?

— זעהר ריכטיג, — האָב איך געענטפערט. — פּער-זענליכע בעדיענונג, ווי צ. ב. ש. בעדיענען ביי'ם טיש, האָט מען געהאַלטען פאַר זעהר נידריג, און זי איז געוועזען אַזוי

פערּאַכטעט, אַז געבילדעטע מענשען האָבען אָנגענומען אַזעלכע שטעלען נאָר אין אַ גרויסער נויט. דעריבער האָבען מיר עס ארויפגעלעגט אויף די אָרעמע, וואָס האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט.

— איך פערשטעה עס נאָך ניט קלאָר, — האָט יהודית נעזאָגט; — שוין זשע ווייל די מענשען האָבען איך בעדיענט, האָט איהר זיי דעריבער פערהאַסט? אָדער זיי האָבען איך געטהון אַזעלכע טובות, וואָס איהר, פון אייער זייט, וואָלט זיי ניט וועלען אָבגעבען צוריק? איז עס טאַקי אין דער אֱמֶת'ן אַזוי געוועזען, הער וועסט?

איך האָב געמוזט מודה זיין, אַז דאָס איז געוועזען דער ריינער אֱמֶת.

דער דר. האָט מיר ערקלערט, פאַר וואָס יהודית וואונדערט זיך אַזוי:

— אין אונזער צייט, — האָט ער נעזאָגט, — רעכענט זיך פאַר אונמאָראַליש, אונעהרליך צו בעקומען פון איינעם אַזאַ טובה, וועלכע איהר וואָלט נישט אומגעקעהרט צוריק אויף דער זעלבער אַרט, ווען עס וואָלט נויטיג געוועזען. דאָס וואָלט אויסגעקומען, ווי באָרגען ביי איינעם געלד בכיון יענעם ניט אַוועקצוגעבען; אַרויפצולעגען אויף'ן צווייטען אַ שולד, זיך בענוצייענדיג מיט יענעם'ס עלענד און אָרעמקייט, האַלט מען פאַר אַ בזיון, פאַר אַ ריכטיגע רויבעריי. די ערגסטע זאַך ביי אַ סיסטעם, וואָס צעטיילט די מענשען אויף קלאַסען אָדער קאַסטען, איז דאָס, וואָס עס ווערט אָבגעשוואַכט דאָס געפיהל פון אַלגעמיינער מענשענליעבע. די אונגלייכע פערטיילונג פון דעם רייכטום און, נאָך מעהר, די אונגלייכע ערציהונג און בילדונג האָט צעריסען די געזעלשאַפט אין אייער צייט אויף קלאַסען, וואָס האָבען אין אַ סך אופנים געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן, ווי אויף פערשיעדענע ראַסען. איבריגענס, איז צווישען אונזער און אייער צייט ניטאָ אַזאַ גרויסער אונטערשיעד אין די אַנשויאונגען איבער דער זעלבער פראַגע, ווי עס ווייזט אויס פון ערשטען בליק. די געבילדעטע דאַמען און הערען פון אייער צייט וואָלטען ניט דערלאָזען

א מענשען פון זייער קרייז צו טהון פאר זיי אזעלכע זאכען, וואס זיי וואלטען, פון זייער זייט, זיך ניט בעשלאסען עס צוריק אבצוטהון; פון דעסטוועגען, אויף די ערטע און אונגעבילדעטע האבען זיי געקוקט ווי אויף א גאנץ בעזונדערע בריאה. די גלייכע רייכקייט און גלייכע אויסבילדונג, מיט וועלכע אלע בענוצען זיך יעצט, האט אונז געמאכט פאר מיטגליעדער פון איין קלאס, וואס איז גלייך צו דעם גריקליכסטעם קלאס פון אייער צייט. ווי לאנג די גלייכהייט איז נאך ניט בעשטעטיגט געווארען אין דער געזעלשאפט, האט די אידעע פון סאלידאריטעט און ברידער־ליכקייט פון אלע מענשען קיינמאל ניט געקאנט ביי אייך ווערען א ווירקליכע איבערצייגונג און א פראקטישער גרונדזאץ, ווי עס איז געווארען איצטער ביי אונז. אין אייער צייט האט מען אויך בענוצט די זעלבע פראזען, נאר אהן אשום בעדייטונג אין ווירקליכען לעבען.

איך האב געפרעגט, צי נעהמט זיך עמיצער צו דער ארבייט פון א קעלנער פרייוויליג?

— ניין, — האט דער דר. געענטפערט. — געוועהנליך בעשעפטיגען זיך דערמיט אזעלכע יונגעלייט, וואס האבען נאך קיין ראנג (טשין) ניט אין דער ארבייטער־ארמעע, און אזעלכע, וואס ווילען זיך פארבערייטען צו פערשידענע סארטען שטעלען, וועלכע פאדערען ניט קיין בעזונדערע קענטעניסען. דאס בעדינען ארום טיש — איז איינע פון זיי, און יעדער יונגער רעקרוט מוז דינען א בעשטימטע צייט; איך אליין האב מיט פירציג יאהר צוריק געדינט ארום טיש א משך פון עטליכע חדשים. איהר דארפט, נאך אמאל, ניט פערגעסען אז ביי אונז איז ניטא קיין אונטערשיעד אין דעם ווערט פון יעדער מלאכה. א מענש, וואס טהוט די ניעדריגסטע און איינפאכסטע ארבייט, האלט זיך ניט פאר א דינער ביי דעם, וועמען ער בעדינט, און איז אויף קיין אופן ניט אבהענגיג פון איהם, ווייל אין דער אמת'ן דינט ער נאר דער נאציע. עס איז ניטא קיין חלוק צווישען דער שטעלע פון א דינער און אנדערע שטעלען; וועניגסטענס, פון אונזער שטאנדפונקט איז קיין אונטערשיעד צו בעטרעטען די

שטעלע פון אַ דינער אָדער צו ווערען אַ דאָקטאָר; ווען ניט אַזוי, וואָלט מען געקאָנט ערוואַרטען, אַז אויך דער דינער וועט קוקען אויפ'ן דאָקטאָר מיט קִנְאָה, דערפאַר וואָס דער לעצטער בעדינט דעם ערשטען, ווען יענער איז קראַנק.

נאָך מיטאָג האָבען זיי מיך געפיהרט ווייזען די גאַנצע געביידע, וועלכע האָט מיך פערוואונדערט מיט איהר גרויס, מיט דער פראַכטפולער אַרכיטעקטור (בוי־קונסט) און שענער מאַלעריי. עס האָט גיכער אויסגעזעהען ווי אַ לוסטהויז אָדער אַ געביידע פאַר געזעלשאַפטליכע פערזאַמלונגען, איידער אַ שפּייז־זאַל, אַזוי פיעל בעקוועמליכקייטען און פערשיעדענע איינריכטונגען האָבען זיך אין הויז געפינען.

— אָט דאָ, — האָט דער דר. ליט געזאָגט, — וועט איהר זעהן דעם חִלוק צווישען דעם לוקסוס פונ'ם געזעלשאַפטליכען לעבען און צווישען דעם איינפאַכען פּריוואַט־פאַמיליען־לעבען, מיט וועלכע דאָס צוואַנציגסטע יאָהרהונדערט אונטערשיידט זיך פון נייַנצעהנטען. כְּדֵי ניט האָבען קיין איבריגע זאָרג און מִיה, האָבען מיר זעהר אַנ'איינפאַכע ווירטשאַפט, נאָר דאָס געזעל־שאַפטליכע לעבען האָט אויף זיך אַזאַ לוקסוס און אַזאַ שמוק, וואָס די וועלט האָט דאָס נאָך קיינמאָל ניט געזעהען. אַלע אינדוסטריעלע און פראָפעסיאָנעלע חֲבֵרוֹת האָבען זיך אַזעלכע רייַכע קלובען, ווי אויך זומערוואָהנונגען אויפ'ן לאַנד און בײַ'ם יַם, — ערטער פאַר פערשיעדענע פיזישע איבונגען און פער־גְעניגטען אָבְרוּה.*)

---

*) אנמערקונג. אם ענדע פון נײנצעהנטען יאהרהונדערט איז אין איינינע אוניווערזיטעטען פון די פעראייניגטע שטאַטען זעהר אפט פארגעקומען, אז ארעמע סטודענטען פלעגען אינ'ם משך פון דעם לאַנגען זומער־פעריען אנגעהמען שטעלען אלס קעלנער אין די האָטעלען, אום צו פערדיענען אביסעל געלד אויפ'ן סטודיום. געטהון האָט מען עס צוליעב דעם, וואָס פיעלע האָבען געזאָגט, אז יונגע מענשען, וואָס נעהמען מיט גוטען ווילען אַן אַזאַ שטעלע, קאָנען ניט זיין קיין ריכטיגע „דזשענטלמענס" (איידעללייט), האָבען די יונגעלייט, מיט זייער ביישפיעל, געוואָלט אויפהייבען דעם כבוד פון יעדער נייטוועגדיגער און עהרליכער ארבייט. אַזעלכע רְאָיוֹת בעווייזען די אונאָרדנונג אין דעם דענקען פון דעמאָלטדיגער געזעלשאַפט, די מיש־בעדיענונג האָט זיך גענייטיגט אין פער־

## .XV

קומענדיג צוריק אַהיים, האָבּען מיר זיך אויסגעזעצט אויף די טײַערע לעדערנע שטוהלען פון ביבּליאָטעק, אום אַ ביסעל צו פלוידערן.

— איהר ווייסט? — האָט זיך אָבּגערופען צו מיר פרוילין, — איהר זענט דער גליקליכסטער פון אַלע שטערבּליכע. אַלע ביכער פונ'ם לעצטען יאָהרהונדערט זענען בײַ איך אַלץ נײַעס, איך וועט אויסקומען צו לעזען אַזוי פיעל אינטערעסאַנטע ביכער, אַזוי אַז עס וועט איך אין אַ מעך פון אַ יאָהר פינף כמעט ניט בּלײַבּען קיין צײַט אויף צו עסען. ווי פיעל וואָלט איך הײַנט ניט בּעצאָהלט, ווען איך וואָלט נאָך ניט געהאַט געלעזען בּעריאַנ'ס און נעסמיט'ס ראָמאַנען אָדער „די פערגאַנגענהײַט און געגענוואַרט" פון אָאַטכ'ן, אָדער „אין אָנהויב", אָדער... איבּערהויפּט די גאַנצע מאַסע ביכער, וואָס יעדער פון זײַ איז ווערט אַ יאָהר לעבּען.

---

טיידיגונג ניט ווייניגער, אַלס אַנדערע מיטלען צו געפינען פּרנסה אין יענע צייטען; נאָר בּיי יענעם סיסטעם איז גאָר נאַריש געוועזען זיך מפלפל צו זיין וועגען דער ווירדע פון וואָס פאַר אַ אַרבּייט עס איז. האָט מען דען ניט געדאַרפט קוקען אויף די אָבּשאַצונג פון דער אַרבּייטס־קראַפט פאַר אַ מעגליך העכערן פּרייז, ווי אויפ'ן פערקויפען סחורה וואָס טייערער? אַזוי צו אַזוי איז עס געוועזען געשעפטס־אַנגעלעגענהייטען, וואָס האָבּען געדאַרפט אָבּגעשאַצט ווערען מיט אַ האַנדעלסמאָס. אַנ'אַרבּייטער האָט אויף אַזאַ'ן אופן אַנגענומען פאַר זיין אַרבּייטס־קראַפט אַ געלד־מאָס, און האָט זיך דערמיט ענטזאַגט פון יעדער אַנדערער אָבּשאַצונג. די אײדלערע מענשען האָבּען נישט געקאָנט אַריבּערטראָגען, וואָס אַפילו אַרבּייט פון העכערן סאָרט האָט בּעקומען אַנ'אויסזעהן פון געלד־ליעבּע, אָבּער אויסצומיידען דאָס איז געוועזען אונמעגליך. מיט די דיענערייו איז אויסגעקומען צו האַנדלען, ווי מיט סחורה אויפ'ן מאַרק. אַ דאָקטאָר האָט געדאַרפט פערקויפען זיין היילקונסט און אַ מגיד — זיין מוסר. נאָך מיין מיינונג, בּעשטעהט דאָס גרעסטע גליק פון דער יעצטיגער צייט נאָר אין דער ווירדע, וואָס די אַרבּייטס־קראַפט האָט בּעקומען דאַדורך. וואָס מען בּעשטימט שוין אויף איהר מעהר קיין פּרייזען ניט און מען האָט פערניכטעט דעם מאַרק אויף אייבּיג. יעצט פערלאַנגט מען פון אַ מענשען דאָס בּעסטע, וואָס ער קאָן נאָר געבּען, זיך פערלאָזענדיג אויף גאָט אַליין, ער זאָל אַכטונג געבּען איבּער זיין אַרבּייט, און שטעלענדיג די עהרע אַלס איינציגען לוין פאַר יעדע אויסצייכנונג, האָט מען צוגעגעבּען יעדער אַרבּייט אַזאַ ווירדע, וואָס אין מיין צייט האָט געהאַט נאָר דער דיענסט פון אַ סאָלדאַט.

— אונזער יאָהרהונדערט רעכענט זיך, און ריכטיג, פאַר גלענצענדסטען אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור, — האָט דער דר. געזאָגט. — ווי עס ווייזט אויס, האָט נאָך די מענשהייט ניט געהאַט דורכגעמאַכט פריהער אַזאַ מאָראַלישע און מאַטעריעלע ענטוויקלונג, וואָס איז אַזוי געוואַלטיג גרויס און וויכטיג לויט איהר ציעל און אַזוי קורץ לויט דער צייט, וואָס זי האָט פערברויכט, אום פערווירקליכט צו ווערען אין לעבען, ווי דאָס איז געוועזען אין'ם איבערגאַנג פון דער אַלטער אָרדנונג צו דער נייער. ווען מענשען האָבען אָנגעהויבען צו פערשטעהן די גרויסקייט פונ'ם גליק, וואָס איז אויסגעפאַלען אין זייער גורל, און האָבען איינגעזעהען, אַז די אומענדערונג, וואָס זיי האָבען אריבערגעלעבט, איז ניט נאָר געוועזען אַ פערבעסערונג אין איינצעלנע הינזיכטען פון זייער לאַגע, נאָר זי האָט אויפגעהייבען דאָס מענשען-געשלעכט צו אַ העכערער מַדְרֵגָה פון לעבען, וואָס האָט איהם פאַרגעוויזען אַנ'אונבעגרענצטען פאָרטשריט אין דער צוקונפט, — האָט זיי אַרומגענומען אַזאַ בעגייסטערונג, אויף וועלכע די מיטעלעלטערישע עפּאָכע „רענעסאַנס" (אויפלעבונג) קאָן דיענען נאָר אַלס שוואַכער רֶמֶז. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבען דער פעריאָד פון מעכאַנישע ערפינדונגען, פון וויסענשאַפטליכע ענטדעקונגען, פון דער אויפבליהונג פון קונסט, מוזיק און ליטעראַטור, וואָס זייער גלייכען איז ניט פאָרגעקומען אין קיין איינציגען פריהערדיגען פעריאָד אויף דער וועלט.

רעדענדיג וועגען ליטעראַטור, האָט מיר דער דר. ערקלערט, אַז די רעגיערונג גופא דרוקט אַלע ביכער און אַז די דרוק-פערוואַלטונג האָט ניט קיין צענזור; די דרוק-פערוואַלטונג איז מְחוּיָב צו דרוקען אַלסדינג, וואָס מען לעגט איהר פאַר, נאָר בִּתְנַאי, אַז דער פערפאַסער צאָהלט-איין די ערשטע הוֹצָאוֹת אויף די אויסגאַבע, פון זיין אייגענער קעשענע. ער דאַרף בעצאָהלען פאַר דאָס רעכט עפענטליך בעוואוסט צו ווערען; און אויב איינער האָט מוֹדִיעַ צו זיין וויכטיגע זאַכען, גלויבען מיר, אַז ער וועט עס טהון מיט פערגעניגען. עס פערשטעהט זיך, אַז ווען די הַכְנָסוֹת וואָלטען געוועזען אַזוי אונגלייך, ווי אין די פריהערדיגע צייטען,

וואָלטען נאָר די גבירים אַליין געקאָנט זיין פּערפאַסער; נאָר אַזוי ווי אַלע בירגער זענען גלייכע גבירים, דינט דער כּלל נאָר פאַר אַ מאָס פאַר׳ן שריפטשטעלער׳ס טאַלענט. די קאָסטען פון אַ געוועהנליכען, מיטעלען בוך קאָנען ווערען אויסגעצאָהלט פונ׳ם יעהרליכען קרעדיט ביםלעכוויז און אָהן אָנשטרענגונג. דאָס אָבגעדרוקטע בוך ווערט אויף אַזאַנ׳אופן ארויסגעשטעלט צו׳ם פערקויפען פון דער נאַציע. דער פּרייז פון אַ בוך ווערט בעשטימט נאָך די דרוק־קאָסטען און צוזאַמען מיט די פּראָצענטען, וואָס דער פּערפאַסער בעשטימט אַליין. נאַטירליך, אויב ער שטעלט אַ צו גרויסען פּרייז, האָט ער אַליין דערפון שאָדען, ווייל דאָס בוך וועט ניט פערקויפט ווערען. די סומע פון דעם פּראָצענט ווערט צוגערעכענט צו זיין קרעדיט, און ער אַליין ווערט בעפרייט פון אַנדערע אַרבייט, וואָס ער איז מחויב צו טהון פאַר דער נאַציע. אויף אַזאַ לאַנגע צייט, אויף וויפיעל דער דאָזיגער קרעדיט וועט איהם קלעקען אויף זיין חיונה. אויב זיין בוך געהט גוט, בעקומט ער אַנ׳אורלויב אויף עטליכע מאָנאַט, אויף אַ יאָהר, צוויי אָדער דריי; און אויב ער לאָזט אין דער צייט אַרוים נאָך אַ גוט ווערק, ווערט די צייט פון זיין דינסט אַלץ וועניגער און וועניגער, מיט איין וואָרט, אויף אַזוי פיעל, וויפיעל דאָס פערקויפען די ביכער קאָן אויסצאָהלען זיין אַרבייט. אַ בערימטער פּער־פאַסער קאָן אַזוי אָבדיענען זיין גאַנצען דינסט נאָר מיט דער פּעדער; און די מדרגה פון אַ ליטעראַרישען טאַלענט, וואָס ווערט בעשטימט דורך די עפענטליכע מיינונג, דינט פאַר איהם אַלס אַ מאָס, וואָס גיט איהם די געלעגענהייט זיך אָבצוגעבען מיט ליטעראַטור. אין דעם פאַל איז אונזער סיסטעם ניט פיעל אַנדערש פון אייערען; נאָר דערביי אונטערשיידען זיי זיך דאָך אין צוויי הינזיכטען: ערשטענס, צוליעב דעם הויכען שטאַנד פון דער אַלגעמיינער בילדונג זאָגט די געזעלשאַפט אַליין אַרוים איהר בעשלוס איבער דעם ווירקליכען ווערט פון אַ ליטעראַרישען ווערק, וואָס אין אייער צייט האָט עס ניט געקאָנט זיין; צווייטענס, קאָן אין דער היינטיגער צייט ניט טרעפען, דאָס מען זאָל צוליעב פריינדשאַפט אָדער פריינדשאַפט נישט ריכטיג אָבשאַצען דעם

ווערט פון א טאלענט. ביי אונז האט יעדער שריפטשטעלער די מעגליכקייט פארצושטעלען זיינע ווערק פאר די עפענטליכע מיינונג. אין אייער צייט האבען עס די שרייבער ניט געהאט, און אזא אבסאלוטע גלייכהייט, וואלט זיך, ווי עס ווייזט אויס, געשעצט זעהר הויך. אין אנדערע פאכען, ווי, למשל, אין מוזיק, מאלעריי, סקולפטור א. ד. ג., איז מען זיך נוהג עטוואס אנדערש. אין דער קונסט, ווי אין דער ליטעראטור, איז דאס פאלק דער איינציגער ריכטער. דאס פאלק בעשטימט, מען זאל אננעהמען אדער נישט סטאטועז און בילדער פאר די קהל'שע הייזער, און זיין גוטער אורטהייל גיט דעם קינסטלער די בעפרייאונג פון אנדערע ארבייט, כדי ער זאל זיך קאנען איבערגעבען אינגאנצען צו זיין קונסט. דער קינסטלער בעקומט אויך די זעלבע נוצען פון פערקויפען די קאפיען פון זיינע בילדער, ווי דער שריפטשטעלער פון זיינע ביכער. דאס אלעס האט נאר איין ציעל: צו געבען יערען א געוואונשטעס ארבייטספעלד, און ווי נאר מען בעמערקט ביי א מענשען א זעלטענעם טאלענט, בעפרייט מען איהם פון אלע ארבייט, אום ער זאל זיך קאנען אפגעבען אינגאנצען צו זיין אויסערוועהלטער בעשעפטיגונג. מיר האבען, נאטירליך, פערשידענע אינסטיטוטען פאר ליטעראטור, וויסענשאפט און קונסט, וואס צו ווערען א מיטגליעד פון זיי קאנען נאר גרויסע, הויכגעשעצטע טאלענטען. דער גרעסטער כבוד אין לאנד, וואס רעכענט זיך נאך העכער פאר פרעזידענטשאפט, איז דאס רויטע באנד, וואס ווערט אבגעשטימט פון פאלק פאר די גרעסטע קינסט־לער, שריפטשטעלער, אינזשעניערען, דאקטוירים און ערפינדער. אמת, אין איין צייט בעקומט זעהר א קליינע צאהל מענשען דעם דאזיגען צייכען; אבער יעדער טאלענטפולער יונגערמאן שלאפט ניט פיעלע נעכט איבער איהם, און איך אליין האב אויך אין דער יוגענד געהערט צו די דאזיגע פאנטאזירער.

— ווי געהט עס ביי אייך צו מיט דעם ארויסגעבען ביכער און צייטונגען? — האב איך געפרעגט. — עס איז, נאטירליך, ניט שווער איינעם צו צווינגען, ער זאל צאהלען פאר די אויסגאבע, ווייל אזא הוצאה קומט דאך זעלטען פאר,

אָבער זיך צו לאָזען קאָסטען אויף אַ טעגליכע ציַיטונג, ווייס איך ניט, אויב ווי־ וואָלט צופריעדען זיַין. אין אונזער ציַיט האָבען דאָס געמאַכט די קאַפּיטאַליסטען, דאָך זענען אַפילו פאַר זיי אַזעלכע הוצאות געווען ניט גרינג. אויב ביַי איך געהען איבער־ הויפּט אַרוים ציַיטונגען, מוזען זיי אַוַדאי אַרויסגעגעבען ווערען אויף דער רעגירונגס רעכנונג, ד. ה. אויף די אַלגעמיינע קאָסטען, און האָבען אַ רעדאַקטאָר, בעשטימט פון דער רעגירונג, וועלכער פערשפּרייט איהרע אידעען. אַלזאָ, אויב אייער סיסטעם איז אַזוי פאָלקאָמען, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו קריטיקירען אין דער רעגירונגס טהעטיגקייט, מוז מאַקי זיין גאַנץ גוט; אויב עס איז אָבער ניט אַזוי, רעכען איך, אַז דער מאַנגעל אין אַ אונאָבהענגיגען, פריַיען אָרגאַן, וואָס זאָל אויסדריקען די עפענט־ ליכע מיינונג, וואָלט געהאַט זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען. זיַיט זיך מודה, הער דאָקטאָר, אַז די פרייע פרעסע איז געווען איינע פון די גוטע זאַכען פון דער אַלטער ציַיט, ווען דאָס קאַפּיטאַל האָט זיך געפינען אין פּריוואַטע הענד.

— צום בערויגען קאָן איך אַפילו אין דעם אויך ניט איַינשטימען מיט איַיך, — האָט דער דר. לאַבענדיג געענטפערט. — פריהער פון אַלעם דאַרפט איהר וויסען, הער וועסט, אַז די פּעריאָדישע פּרעסע איז ניט דאָס איינציגע און אויך ניט דאָס בעסטע מיטעל ערנסט צו קריטיקירען די געזעלשאַפטליכע מעשים. אונז שיַינט, אַז די מיינונגען פון אייערע ציַיטונגען וועגען אַזעלכע פראַגען זענען איבערהויפּט ניט קיין בעאַרבייטע און עזות'דיגע, אונטערגעפאַרבט מיט איינרעדענישען און פער־ ביטערטקייט. אויב זיי דריקען ווירקליך אויס די געזעלשאַפטליכע מיינונג, געבען זיי נאָר אַ שלעכט בילד פון דער פאָלקס־ענטוויקלונג אין יענער ציַיט; אויב זיי אַליין, ווידער, האָבען בעשאַפען די געזעלשאַפטליכע מיינונג, קומט דאַדורך דער נאַציע ניט קיין גרויסער מזל־טוב. ביַי היַינטיגען טאָג, אויב אַ מענש וויל מאַכען אַ שטאַרקען רושם אויף די עפענטליכע מיינונג אין וועלכער עס איז נעזעלשאַפטליכער אָנגעלעגענהייט, לאָזט ער אַרויס אַ בוך אָדער אַ בראָשורע, וואָס ווערען אַרויס געגעבען ווי אַנדערע

ציכער. דאָס איז אָבער ניט דערפאַר, וואָס מיר האָבען ווענ׳ג צײַטונגען אין זשורנאַלען, אָדער ווײַל זײַ האָבען ניט קײַן פּרײַ וואָרט. די טאָג־פּרעסע איז אַזוי אָרגאַניזירט, זי זאָל געבען אַ פאָלקאָמענעם אויסדרוק פון דער געזעלשאַפטליכער מײַנונג, אַקוראַט ווי עס איז געווען אין אײַער צײַט, בעת זי איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטען, וואָס האָבען פריהער פון אַלעם געקוקט דערויף, ווי אויף אַ געשעפט, און נאָכדעם ערשט ווי אויפ׳ן אויסדרוק פון דעם פאָלקס מײַנונגען.

— ווי באַלד די רעגירונג דרוקט די צײַטונגען אויפ׳ן קהל׳שען חשבון, מוז זי דאָך קאָנטראָלירען די ריכטונג, — האָב איך געזאָגט. — ווער דען בעשטימט דעם רעדאַקטאָר אויב ניט די רעגירונג,

— די רעגירונג, — האָט דער דר. געענטפערט, — צאָהלט ניט די הוצאות פון אַ צײַטונג, ניט זי בעשטימט קײַן רעדאַקטאָרען און האָט אין קײַן פאַל ניט קײַן אײַנפלוס אויף די טענדענץ פון זשורנאַל. די, וואָס לעזען די צײַטונג, לײַדען די הוצאות אויף איהר, קלײַבען־אויס זײַערע רעדאַקטאָרען און זאָגען זײַ אָב, אויב די לעצטע בעפריעדיגען ניט זײַערע פאָדערונגען. איך רעכען, איהר וועט שוין מודה זײַן, אז בײַ אַזעלכע בעדינגונגען איז די פּרעסע דער פרײַער אָרגאַן פון דעם פאָלקס מײַנונג,

— ווי פיהרט איהר דאָס אָבער אויס אין דער פּראַק־טיק? — האָב איך געפרעגט.

— גאָר פּראָסט. לאָ׳מיר זאָגען, אַז אײנער פון מײַנע שכנים אָדער איך אַליין וואָלט זיך איבערצײַגט, אַז עס איז נויטיג אַרויסצוגעבען אַ צײַטונג, וואָס זאָל אַרויסזאָגען אונזער מײַנונג, וואָס זאָל זיך פערנעהמען מיט די אַנגעלעגענהײַטען פון אונזער אָרט, האַנדעל אָדער פּראָפעסיע, הויבען מיר אָן צו קלײַבען אַבאָנענטען, ביז מיר בעקומען אַזאַ צאָהל, וואָס דעקט די הוצאָ׳ת פון אַ צײַטונג. אָט די יעהרליכע געצאָהלט ווערט אָפּגערעכענט פון יעדענס קרעדיט־קאַרטע, און דעריבער

קאן שוין די נאציע ביי'ם ארויסגעבען א צייטונג קיינמאל ניט האבען קיין היזק, ווייל דא איז זי מעהר נישט ווי אנ'ארויסגעבער און האט גאר דאס רעכט ניט זיך אבצוזאגען פון אזא ערבות. די אבאנענטען קלייבען זיך נאכהער אויס א רעדאקטאר, וואס ווערט בעפרייט אויף אזאנ'אופן פון אנדערער ארבייט אינ'ם משך, וואס די נאציע האט אויף איהם ארויפגעלעגט די פליכט פון א רעדאקטאר. אנשטאט איהם צו צאהלען שכירות, ווי אין פריער צייט, צאהלען איצטער די אבאנענטען דער נאציע אזוי פיעל, וויפיעל עס בעטרעפט זיין געהאלט, דער פאר וואס מען האט איהם אבגעצוינגען פון דעם געזעלשאפטליכען דיענסט, ער פיהרט אויך אזוי די צייטונג, ווי איירע רעדאקטארען, נישט מעהר, ער איז ניט אונטערגעווארפען אונטער געלד־געשעפטען און דארף ניט פערטיידיגען די אינטערעסען פון איינ־צעלנע קאפיטאליסטען געגען דעם וואוילזיין פון דער גאנצער געזעלשאפט. ענדע יאהר קלייבען די אבאנענטען אויס אדער דעם זעלבען רעדאקטאר, אדער אנ'אנדערן אויף זיין ארט. א גוטער רעדאקטאר האלט זיך נאטירליך לאנג אויף זיין שטעלע. וואס מעהר אבאנענטען עס קומען צו, ווערען דאדורך פערגרעסערט די הכנסות פון דער צייטונג און ממילא פערבעסערט זי זיך, ווייל עס פערגרעסערט זיך די צאהל פון בעגאבטע מיטארבייטער.

— ווי ווערען אבער די מיטארבייטער בעצאהלט, ווי באלד עס איז קיין געלד ניטא?

— דער רעדאקטאר מאכט מיט זיי אב דעם מקח פאר זייער ארבייט. דער פערדיענסט ווערט אריבערגעטראגען אויף זייער פערזענליכע קרעדיט־קארטע פון דעם קרעדיט, וואס איז ערב פאר די צייטונג, און דער מיטארבייטער בעפרייט זיך פון אנדערע געזעלשאפטליכע ארבייט אויף אזוי לאנג, וויפיעל עס קאן קלעקען זיין קרעדיט, ווי מען טהוט מיט אנדערע פער־פאסער. מיט זשורנאלען פיהרט זיך אויף אזאנ'אופן. די, וואס ווילען א נייע צייטשריפט, זענען ערב פאר א בעשטימטע צאהל אבאנענטען אויף א יאהר, נאכהער קלייבען זיי זיך אויס א רעדאקטאר, וואס בעצאהלט די מיטארבייטער, אזוי ווי אין דעם

ערשטען פאל, וועהרענד די קהל'שע דרוקעריי בעזארגט די נויטוועגדיגע ארבייטס־קראפט אין מאטעריאלען אויפ'ן דרוקען. אויב דעם רעדאקטאר'ס ארבייט איז שוין מעהר ניט נויטיג, און צו קיין אנדערער ליטעראַרישער ארבייט קאן ער זיך ניט דער־של,גען, טרעט ער גאנץ איינפאך אריין צוריק אין די ארבייטער־ארמעע. איך מוז איך נאך זאגען, אז חאטש א רעדאקטאר ווערט אויסגעקליבען סוף יאהר און פערנעהמט אפט מאל די עטליכע יאהר נאכאיינאנד, פון דעסטוועגען, אויב ער בייט פלוצלונג איבער די טענדענץ פון דער צייטונג, קאנען איהם די אבאנענטען, לויט דעם געזעץ, ענטזאגען פון דער שטעלע אין יעדער צייט.

פאר'ן שלאף האט מיר יהודית געבראכט בעריאנ'ס א ראמאן.

— דאס איז זיין בעסטעס ווערק, וואס וועט איך געבען א בעגריף וועגען די ראמאנען פון אונזער צייט, — האט זי דערביי געזאגט.

כמעט די גאנצע נאכט האב איך פערבראכט לעזענדיג דעם ראמאן: „פענטעסילעא״, און איך בין מודה, אז מיך האט מעהר פערוואונדערט אין איהם דאס, וואס אין איהם האט געפעהלט, איידער דאס, וואס אין איהם איז געוועזען אנגעשריבען. די ראמאניסטען פונ'ם 19־טען יאהרהונדערט וואלטען בעסער געמאכט ציגעל פון שטרוי, איידער שאפען א ראמאן אהן די עפעקטען, וואס זענען געגרינדעט אויף דעם גענענזאץ צווישען רייכקייט און ארעמקייט, בילדונג און אונוויסענהייט, גראבקייט און איידעלקייט, איבערהויפט אהן די מאטיווען, וואס זענען געבויט אויף די געפיהלען פון שטאלץ און ליעבע צו כבוד, אויף דעם חשק צו זיין רייכער אדער אויף דער מורא צו זיין ארעמער, צוזאמען מיט די פערשיעדענע קלענערע זארגען, ווי פאר זיך, אזוי אויך פאר'ן צווייטען; מיט איין ווארט, אזא ראמאן, וואס נישט די ליעבע זאל דארט שפיעלען די הויפט־ראלע. דאס בוך האט מיר געגעבען א פאלקאמען קלאר בילד פון דער סאציאלער ארדנונג אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט. דעם דאקטאר'ס ערקלערונגען.

זעהר גרינדליכע, אָבער וועניג געבונדענע צווישען זיך, האָט בעריאַן פעראייניגט אין איין גאַנצעס, קלאָרעס בילד.

---

## XVI.

אויף מאָרגען, אַראָבגעהענדיג פון די טרעפּ, האָב איך גראַדע געטראָפען יהודית'ן אַרויסגעהן פונ'ם צווייטען צימער אין פּאָדערהויז, וועלכעס איך האָב פריהער דערמאָנט.

— אַ! — האָט זי אויסגערופען שמייכלענדיג. — איהר האָט, אַ פּנים, ווייטער געוואָלט מאַכען אַזאַ שפּאַציערגאַנג איבער די גאַסען פון שטאָדט, ווי דעמאָלט, ווען איהר זענט דערפון אַריינגעפאַלען אין אַ מרה־שחורה, ניט אֱמת?

— איהר מוזט, אַ פּנים, ניט גוט קורירען, אויב איהר האָט מורא, אַז אַזאַ שפּאַציערגאַנג וועט אויף מיר מאַכען אַ שלעכטען איינדרוק.

— עס פרעהט מיך זעהר צו הערען, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט, — האָט זי בעמערקט. — איך האָב געפלאָכטען אַ בוקעט בלומען צו פריהשטיק, און נאָך אייער גאַנג האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיט אייך איז עפּעס ניט גלאַט.

דאָ האָב איך פערשטאַנען אויף קלאָר, אַז דאָס, וואָס איך האָב ביז איצטער נאָר משער געוועזען, איז טאַקי געוועזען אַ פאַקט. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז דאָס זעלטענע מיידעל אין די טעג בכיון אויפגעשטאַנען פריהער, אום מיך ניט צו לאָזען געהן אליין איבער דער שטאָדט. איך בין אַריין מיט איהר אין צימער און האָב איהר געהאָלפען מאַכען דעם בוקעט. זי האָט מיך וויעדער געפרעגט, אויב איך בין שוין אינגאַנצען פּטור געוואָרען פון יענע שווערע געפיהלען, וואָס האָבען מיך שיער פון זינען ניט אַראָבגעפיהרט אין יענעם דענקווירדיגען טאָג.

— צייטענווייז, — האָב איך געענטפערט, — פיהל איך זיך נאָך עפּעס זעהר מאָדנע — איך צווייפעל אין מיין גאַנצער

עָקזיסטענץ. נאָר פון דעסטוועגען האָב איך שוין יעצט, ווענינגסטענס, קיין מורא ניט משוגע צו ווערען, ווי דאַן, און איך בין איבערציינגט, אז די געפאהר איז פארביי. איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען, וואס איהר האָט פאַר מיר געטהון: איהר האָט געראַטעוועט ניט בלויז מיין לעבען, נאָר אויך מיין פערשטאַנד.

איך האָב דאָס געזאָגט מיט היץ און מיט טרערען אין די אויגען.

— דאָס, וואָס איך האָב פאַר אייך געטהון, איז נאָך צו וועניג, — האָט זי געזאָגט; — אמת, איך האָב זיך טאַקי פריהער בעאונרוהיגט וועגען אייך; דער פאָטער ערקלערט אייער לאַנגען שלאָף אויף אַ וויסענשאַפטליכען אופן. אָבער מיר דוכט, ווען איך בין אויף אייער אָרט, וואָלט איך עס ניט אריבער־געטראָגען.

— איך רעכען, אַז דאָס וואָלט זיך געווענדט דערין, אויב עס וואָלט זיך צו אייך בעוויזען אַזא מלאך, ווי צו מיר, אין אַזא שרעקליכען מאָמענט, אייך צו העלפען מיט זיין סימפאַטיע.

ביי די ווערטער האָבען זיך די באַקען פון יונגען מיידעל פערראַיטעלט, און זי האָט אין פערלעגענהייט אַראָב געלאָזען די אויגען.

— חאָטש אייך איז ניט אויסגעקומען אריבערצולעבען דאָס, וואָס איך האָב אריבערגעלעבט, פון דעסטוועגען האָט אייך געמוזט זעהר בעוואונדערן די ערשיינונג פון אַ מענשען, וואָס איז גע־שטאָרבען מיט הונדערט יאָהר צוריק און האָט זיך ווידער אומגעקעהרט צו׳ם לעבען.

— פון אָנפאַנג האָט עס אונז געוואונדערט, נאָר נאָכדעם, ווען מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט, וואָס איהר גופא האָט געמוזט פיהלען אין דער צייט, האָבען מיר אינגאַנצען פערגעסען אָן זיך, און אַלעס, וואָס מיט אייך האָט פאַסירט, איז אונז פאָרגעקומען ניט אַזוי וואונדערבאַר, ווי אינטערעסאַנט און ריהרענד. ווי עס שיינט, האָבען מיר אייך געמוזט אויסווייזען נאָך וואונדערליכער, ווייל מיר געהערען צו אַזא דור, פון וועלכען איהר האָט גאָרנישט געוואוסט, ביז איהר האָט אונז דערזעהען. וואָס עס איז שייך צו

אײך, געהערט איהר דאָך צו אַזאַ דור, ווי אונזערע עלטערען. און ער איז אונז פיעל־וועניג בעקאַנט געוועזען. מיר ווייסען אַ סך נעמען פון אייער צייט; מיר האָבען אויסגעלערענט אייערע מדות, מנהגים, אייער לעבען און דענקען, און דעריבער געפינען מיר ניט קיין וואונדערליכעס ניט אין אייערע ווערטער, ניט אין אייערע מעשים; אין דער צייט אָבער וואָס אונזער האַנדלען און רעדען דאַרף אייך פאָרקומען ניי און פרעמד. דעריבער, העד וועסט, אויב איהר פיהלט, אַז איהר קאָנט זיך מיט דער צייט מיט אונז איינגעוואוינען, דאַרף אייך ניט וואונדערן, וואָס מיר האָבען אין אייך פון ערשטען מאָל אָן ניט געפינען קיין וואונדערליכעס.

— אין אייערע רעד איז דאָ אַ סך אמת, — האָב איך געזאָגט, — עס איז אַ סך לייבטער זיך אומצוקוקען אויף טויזענד יאָהר צוריק, איידער צו זעהן פאָראויס אפילו אויף פינפציג יאָהר, איך רעכען, אַז איך האָב געמוזט קענען עמיצען פון אייערע אורעלטערען, אויב זיי האָבען געוואָהנט אין באָסטאָן.

— דאַכט זיך, אַז זיי האָבען דאָרט געוואָהנט, נאָר איבער־ צייגט בין איך ניט, — האָט זי געענטפערט.

— איך האָב געהאַט זעהר פיעל בעקאַנטע, — האָב איך געזאָגט. — ווי אינטערעסאַנט עס וואָלט געוועזען, ווען איך וואָלט אייך געקאָנט איבערגעבען וואָס ניט איז וועגען זיי. נאָר דערצו מוז איך וויסען פון אייך, ווער עס זענען געוועזען אייערע אורעלטערען דעמאָלט אין באָסטאָן, בשעת איך האָב דאָרטען געלעבט. עס קאָן זיין, אַז איהר וועט זיך אַ מאָל דערמאָנען זייערע נעמען, בעט איך אייך, איהר זאָלט זיי מיר זאָגען.

זי איז גראַדע געוועזען בעשעפטיגט מיט אָבבייגען פון זיך אַ שטעכעדיג צווייגעל פון די בלומען און דעריבער האָט זי מיר גלייך ניט געענטפערט; אויסערדעם, זענען דערוויילע אונטער־ געקומען איהרע עלטערען, ווייל מען האָט געהאַלטען ביי׳ם געהן עסען פריהשטיק.

— אפשר וועל איך זיך דערמאָנען, — האָט זי ענדליך געזאָגט

נאָך פריהשטיק בין איך מיט'ן דאָקטאָר אַוועקגעגאַנגען אינ'ם צענטראַל-לאַגער פון די סחורות צו בעטראַכטען, ווי עס ווערט צעטהײלט די סחורה. אויפ'ן וועג האָב איך זיך אויסגערעדט פאַר'ן דאָקטאָר, אַז מיר איז אונאַנגענעהם, וואָס איך געפין זיך אַזוי לאַנג ביי איהם אין הויז, און אַז איך בין שוין בכּח זיך אַליין איינצואָרדנען ווי עס איז.

— פריהער פון אַלעם, — האָט דער דר. געזאָגט, — בעט איך אייך זיך ניט צו קימערן דעריבער, וואָס איהר זענט ביי מיר אין הויז אַזוי לאַנג. איהר זענט דאָך מיין גאַסט, און איך האָב גאָר בּדעה אייך נאָך לענגער צו פערהאַלטען ביי זיך. ווי קליין איהר האַלט זיך ביי זיך, דאַרפט איהר דאָך ניט פערגעסען, אַז אַזאַ מיטשפּרעכער, ווי איהר זענט, איז אַנ'אוצר, וועלכען מען דאַרף האַלטען טייער.

— עס וואָלט, נאַטירליך, געוועזען זעהר נאַריש פון מיין זייט, אויב איך וואָלט זיך וועלען אָבזאָגען פון אייער פריינדליכען פאָרשלאַג צו האָבען ביי אייך אויף אַ צייט קוואַרטיר. נאָר אַזוי ווי איך האָב בּדעה צו ווערען אַ שטענדיגער בירגער פון אייער שטאָדט, דאַרף איך אויסקלייבען עפּעס אַ בעשטימטע אַרבייט. אין 19-טען יאָהרהונדערט האָט קיינעם ניט געקימערט, אויב עמיצער איז אָהן אַ בעשעפטיגונג; יעדער האָט געזוכט זיין חיונה פאַר זיך; נאָר ביי היינטיגען טאָג — איז דאָס גאַנץ אַנדערש: יעדער מענש האָט זיך זיין בעשטימטע שטעלע אָדער בעשעפטיגונג, און איך געפין זיך אין זעהר אַ שלעכטער לאַגע. אויף וואָס פאַר אַנ'אופן איך קאָן בעקומען אַ מלאכה, ניט זייענדיג קיין געבוירענער בירגער — ווייס איך ניט. דאָס אייניציגע מיטעל איז — צו ווערען אַנ'עמיגראַנט פון עפּעס אַנ'אַנדער ל...ד.

דער דר. האָט מיך לאַכענדיג בערוהיגט, אַז ער וועט שוין אַליין זאָרגען מיר אויפצוזוכען וואָס ניט איז פאַר אַ מלאכה. אויסערדעם האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיט מיין געשיכטע האָט זיך פעראינטערעסירט די גאַנצע נאַציע. נאָר ווייל איך בין נאָך שוואַך געוועזען אויף די נערוועז, איז געוואָרען געשטימט, אַז איך זאָל זיין אַ שטיקעל צייט אונטער זיין אויפזיכט.

— אָבֶער מִיט וואָס קָאן אִיךְ זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען? — האָבּ אִיךְ עֶנדלִיךְ גֶעפְרֶעגט. — אִיךְ קָאן דאָךְ נִיט קֵיין מְלָאכָה און צוּ קֵיין זאַךְ האָבּ אִיךְ נִיט קֵיין בֶּעזוּנדֶערֶע פֶעהִיגקֵייט. חאָטש אִיךְ בִּין שטאַרק און וואָלט גֶעקאָנט זַיין אַ פּראָסטֶער אַרבֵּייטֶער, נאָר פוּן דֶער יוּגֶענד־אָן האָבּ אִיךְ נִיט פֶערדִינט אֲפִילוּ אַ דאָלאַר.

— ווען אֲפִילוּ דאָס וואָלט גֶעוועזֶען דֶער אֵיינצִיגֶער נוּצֶען, וואָס אִיהר קאָנט בּרֶענגֶען דֶער רֶעגִירוּנג, וואָלט זִי זִיךְ גֶערֶעכֶענט נִיט וועֲנִיגֶער פאַר אַ בְּכָבוֹד'ִיגֶע, ווִי אַנדֶערֶע מְלָאכוֹת. נאָר מִיר עֲרוואַרטֶען פוּן אַייךְ עֶטוואָס אַנדֶערֶעס; אִיהר קאָנט דאָךְ בֶּעסֶער פוּן אַלֶע אַנדֶערֶע הִיסטאָרִיקֶער אוּנז אִיבֶּערגֶעבֶּען יְדִיעוֹת, וואָס אָנבֶּעלאַנגט צוּ דֶער גֶעזֶעלשאַפטלִיכֶער אָרדנוּנג פוּנ'ם סוֹף נַיינצֶעהנטֶען יאָהרהוּנדֶערט; ווען אִיהר וועט זִיךְ גוּט בֶּעקֶענֶען מִיט אוּנזֶערֶע אַנשטאַלטֶען און וועט ווֶעלֶען בֶּעטרֶעטֶען דִי שטֶעלֶע פוּן אַ לֶעהרֶער פוּן גֶעשִׁיכטֶע אִין אֵיינֶעם פוּן אוּנזֶערֶע אוּנִיווֶערזִיטֶעטֶען, וועט זִי אָלֶע מאָל זַיין פאַר אַייךְ אָפֶען.

דִי יְדִיעָה האָט מִיךְ מִיט אַ מאָל בֶּערוּהִיגט. אִיךְ האָבּ אִיהם זֶעהר גֶעדאַנקט פאַר דֶעם פאָרשלאַג און אִיהם גֶעזאָגט, אַז אִיךְ ווֶעל עֶס אָננֶעהמֶען מִיט פֶערגֶעניגֶען, ווַייל גֶעשִׁיכטֶע, נִיט בֶּערִיהמֶענדִיג זִיךְ, האָבּ אִיךְ גֶעוואוּסט גרִינדלִיךְ.

---

## XVII.

מִיט מַיין בֶּעזוּכֶען דֶעם סְחוֹרָה־לאַגֶער בִּין אִיךְ גֶעווֶעזֶען זֶעהר צוּפרִידֶען, ווַייל אִיךְ האָבּ מִיר אוֹיף רִיכטִיג אִיבֶּערצַייגט, צוּ וואָס פאַר אַ הוֹיכֶער מַדְרֵגָה עֶס קאָן דֶערגרַייכֶען דִי אַרבֵּייט, ווען זִי אִיז גוּט און רִיכטִיג אָרגאַנִיזִירט. עֶס האָט מִיר אוֹיסגֶעווִיזֶען ווִי אַ אוּנגֶעהַייֶערֶע מִיהל, וואוּ עֶס ווֶערֶען שטֶענדִיג אַרַיינגֶעשאָטֶען גאַנצֶע וואַגאָנֶען סְחוֹרָה פוּן אַלֶע עֶקֶען ווֶעלט, כְּדֵי צוּ בֶּעקוּמֶען פוּן דֶער אַנדֶערֶער זַייט פאַרטִיגֶע פאַקֶעטֶען פוּנטִיגֶע אָדֶער האַלבּפוּנטִיגֶע, אַרשִׁינִיגֶע אָדֶער האַלבּאַרשִׁינִיגֶע, לוֹיט דֶעם גֶעבּרוֹיךְ פוּן דִי אַיינוואָהנֶער. דֶער דר. לִיט האָט מִיר אִין אַ פּראָסטֶער

רעכנונג געגעבען צו פערשטעהן, וויפיעל די רעגיערונג שפּאָרט־איין ביי אַזאַ סיסטעם. איצטער האָב איך שוין פערשטאַנען, פאַר וואָס מען קאָן ביי אַזאַ אָרדנונג אויסקומען אָהן געלד.

געהענדיג אהיים, האָב איך געבעטען, ער זאָל מיך אַ ביסעל מעהר בעקאַנט מאַכען מיט דער פּראָדוקציע פונ'ם לאַנד. חאָטש איך האָב שוין אַ ביסעל פערשטאַנען פון דעם דאָקטאָר'ס ערצעהלונגען, ווי עס ווערט ביי זיי צונויפגעשטעלט די אַרבייטער־אַרמעע, נאָר איך האָב נאָך אַלץ ניט געוואוסט, ווער עס איז דער הויפּט־אַנפיהרער און ווער עס פיהרט די אַרבייטס־פערטיילונג.

— ווי מיר שיינט, — האָב איך בעטערקט, — דאַרף אַזאַ מענש זיין זעהר אַ פעהיגער, און עס מוז אויף איהם ליעגען אַ גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט.

— אַ האָר אויך ניט, — האָט דער דר. געענטפערט; — פערקעהרט, אַזאַ שטעלע איז גראַדע ניט קיין שווערע, ווייל עס פיהרט זיך לויט אַזעלכע פּראָסטע און קלאָרע כּללים, אַז די מענשען, וואָס זיצען ־ערויף אין וואַשינגטאָן, זענען גאָר געוועהנליכע. די גאַנצע מאַשין איז טאַקי זעהר גרויס, אָבער איהר אַרבייט איז אַזוי לאָגיש און פּראָסט, אַז זי געהט כּמעט פון זיך אַליין, און נאָר אַ נאַרישער מענש קאָן איהר שטערען. אַזוי ווי איהר זענט דאָך שוין גאַנץ גוט בעקאַנט מיט דעם גאַנג פון דער אַרבייטס־פערטיילונג נאָך אונזער סיסטעם, וועל איך אייך ערקלערען ווייטער. חאָטש עס זענען אינ'ם 19־טען יאָהרהונדערט אויך געוועזען סטאַטיסטישע דאָקומענטען איבער דעם, וויפיעל דאָס פאָלק פערברויכט אין אַ יאָהר עסענוואַרג און אַנדערע סאָרטען סחורה, אָבער אויף ריכטיג האָט מען עס ניט געקאָנט וויסען, ווייל די פּראָדוקציע איז געליעגען אין פּריוואַטע הענד, און יעדערער האָט געאַרבייט פאַר זיך; איצטער ווייסט מען דאָס שוין גענוי און פּינקטליך. לויט די ידיעות ווערט געמאַכט אַ בערעכנונג פון די נויטיגע פּראָדוקטען אויף אַ יאָהר פאָראויס. ווען די בערעכנונג ווערט אָנגענומען פון דער הויפּט־פערוואַלטונג, האָט שוין דער פערטיילונגס־דעפּאַרטאַמענט מיט

איהר ניט צו טהון, ביז עס ווערען איהם ניט אריינגעשיקט גרייטע סחורות. איבריגענס, איז דאס נאר געדעט ביי די בערעכנונגען, וואס ווערען געמאכט אויף א יאהר; די. אבער, וואס ווערען געמאכט אויף א לענגערע צייט, מאכט מען נאר אויף די הויפט־געברויכליכע זאכען, אויף וועלכע די נאכפראגע איז אלע מאל גלייך. אויף די זאכען, וואס די מאדע בייט זיי גאנץ אפט איבער, קאן פאסירען, אז די בערעכנונגען זאלען געענדערט ווערען נאך דער נאכפראגע פון א וואך צייט.

דערביי דארפט איהר בעמערקען, אז די גאנצע אינדוסטריע איז איינגעטיילט אין צעהן גרויסע דעפארטאמענטען, פון וועלכע יעדערער ענטהאלט אין זיך א גרופע פון איין מין פראדוקציע, און יעדער פראדוקציע האט, ווידער, איהר קאנטאר פאר א פאר־שטעהער, וואס פיהרט דעם חשבון פון דער פראדוקציע און זוכט מיטלען, ווי זי צו פערגרעסערן. דער פערטיילונגס־דע־פארטאמענט שיקט פאנאנדער אלע זיינע קלענערע דעפארטאמענטען בערעכנונגען, און יענע, ווידער, געבען עס איבער אין די קאנטארען, וואס געפינען זיך אונטער זייער אויפזיכט, און זיי מאכען שוין די בעשטעלונגען. אט אויף די לעצטע ליעגט די פעראנטווארטליכקייט פאר די ארבייט; זיי געבען־אב חשבונות אין זייער אינדוסטריעלען דעפארטאמענט און אויך אין דער הויפט־פערוואלטונג. אויסער דעם ווערען די סחורות קאנטראלירט דורך דעם פערטיילונגס־דעפארטאמענט, כדי מען זאל קאנען, אים פאל אויב די זאכען ווייזען זיך ארויס ביי דעם געברויכער אין די הענד ניט קיין גוטע, צו יעדער צייט געפינען, נאך דער אויבענדערמאנטער ארדנונג, דעם שולדיגען. פון דעסטוועגען זאלט איהר ניט מיינען, אז די גאנצע ארבייטס־קראפט ווערט פערברויכט אויף אויסארבייטען פראדוקטען. דערויף איז בעשטימט נאר א געוויסער טייל פון איהר; די איבריגע בעשעפטיגען זיך מיט בויען קהל׳שע הייזער, מאכען מאשינען א. ז. וו.

— ווי באלד די פריוואטע אינדוסטריע איז שוין מעהר ניטא, ווי אזוי קאן מען זיכער זיין, אז ביי דער פראדוקציע וועט דער מיעוט אויך בעקומען די זאכען, וואס ער פערלאנגט? —

האָב איך געפרעגט; — עס קאָן דאָך יעדע מינוט טרעפען, אַז די מינדערהייט זאָל ניט בעפריעדיגט ווערען דערפאַר גופא, וואָס ביי אייך איז די נאָכפראַגע פון דער מעהרהייט וויכטיגער, ניט אֶמֶת?

— איהר האָט אַ טעות, — האָט מיר דער דר. גע־ענטפערט; — אין אַ לאַנד פון גלייכהייט און פרייהייט קאָן אַזעלכעס ניט פּאַסירען. אונזערע בעאַמטע געהען־אריין אין די לאַגע פון פאָלק. ניט קוקענדיג, וואָס אויף איינינגע סְחורות איז די נאָכפראַגע אַ קליינע, ווערט פון דעסטוועגען זייער פּראָדוקציע ניט אָבגעשטעלט. אויב עס ווערט אַ נאָכפראַגע אויף אַזאַ אַרטיקעל, וואָס מען האָט עס נאָך ביז איצטער ניט געמאַכט, און די רעגירונג איז ניט פערזיכערט אין דער ריכטיגקייט פון דער נאָכפראַגע, גיט דאָס פאָלק איהר איבער אַנ'אויפטראַג, אין וועלכען עס איז ערב פאַר אַ בעשטימטע צאָהל סְחורה; אויף אַזאַנ'אופן איז שוין די רעגירונג פערזיכערט און זי נעהמט זיך גאַנץ דרייסט דעם אַרטיקעל אויסצואַרבייטען. אַ רעגירונג אָדער אַ מערהייט מענשען, וואָס וואָלטען אויף זיך נעהמען אָנצווייזען דעם פאָלק אָדער דער מינדערהייט (מְעוּט), וואָס די לעצטע זאָלען עסען, טרינקען און ווי זיך צו קליידען, ווי דאָס איז געוועזען אין אַמעריקאַ פון אייער צייט, וואָלט ביי אונז אויסגעזעהען ווי אַ זעלטענער אַנאַכראָניזם *). ווי עס ווייזט־אויס, האָט איהר געמוזט האָבען עפּעס אורזאַכען צו ליידען אַזעלכע אונטערדריקונגען בְנוגֵעַ צו דער פּערזענליכער פרייהייט, נאָר מיר האַלטען עס פאַר אונערטרעגליך. מיך פרעהט טאַקי זעהר, וואָס איהר האָט אָנגעהויבען וועגען דעם צו רעדען, ווייל דאָס האָט מיר געגעבען די געלעגענהייט אייך אָנצווייזען, אויף וויפיעל עס איז ריכטיגער און בעסער די אויפזיכט, וואָס ווערט איצטער געמאַכט איבער דער פּראָדוקציע פון יעדען איינציגען בירגער, איידער ווי עס איז געוועזען אין אייער צייט, בְּעֵת עס האָט געהערשט די פּריוואַטע אַנפיהרונג, אָדער ריכטיגער — די אַנפיהרונג פון די קאַפּיטאַליסטען.

---

*) אַ ערשיינונג, וואָס שטימט נישט מיט דער צייט, אין וועלכער זי קומט־פאָר.

נאָכדעם האָט מיר דער דר. ערקלערט, אויף וואָס פאַר אַנ׳אופן עס ווערען אין זייער לאַנד, וואו עס עקזיסטירט ניט קיין קאָנקורענץ צווישען פערקויפער אָדער קויפער, רעגולירט די מקחים אויף די קאָסטבאַרע אַרטיקלען.

— די מקחים אויף אַ בעשטימטען אַרטיקעל ווערען איצטער אויך אַזוי, ווי אין אייער צייט, אָבגעשטימט נאָכ׳ן ערך פון דער אַרבייטס־קראַפט, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אויף זיי אויסצואַרבייטען. אין אייער צייט האָבען זיך די קאָסטען געווענדט אָן דעם אַרבייטסלוין, וואָס איז געוועזען פערשידען; איצטער ווענדען זיך די מקחים אָן די צאָהל אַרבייטס־שטונדען אין יעדער מלאכה, ווייל די שכירות בעקומען דאָך אַלע אַרבייטער גלייך. דער פּרייז פון דער אַרבייטס־קראַפט העננגט־אָב פון דער שווערקייט, וואָס עס פאָדערט זיך צו פערפערטיגען דעם אָדער יענעם אַרטיקעל. אַנדערש געזאָגט, וואָס די אַרבייט איז שווערער, אַלץ ווענינגער אַרבייטס־שטונדען אין טאָג ווערען פערברויכט אויף דעם אַרטיקעל. אַלזאָ צו׳ם סוף קומט אַרויס, אַז דער פּרייז פון דער אַרבייטס־קראַפט איז אויך אַזוי גלייך, ווי ביי אייער סיסטעם, ווען מען האָט פאַר גרעסערע האָרעוואַניע געצאָהלט אַ העכערן לוין. אָט נאָך דעם חשבון ווערט אָבגעשטימט אין דער יעצטיגער צייט דער רעלאַטיווער פּרייז, ד. ה. דער ווערט פון דעם אַרטיקעל געגען אַנדערע אַרטיקלען. אויסערדעם, ווענדט זיך אַמאָל דער מקח פון אייניגע אַרטיקלען אָן די זעלטענהייט פון דעם מאַטעריאַל גופא. נאָר דאָס אַלעס איז ביי ניט וויכטיגע זאַכען. יענע אָבער, וואָס זענען די ערשטע נויטווענדיגע געברויכ׳ס־אַרטיקלען, ווערען שטענדיג פערפערטיגט מעהר וויפיעל מען דאַרף, טאָמער טרעפט, אַז די נאָכפראַגע איז אַ סך גרעסער פון דער צאָהל סחורה, וואָס קומט איבערהויפּט אַריין, — אַפילו אי׳ם פאַל פון ניט קיין געראָטענעם יאָהר. די מקחים אויף אַזעלכע אַרטיקלען ווערען כמעט קיין מאָל ניט העכער, פערקערט, זיי ווערען אַלץ קלענער; צו דער קאַטעגאָריע געהערען צ. ב. ש. פרישע פיש און מילך־פּראָדוקטען; נאָר עס זענען פאַראַן אַזעלכע אויך, וואָס בעפריעדיגען קיינמאָל ניט אינגאַנצען די נאָכפראַגע אויף זיי —

דאָס זענען די קונסט־ווערק און זעלטענע מאַטעריאַלען. אין לעצטען פאַל ווערט געהעכערט דער פּרייז אויף אַ קורצע צייט, אויב דער מאַנגעל איז אַ צופעליגער, אָדער עס ווערט איבערהויפּט געהעכערט, אויב ער איז אַ שטענדיגער. אין דער יעצטיגער צייט, ווען אַלע זענען גלייך פערמעגליך, ווייזען די הויכע פרייזען נאָר דאָס, אַז די זאַכען זענען נישט לויט דעם געשמאַק פון דער מעהרהייט. ווערהענד אין אייערע צייטען האָבען די גרויסע מְקָחִים בעטייט, אַז נאָר די רייכע האָבען זיך געקאָנט ערלויבען צו בעקומען אַזעלכע טייערע אַרטיקלען. די נאַציע ווערט אויך נאַטירליך בעלעסטיגט, ווי אַ קויפמאַן פון אייער צייט, מיט די פערבליבענע רעשטלעך, וואָר קומט־אַרויס פון די ענדערונגען אין דער מאָדע, אָדער איבער די פערשידענע סעזאָנען א. ז. וו., און דעריבער מוזען זיי אויך פערקויפט ווערען אויף הֶיזֵק; נאָר דאָס רוב, אַ דאַנק דער גרויסער צאָהל פערברויכער, קומט עס אַרויס אָהן אַ גרויסען הֶיזֵק. ווי איהר זעהט, איז אונזער פּראָדוקציאָנס־און פערטיילונגס־סיסטעם ניט אַזוי פערפּלאָנטערט, ווי עס האָט אייך אויסגעזעהען פון ערשטען מאָל.

עס פערשטעהט זיך, אַז איך האָב געמוזט איינשטימען.

— איהר דאַרפט נאָכגעבען, — האָט דער דר. וויטער געזאָגט, — אַז אין אייער צייט, בְּעֵת איין איינציגער מענש האָט געפיהרט דאָס רעדעל פון אַ געשעפט, — איז איהם געווען אַ סך שווערער שטענדיג נאָכצופאָרשען נאָך די ענדערונגען אויפ'ן מאַרק, די באַנקראָטען פון די בַּעֲלֵי־חובות, א. ז. וו., איידער איצטער, ווען אַ גאַנצע גרופּע מענשען אין וואַשינגטאָן רעגירט מיט דער אינדוסטריע פון'ם גאַנצען פאָלק. דאָס ברענגט אונז אַלץ צו'ם בעשלוס, אַז עס איז לייכטער צו פיהרען אַ געשעפט אויף אַ ריכטיגען אופן, ווי אויף אַ פאַלשען, אָדער אַנדערש גערעדט, עס איז לייכטער פאַר אַ גענעראַל צו קאָמאַנדירען איבער אַ מיליאָנען־אַרמעע פון דער הויך פון אַ לופטבאַלאָן, ווי פאַר אַנ'אָפיציער מיט אַ הייפעל סאָלדאַטען אין אַ געדיכטען וואַלד.

— דער גענעראַל פון אַזאַ אונצעהליגע אַרמעע, — האָב איך געזאָגט, — מוז אַוַדאי שטעהן העכער פאַר'ן פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַטען אַליין?

— אַט דער גענעראַל איז טאַקי דער פּרעזידענט גופא. ער איז די וויכטיגסטע פּערזאָן אין לאַנד, ווייל ער איז דער שעף (נאַטשאַלניק) פון דער גאַנצער אַרבייטער־אַרמעע; אויסגעקליבען ווערט ער פון דער אַרמעע גופא. כּדי איהר זאָלט עס בעסער פערשטעהן, דאַרפט איהר, ליעבער הער, געדענקען מיין פריהערדיגעס געשפּרעך מיט אייך וועגען די איינאָרדנונג פון אונזער אינדוסטריעלער אַרמעע. אַ דאַנק זייערע פעהיגקייטען און גוטער אַרבייט, דערגרייכען זיינע מיטגליעדער, דורכגעהענדיג די דריי ניעדריגע מדרגות, צו דער ערשטער אָפּיציער־שטעלע; נאָכדעם ווערען זיי קאַפּיטאַנען, פּאָלקאָווניקעס, וואָס איז גלייך מיט דעם נאָמען פון העכערע פּאָפּעטשיטעלעס. אָבדיענענדיג אַ היבשע צייט אין איינער פון די גרויסע אינדוסטריע־אָבטהיילונגען, בעקומען זיי דעם טיטעל צעה־גענעראַל, וועלכער פיהרט אַ בע־שטימטע אינדוסטריע־אָבטהיילונג. זיי זענען אויך די פיהרער פון יענעם נאַציאָנאַל־ביורא, וואָס דיענט אַלס פאָרשטעהער פון זייער אינדוסטריעלען פאַך, און אויף זיי ליעגט די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם ביוראָ'ס טהעטיגקייט. די שטעלע, וואָס יעדער צעה־גענעראַל פערנעהמט, איז זעהר אַ בכבוד'יגע, ווייל דאָס איז גלייך, ווי איידער אַ גענעראַל־מאַיאָר; נאָר נאָך העכער פון איהם שטעהען די בעאַמטע פון די צעהן הויפּט־דעפּאַרטאַמענטען, וועלכע מען קאָן פערגלייכען מיט אייערע קאָרפּוס־קאָמאַנדירען, אָדער גענעראַל פון אינפאַנטעריע, גענעראַל פון קאַוואַלעריע א. ז. וו., ווייל זיי האָבען אונטער זיך אַנ'ערך פון 10 ביז 12 גענעראַלען פון איינצעלנע צעכען. דער בית־דין (ראַטה) בעשטעהט פון די זעלבע גרויסע גענעראַלען, און דער אַב־בית־דין איז דער פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַטען אַליין.

יעצט וועלען מיר איבערגעהן דערצו, ווי עס ווערט ביי אונז אַ הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרבייטער־אַרמעע: דערצו מוז אַ מענש דורכגעהן אַלע מדרגות פון דעם פּראָסטען אַרבייטער אָן; נאָר אויב איהר געדענקט, דערגרייכט ביי אונז אַ בירגער ביז דער העכסטער מדרגה נאָר ביי גוטע מיינונגען וועגען איהם, אַלס וועגען אַנ'אַרבייטער. אויף אַזאַנ'אופן, דורכגעהענדיג

אלע מדרגות פון א פראסטען סאלדאט, ווערט ער קאנדידאט אויף די שטעלע פון א לייטענאנט. נאכהער ווערט ער פאל־קאווניק. דערביי קאן יעדער צעך־גענעראל בעשטימען איינעם נאר אויף א שטעלע אדער אויף א העכערע מדרגה, וואס איז קלענער פון זיינער. ער אליין ווערט אויסגעקליבען דורך שטימען.

— אזא סיסטעם אבער קאן דאך געבען די געלעגענהייט צו אינטריגעס, — האב איך בעמערקט; — מען קאן דאך קומען אונטערצוקויפען די ארבייטער.

— פערגעסט אבער ניט, אז אין דעם פאל ווערט עס געשטימט דורך די עהרענמיטגליעדער פונ'ם צעך, ד. ה. דורך די, וואס האבען אויסגעדיענט א בעשטימטע צייט אין צעך און זענען נאכהער בעפרייט געווארען; און ביי אונז, ווי איהר ווייסט שוין, בעקומט מען עס, ווען מען ווערט 45 יאהר אלט, בעת יעדער בירגער טרעט־ארויס פון דער ארבייטער־ארמעע און גיט זיך אב צו אנ'אנדער ארבייט אדער צו פערגעניגען. נאר אפילו נאך דער בעפרייאונג פון דעם ריכטיגען דיענסט, הערען מיר ניט אויף פון דעסט וועגען ביז'ן סוף לעבען צו היטען דעם בונד מיט די צעכען, אין וועלכער מיר האבען געדיענט. עס בלייבען ביי אונז די טיטלען פון עהרענמיטגליעדער, און מיר געבען אכטונג, די צעכען זאלען בליהען. אלם מיטעלפונקט פאר אונזער פערקעהר צווישען זיך דיענען די קלובען, וואו מיר רעדען שטענדיג מכח די צעכישע אנגעלעגענהייטען. ממילא זענען שוין די יונגע קאנדידאטען אויף די צעך־פערוואלטונג, וואס האבען געקראגען א סמיכות פון גרעסערע מבינים, גוט פארבעריים צו זייער ארבייט.

אנערקענענדיג דעם דאזיגען פאקט, פערטרויט דאס פאלק די עהרענמיטגליעדער פון יעדען צעך אויסצוקלייבען א גענעראל, און איך קאן אייך פערזיכערן, דאס אזא וואהל־סיסטעם איז בעסער פון אלע פריהערדיגע סיסטעמען, ווייל די אויבערמאנטע צאהל פון אויסקלייבער איז אין דעם גאנץ אונפארטייאיש, און דא הערשען ניט קיין פערזענליכע פניות. יעדער פון די צעכען דעפארטאמענטס־שעפען (נאטשאלניקעס) ווערען, ווידער,

אויסגעקליבען פון צווישען די אַלע צעך־גענעראַלען דורך די שטימען פון די עהרענמיטגליעדער פון צעך. יעדער צעך בעמיהט זיך, נאַטירליך, צו שטיצען ביי די וואַהלען זיין שעף, נאָר ניט איין צעך האָט די נויטיגע צאָהל שטימען אויף אויסצוקלייבען א מענשען, וואָס האָט ניט בעקומען קיין הילף אין דער מעהרהייט פון אנדערע צעכען.

— ווי קלייבט מען ביי איך אויס א פרעזידענט? — האָב איך געפרעגט.

דער דר. ליט האָט מיר ערקלערט, אַז ער ווערט אויס־געקליבען פון צווישען די צעהן דעפּאַרטאַמענטס־שעפען, ערשט נאָכדעם, אַז ער איז שוין איינינע יאָהר פריי פון דיענסט; אויף די שטעלע ווערען געוועהנליך אויסגעקליבען אַזעלכע מענשען, וואָס זענען שוין 45 יאָהר אַלט. די צווישענצייט ביז זיין קאַנ־דידאַטור אויף די פרעזידענטשאַפט איז בעשטימט דערויף, ער זאָל זיך צוריק איינגעוואוינען מיט׳ן געדאַנק, אַז ער געהערט שוין ווידער צו דער אַלגעמיינער מאַסע פון פאָלק, מיט וועלכען ער דאַרף האָבען מעהר פערבינדונגען, אַלס מיט דער אַרבייטער־אַרמעע. אונטער דער צייט בעקענט ער זיך מיט דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון דער אַרמעע, אָנשטאָט די פריהעריגע איינצעלנע גרופּען, — די צעכען, וואו ער איז געוועזען דער אַנפיהרער. אין דעם אויסקלייבען א פרעזידענט פון צווישען די דעפּאַרטאַמענטס־שעפען נעהמען אַנטייל אַלע בירגער, וואָס געהערען נאָר ניט צו דער אַרבייטער־אַרמעע.

— דאַרף דען די אַרמעע ביי׳ם פרעזידענטען־וואַהל ניט מיטשטימען?

— געוויס ניט! דאָס וואָלט נעפעהרליך זיין פאַר די דיסציפּלין, וואָס דער פרעזידענט, אַלס פאָרשטעהער פון דער גאַנצער נאַציע, איז בעשטימט געוואָרען זי אויפצופאַסען. איהם העלפט די אינספּעקציע, וואָס איז איינע פון די וויכטיגסטע דעפּאַרטאַמענטען אין אונזער סיסטעם. אין די לעצטע קומען אריין אַלע אָנקלאָגען. אויב די סחורה איז ניט גוט, אויב די בעאַמטע בענעהען זיך גראָב אָדער זיי זענען אונפעהיג אין דעם

געזעלשאפטליכען דיענסט ; דערביי קוקט די אינספעקציע שטרענג אויף די ארבייט פון יעדען צעך אין דער ארמעע און בעמערקט אלע טעותים פריהער, ווי עס דערוויזען דאס אנדערע ; רעדענדיג פינקטליכער, הייסט דאס, אז זי בעוואהרענט, עס זאל גאר צו קיין אנקלאגען ניט קומען. דער פרעזידענט, וואס האט אבגעדיענט 5 יאהר, גיט־אב א חשבון פון זיין טהעטיגקייט דער נאציאנאלער פערזאמלונג, וועלבע זאגט־ארוים איהר מיינונג צו'ם גוטען אדער צו'ם שלעכטען ; אין ערשטען פאל בעשטימט מען איהם געוועהנליך ווייטער אויף 5 יאהר צו זיין דער פארשטעהער פון דער נאציע אינ'ם אינטערנאציאנאלען בית־דין. אויף דעם זעלבען קאנגרעס ווערען אויך איבערגעקוקט אלע בעריכטען פון די דעפארטאמענטס־שעפען, וואס האבען געענדיגט דעם דיענסט, און אויב איינער פון זיי בעקומט ניט קיין שבח, האט ער שוין קיין רעכט ניט צו ווערען אויסגעקליבען פאר א פרעזידענט. איבריגענס, טרעפט זעהר זעלטען, אז דאס פאלק זאל ניט שעצען זיין פון זיינע הויכע בעאמטע. דאס הענגט אב פון דעם פאקט גופא, וואס זיי זענען דורכגעגאנגען אלע מדרגות פון דיענסט, און דעריבער זענען זיי געוועהנליך ווערט געוועזען די שטעלע נאך זייערע פעהיגקייטען. אגב, קאן שוין קיין רעד ניט זיין וועגען שחד (אונטערקויפען), ווי באלד ביי אונז איז ניטא קיין רייכע און ארעמע ; אויך א דאנק אונזער סיסטעם פון דער הערערונג אין ראנגען זענען שוין ממילא ניט מעגליך קיינע אמטליכע אינטריגעם.

— האבען ביי אייך דאס רעכט אויך אזעלכע מענשען, ווי קינסטלער און ליטעראטען, אויסגעקליבען צו ווערען פאר א פרעזידענט ? אויב יא, אויף וואס פאר אנ'אופן קאן מען זיי צו־גלייכען אין די ראנגען מיט די, וואס געהערען אין דער אמת'ן צו דער ארבייטער־ארמעע ?

— מען קאן זיי טאקי ניט צוגלייכען צו די לעצטע. ביי אונז געהערען ניט צו דער ארבייטער־ארמעע קיינע מיטגליעדער פון דער אינטעליגענץ, ווי דאקטוירים, לעהרער, קינסטלער און ליטעראטען. זיי האבען נאר דאס רעכט צו געבען א שטימע ביי'ם

אויפקלייבען א פרעזידענט, אבער זיי אליין קאנען ניט ווערען אויסגעקליבען אויף די שטעלע, דערפאר וואס א פרעזידענט מוז אונבעדינגט דורכגעהן אלע דיענסט־מדרגות אין דער ארמעע.

— דאס איז גאנץ גוט, — האב איך בעמערקט, — נאר אויב די דאקטוירים, לעהרער, קינסטלער און ליטעראטען זענען ניט קיין מופלגים אין דער אינדוסטריע און דעריבער קאנען זיי ניט ווערן פרעזידענטען, קאן זיך אבער, פון דער אנדערער זייט, טרעפען, אז דער פרעזידענט גופא, מיט זיינע קענטעניסען צוזאמען איז ניט פעהיג צו קאנטראלירען די דאזיגע דעפארטאמענטען. בין איך ניט גערעכט?

— איהר האט רעכט, — האט דער דר. געענטפערט, — נאר דאס קומט איהם אבער ניט אויס צו מאכען. ער האט ניט קיין גלייכע פערבינדונג מיט דער מעדיצין־און ערציהונגס־פערוואלטונג, ווייל ער פערשטעהט עס ניט. דערויף זענען דא די פראפעסארען, נאר דער פרעזידענט איז דארטען דער פארזיצענדער און ער דארף נאר אכטונג געבען, מען זאל היטען די געזעצען אין אלע פאלען; די דאזיגע דעפארטאמענטען ווערען געפיהרט דורך זייערע עלטסטע, וואס זענען, נאטירליך, פעראנטווארטליך פאר'ן קאנגרעס און ווערען אויסגעקליבען דורך די עהרענמיטגליעדער פון די לעהרער און דאקטוירים, וואס זענען שוין פריי פון דיענסט.

— א ביסעל נאך אזא סיסטעם האט זיך ביי אונז געפיהרט די פערוואלטונג איבער די אוניווערזיטעטען, — האב איך בעמערקט.

— דאס איז פאר אונז גאר א נייע אידעע, — האט דער דר. לעבעדיג אויסגעשריגען; — און איהר מוזט אונז אויספיהרליך דערצעהלען, אויף וואס פאר א'אופן דאס סיסטעם האט זיך געפיהרט אין אייערע שולען.

— צו'ם בעדויערן, האט די דאזיגע אידעע ביי אונז נאר אנגעהויבען זיך צו ענטוויקלען און איז שוין אזוי פערבליבען נישט פערענדיגט.

## XVIII

נאָכדעם אַז די דאַמען זענען אוועקגעגאַנגען, האָב איך נאָך אַ שטיקעל צײַט געשמועסט מיט'ן דאָקטאָר איבער דער פּראַקטיק פון זײַער אײַנריכטונג, וואָס זײַ בעפרײַען פון דינסט די מענשען, וואָס האָבען דערגרײַכט צו אַ געוויסען עלטער.

— פאַר וואָס. — האָב איך געפרעגט, — ווערען דאָס אין אײַער צײַט דערוואַרטעט פון דער אַרבײַט אַזעלכע מענשען, וואָס זענען נאָך פעהיג צו נוצען דער געזעלשאַפט? דאָס מוז זײַן פאַר זײַ אַ בעלעדיגונג!

— זעהר מאָדנע מײַנונגען בײַ אײַך, — האָט מיר דער דר. שמײַכלענדיג געענטפערט; — איהר קוקט, נאַטירליך, דערויף מיט די אויגען פונ'ם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט. איהר דאַרפט וויסען, אַז אונזער פיזישע אַרבײַט, וואָס יעדער פון אונז איז מחויב צו טראָגען, כּדי צו פערזיכערן דעם מאַטעריעלען וואוילשטאַנד פון דעם גאַנצען פאָלק, רעכענט זיך ניט פאַר דעם עיקר, אָדער אויב איהר ווילט, פאַר די וויכטיגסטע אָנווענדונג פון אונזערע קרעפטען. מיר בעטראַכטען דאָס נאָר ווי אַ מין נויטוועגדיגען חוב, נאָך וועלכען מיר קומען צו דער אָנווענדונג פון אונזערע אינטעלעקטועלע (גײַסטיגע) קרעפטען צו העכערע ציעלען, מיט איין וואָרט, עס עפענט זיך פאַר'ן בירגער, אויסער דער פיזישער אַרבײַט, אַ ברײַטערע טהעטיגקײַט, ווי צ. ב. ש. זיך צו בעשעפטיגען מיט דער וויסענשאַפט, ליטעראַטור און קונסט; נאָר ניט אַלע, נאַטירליך, בעשעפטיגען זיך דערמיט. דאָס רוב בענוצען דעם צווײַטען לעבענס-פעריאָד אויף נסיעות, פערברענגען מיט פרײַנד און אַרבײַטס-חברים, אום הנאה צו האָבען פון לעבען. אָבער ניט קוקענדיג אויף די פערשידענהײַט פון יעדענס געשמאַק, וואַרטען מיר אַלע בײַז'ן לעצטען מיט אונגעדולד אויף די צײַט, ווען מיר וועלען האָבען דאָס רעכט פאָלשטענדיג צו געניעסען פון לעבען, אַנדערש גערעדט, ווען מיר וועלען אויף אַנ'אמת'ן ווערן פוליעהריג און וועלען זיך בעפרײַען פון אונטער דער אויפזיכט; און דער-דאָזיגער געבענשטער פעריאָד הויבט

זיך אָן פון דעם 45־טען יאָהר. אָט דאָ הויבט זיך אָן אונזער צווייטע יוגענד, און זי איז די בעסטע, גליקליכסטע צייט פון אונזער לעבען. אזוי ווי אין דער היינטיגער צייט זענען די לעבענס־בעדינגונגען אַ סך בעסער געוואָרען, די דאגת־חיונה איז שוין מעהר ניטאָ, זענען די מענשען צו 45 יאָהר סיי קערפּערליך, סיי גייסטיג אַ סך יונגער, ווי אין אַייער צייט די מענשען, וואָס זענען דרייסיג יאָהר אַלט. צו פינף און פערציג יאָהר טרעטען מיר אַריין אין די גליקליכסטע צייט פון לעבען, בעת ביי אייך איז דאָס געוועזען נאָהענט צו דער עלטער.

---

XIX.

איינמאָל נאָכמיטאָג, ווען די דאַמען זענען פון אונז אַוועק־געגאַנגען, האָב איך ווידער געהאַט אַ געשפּרעך מיט'ן דאָקטאָר איבער פערשידענע אינטערעסאַנטע פראַגען. אין איין וועגב האָב איך דעם דר. ערקלערט, אויף וויפיעל מיר געפעלט די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג פון זיין לאַנד.

— נאָר איך מוז אייך זאָגען, — האָב איך ווייטער גערעדט, — אַז חאָטש מיינע פריינד פון'ס נייַנצעהנטען יאָהר־הונדערט (ווען איך וואָלט זיך נאָר ווידער געקאָנט זעהן מיט זיי) וואָלטען מיט מיר איינגעשטימט, אַז אייער וועלט איז אַ מוסטער פון אָרדנונג, גערעכטיגקייט און גליק, פון דעסטוועגען וואָלטען זיי, אַלס פּראַקטישע מענשען, אָנגעהויבען אויסצורעכנען אין פינאַנזער־צופרעגען, אויף וואָס פאַר אַן'אופן איהר האָט בעקומען אַזוי פיעל געלד, אום אַלעמען צו בעזאָרגען אפילו מיט לוקסוס און אַלע מיני תענוגים. איך וואָלט זיי, נאַטירליך, געקאָנט ערקלערען די הויפּט־איינריכטונגען פון אייער סיסטעם, נאָר אויף די פראַגע וואָלט איך ניט געקאָנט ענטפערן ווי מ'דאַרף, און דעריבער וואָלטען זיי מיר גאָר ניט גלויבען אויך. אין מיין צייט האָט יעדער מענש געברויכט אויף זיינע נויטיגסטע בעדערפעניסען פון 300 ביז 400 דאָלאַר אַ יאָהר. פון וואַנען בעקומט איהר אַזוי פיעל?

— דאָס איז אַ גאַנץ פּערשטענדליכע פראַגע, האָט דער דר. געענטפערט. — נאָר אום דאָס צו ערקלערען, וועל איך מוזען מיט אייך אָנפאַנגען פון קלענערע אַרטיקלען, פון וועלכע מיר שפּאָרען אָבער זעהר פיעל איין. פריהער פון אַלעם האָבען מיר ניט קיין רייכס, פּראָווינציאַל- און שטאָדט-שולדען, פאַר וועלכע מיר זאָלען דאַרפען צאָהלען פּראָצענטען. מיר האָבען ניט קיין הוצאות אויף אַנ'אַרמעע און פלאָט, ווייל דאָס עקזיסטירט איבערהויפּט ניט ביי אונז. מיר האָבען נישט קיינע אָבצאָהלונגען און דעריבער נויטיגען מיר זיך ניט אין דער גאַנצער הֶבְרָה צ״ל-בעאַמטע. ריכטער און פּאָליציסטען איז ביי אונז פאַרהאַן גאָר וועניג, ווייל עס איז ביי אונז מעהר ניטאָ קיין בעזונדערער קלאַס פערברעכער, וואָס זאָלען בערויבען פרעמד גוטס, ווי עס איז געוועזען אין ניינצעהנטען יאָהרהונדערט. אויסערדעם, איבער די דערלייכטערונג אין די לעבענס-תּנאים, האָט זיך פערמינערט די צאָהל פון די קראַנקע, שוואַכע, קאַליקעס, וואָס זענען געוועזען אין אייער צייט אַ גרויסע משׂא פאַר די געזונדע. ווייטער, דערפון, וואָס מיר האָבען אויסקאַסירט דאָס געלד און די טויזענדער שטעלען, וואו מ'האָט צו טהון געהאַט מיט די פינאַנס-אָפּעראַציעס פון אַלע מיני געשעפטען — איז אויך אַרונטער ניט קיין קליינע אויסגאַבע פון דער רעגירונג. דאַן פערגעסט ניט, אַז די פערשווענדונג, וואָס ביי אייך איז געוועזען אויף פערזענליכע לוקסוס, איז שוין איצטער מעהר ניטאָ, ווייל דאָס לעבען איז פאַר אַלעמען בעקוועמליך; אַז איצטער זענען שוין מעהר ניטאָ קיין לעדיגגעהער, — ניט קיין רייכע, ניט קיין אָרעמע — און קיין פוילע.

זעהר אַ וויכטיגע אורזאַך פון דער אָרעמקייט פונ'ם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט איז געוועזען די אונגעהייערע פערשווענדינג פון אַרבייט און מאַטעריאַל: אויף היימישע וועש-וואַשען, קאָכען עסען און נאָך אַזעלכע ווירטשאַפטליכע אַרבייט, מיט וואָס יעדער האָט זיך בעשעפטיגט בעזונדער; איצטער ווערט עס אָבער געמאַכט נאָכ'ן סיסטעם פון אַ געזעלשאַפט. נאָר די גרעסטע פון אַלע איינשפּאָרעכטס צוזאַמען בעקומען מיר דורך די אָרגאַניזאַציע פון אונזער פּראָדוקטען-פערטיילונג, וואָס פריהער איז דאָס

געמאַכט געוואָרען דורך די אונצעהליגע קליינע און גרויסע סוחרים, ספעקולער, אגענטען, רייזענדער א. ז. וו.; דערביי פלעגט די סחורה דורכגעהן פון האַנד צו האַנד, פון קראָם צו קראָם, און דאָס אַלעס האָט, נאַטירליך, געפאָדערט איבריג געלד, אַרביים און ענערגיע, אין דער צייט, וואָס איצטער ווערט אַלסדינג געמאַכט מיט וועניגער אַרבייט און אויסגאַבען. אונזערע סטאַטיסטיקער בערעכנען, אז אַן אַכטציגסטער טייל פון אַלע אַרבייטער איז גאַנץ גענוג אויף די פראָדוקטען־פערטיילונג, און אין אַייער צייט האָט דאָס געפאָדערט איין אַכטעל פון דער גאַנצער בעפעלקערונג. מען דאַרף נאָך דערצו בעמערקען, אַז די אַלע אויסגערעכענטע איינשפּאָרעכטסען פערגרעסערען נאָר אויף אַ העלפט די יעהרליכע הכנסות, וואָס האָבען עקזיסטירט אין אַייער צייט; דעריבער זענען נאָך די דאָזיגע אַרטיקלען אַ טראָפּען אויך ניט געגען אַנדערע גרויסע היזקות, וואָס זענען דעמאָלט אַרויסגעקומען צוליעב דעם, וואָס מ'האָט אָבגעגעבען די גאַנצע נאַציאָנאַלע אינדוסטריע אין פּריוואַטע הענד. וואָס פאַר אַ שפּאָרזאַמקייט אויף די געברויכס־פּראָדוקטען און וואָס פאַר אַ פאָרטשריט אין די מעכאַנישע ערפינדונגען עס זאָלען געווען זיין, וואָלט איהר דאָך בשום אופן ניט געקאָנט פּטור ווערען פון דער אָרעמקייט, כל זמן איהר וואָלט זיך געהאַלטען ביי אַזאַ סיסטעם. דאָס סיסטעם איז געווען דאָס שעדליכסטע פאַר די אויסנוצונג פון דער מענשליכער אַרבייטס־קראַפט. נאָר צו דער עהרע פון מענשען דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז דאָס סיסטעם איז איבערהויפּט ניט ערפונדען געוואָרען, דאָס איז נאָר אַ רעשט פון די גראָבע, האַלב־ווילדע צייטען, ווען דער מאַנגעל אין אַ פעסטער געזעלשאַפטס־אָרדנונג האָט געמאַכט פאַר אונמעגליך יעדע אַרט פערבינדונג.

— איך געב־נאָך, אַז אונזער אינדוסטריע־סיסטעם איז געווען זעהר שלעכט פון דעם מאָראַלישען שטאַנדפּונקט, נאָר אַלס אַ מיטעל רייך צו ווערען האָט עס אונז אויסגעוויזען אויס־געצייכענט, — האָב איך בעמערקט.

— ערלויבט מיר אין קורצען צו בעריהרען די אַלע הויפּט־

טֶעֲנות, וואָס אונזערֶע אִינדוסטריִע־טהוּעֶר שטעלֶען־אַרוים גענֶגֶן אַייעֶר סִיסטעֶם. בְּעֵת די אִינדוסטריִע אִיז אִין די הֶענד פון אונפֶערַאַנטוואָרטליִכעֶ פּריִוואַט־מענשען, צווישעֶן וועֶלכעֶ עֶס אִיז נִיטאָ קײַן געֶגעֶנזײַטיִגעֶר אָבמאַך, נִיט קײַן אַחְדוּת, מוז דעֶמאָלט אונבעֶדיִנגט זײַן דער סוֹף פון אַזאַ פיהרונג — הֶיזֵקות, וואָס קומעֶן־אַרוים: דורך נִיט קײַן געֶלונגעֶנעֶ אונטעֶרנעֶהמוּנגעֶן; דורך די קאָנקורעֶנץ צווישעֶן די אונטעֶרנעֶהמעֶר; דורך די פּעֶריִאָדִישעֶ אִיבעֶרפּראָדוקציעֶ פון אײנִיגעֶ אַרטיִקלעֶן סְחוֹרָה, וואָס שלעֶפט מִיט זיִך אַ אונפעֶרמײַדליִכעֶן קריִזיִס און אַ שטיִלשטאַנד אִין דעֶר פּראָדוקציעֶ און האַנדעֶל, און עֶנדליִך דורך די אונבעֶשעֶפטיִגונג פון פיִעלעֶ טײלעֶן קאַפּיִטאַל און אַרבײטס־קראַפט. יעֶדעֶר אײנציִגעֶר פון די אַלעֶ הֶיזֵקות קאָן גענוג זײַן אַ פאָלק אָרעֶם און אונגליִקליִך צו מאַכעֶן.

לאָ׳מיִר צו׳ם עֶרשטעֶן בעֶטראַכטעֶן דעֶם הֶיזֵק, וואָס קומט פון נִיט קײַן געֶלונגעֶנעֶר אונטעֶרנעֶהמונג. אַזוי ווי אִין אַייעֶר צײַט האָט מעֶן גענוי נִיט געֶקאָנט וויִסעֶן, וואָס פאַר אַ נאָכפראַגעֶ עֶס וועֶט זײַן אויף אַ בעֶשטיִמטעֶן אַרטיִקעֶל סְחוֹרָה און ווי גרויס עֶס וועֶט זײַן די פּראָדוקציעֶ, אִיז יעֶדעֶ אונטעֶרנעֶהמונג פון אַ פּריִוואַט־קאַפּיִטאַליִסט געֶוועֶזעֶן אַ ריִזיִקאַליִשעֶ. ווי באַלד דעֶר אונטעֶרנעֶהמעֶר האָט נִיט געֶהאַט בְּכֹחַ צו בעֶקומעֶן נאַכריִכטעֶן וועֶגעֶן דעֶר אויסאַרבײטונג (פּראָדוקציעֶ) און פעֶרברויך (קאָנסומציעֶ) פון לאַנד, האָט עֶר שוין מִמֵילָא נִיט געֶקאָנט אָננעֶהמעֶן קײנעֶ מיִטלעֶן צו מאַכעֶן פאַר׳ן פאָלק די אָדעֶר אַנדעֶרעֶ סאָרטעֶן סְחוֹרָה און צו וויִסעֶן, וואָס פאַר אַ מיִטלעֶן עֶס וועֶרעֶן דעֶרצו אָנגעֶנומעֶן דורך אַנדעֶרעֶ קאַפּיִטאַליִסטעֶן. דעֶריִבעֶר אִיז גאַנץ פעֶרשטעֶנדליִך, וואָס פיִעלעֶ אונטעֶרנעֶהמעֶר האָבעֶן, אָנשטאָט צו מאַכעֶן פאָרטשריִט אִין געֶשעֶפט, זעֶהר אָפט געֶליִטעֶן פון די באַנקראָטעֶן. ווען אַ שוסטעֶר וואָלט אויף יעֶדעֶס גוטעֶס פאָר שטיִוועֶל איבעֶרגעֶפיִהרט סְחוֹרָה אויף עֶטליִכעֶ פאָר, וואָלט עֶר, שוין נִיט רעֶדעֶנדיִג וועֶגעֶן דעֶם הֶיזֵק אִין דעֶר אַרבײטס־צײַט, געֶקאָנט אַזוי פיִעל זאַמלעֶן רײַכטום, וויִפיִעל אַייעֶרעֶ צײַט־געֶנאָסעֶן מיִט זײעֶר סִיסטעֶם פון פּריִוואַט־אונטעֶרנעֶהמונגעֶן, בְּעֵת

אויף יעדעס גוטעס געשעפט איז אויסגעקומען צו עטליכע באנקראטען.

די קאנקורענץ, וואס האט עקזיסטירט אין איער צייט, איז געוועזען די צווייטע גרויסע אורזאך פון אייערע הזיקות. די אינדוסטריע איז געוועזען א שלאכט־פעלד, אזוי גרויס ווי די וועלט, אויף וועלכען די ארבייטער האבען אין דעם נעגענזייטיגען קאמפף פערלוירען זייערע קרעפטען, וואס אויב מען וואלט זיי פערברויכט מיט שכל, ווי עס דארף צו זיין, וואלטען זיי אלעמען געבראכט א גרויסען נוץ. דא האבען, פערקעהרט, אלע קעמפפער זיך בעמיהט אריינצוגנב'ענען אונבעמערקט און צעשטערען די געשעפטען פון די יעניגע, וואס האבען פריהער בעהערשט דאס שלאכט־פעלד, כדי אויפצובויען זייערע געשעפטען אויף די חורבות פון זייערע געגנער. אזוי ווי איינער ליידט אין א מלחמה, אזוי האבען די מענשען געליטען קערפערליכע און גייסטיגע יסורים; דער אונטערשיד בעשטעהט נאר דערין, וואס נאך אזא ניט־איינגעגעבענעם געשלעג פלעגט אנקומען די ארעמקייט. אין דער יעצטיגער צייט וואונדערען מיר זיך ניט אזוי אויף קיין זאך, ווי אויף דעם פאקט, אז אין אייער צייט האבען די מענשען, וואס האבען זיך בעשעפטיגט מיט איין און דעמזעלבען אינדוסטריע־פאך, געקוקט איינער אויף דעם אנדערן ניט ווי אויף א חבר, וואס קאן זיי מיטהעלפען צו דערגרייכען די אלגעמיינע ציעלען, נאר ווי אויף א געגנער און א שונא, וועלכען מען מוז דערשטיקען און פערניכטען. אויפ'ן ערשטען בליק קאן מען אזא צושטאנד אנרופען משוגעת, נאר אויב מען זאל זיך צוקוקען א ביסעל נעהענטער, וועט דאס אויסווייזען גאנץ אנדערש. די מעשה דערפון איז, וואס אייערע צייט־גענאסען האבען אין דעם פאל געארבייט מיט א פולשטענדיג בעקלערטען פלאן. אזוי ווי אין ניינצעהנטען יאהרהונדערט האט יעדערער געארבייט בעזונדער פאר זיינע אייגענע נוצען, און ניט צוזאמען פאר'ן אלגעמיינעם וואוילשטאנד, איז גאנץ פערשטענדליך, דאס ער האט אנדערש ניט געקאנט טהון, ווארום כדי צו פערגרעסערן דאס אייגענע פערמעגען, האט ער געטווט געברויכען די מיטלען, וואס זענע

שעדליך פאַר'ן אַלגעמיינעם וואוילזיין. די ערגסטע שונאים פון אַנ'אַרבייטער זענען נויטוועענדיג געוועזען זיינע אייגענע הברים פון דערזעלבער מלאכה, ווייל ביי אייער סיסטעם, ווען די פריוואַט־נוצען האָבען געשפּיעלט די גרעסטע ראָלע, האָט יעדערער געוואָלט, אַז דער אַרטיקעל זאָל אויסגעאַרבייט ווערען ניט מעהר, וויפיעל ער אַליין קאָן צושטעלען. ער האָט דעריבער געשטרעבט צונויפצוציהען די דאָזיגע פּראָדוקציע אין זיינע הענד און דערמיט צו פערניכטען יעדען איינציגען, וועד עס האָט איהם געשטערט. פערקעהרט, אויב אַלעמען ביי־קומען האָט ער ניט געקאָנט, האָט ער זיך פעראייניגט אין איין בונד מיט יענע, פון וועלכע ער האָט נישט געקאָנט פּטור ווערען, אום צו פערוואַנדלען דעם קאַמפּף פון איינעם געגען דעם אַנדערען אין אַ געמיינזאַמען קאַמפּף געגען דאָס פּובליקום, און האָט אַרויפגעשטעלט אַזעלכע מקחים, וועלכע דער געברויכער האָט נאָר געקאָנט אויסהאַלטען, איידער ער ענטזאַגט זיך אינגאַנצען פון אַזאַ טייערען אַרטיקעל. דאָס איז נאָך אַלץ ווענינ, דאָס פּובליקום איז אינגאַנצען אָבהענגיג געוועזען פון די הענדלער פון 19־טען יאָהרהונדערט אַפילו בנוגע צו די נויטיגסטע לעבענס־אַרטיקלען, פאַר וועלכע די הענדלער האָבען פערלאַנגט אומגעלומפּערטע מקחים: צאָהל אָדער הונגער!... אָט וואָס אין נייַנצעהנטען יאָהר הונדערט האָט געהייסען אַ פּראָדוקציאָנס־סיסטעם! ריכטיגער וועט כּמעט זיין, ווען מיר וועלען עס רופען אַ סיסטעם, וואָס בעגרעניצט, פערקלענערט די פּראָדוקציע. יעצט, הער וועסט, ווער איך אייך בעטען מיר אין אַ פרייערער צייט צו ערקלערען, אויף וואָס פאַר אַנ'אופן אַזעלכע קלוגע מענשען, ווי אייערע צייט־גענאָסען, האָבען געקאָנט איבערגעבען אַזאַ וויכטיגע זאַך, ווי צוצושטעלען פאַר די נעזעלשאַפט אַלע נויטוועענדיגע פּראָדוקטען, צו אַזאַ קלאַס, פאַר וועלכען עס האָט בעסער געלוינט דאָס פאָלק אויסצוהונגערן?... עס איז, אין דער אמת'ן, נתפּעל צו ווערען, וואָס ביי אַזאַ סיסטעם איז זייער לאַנד אינגאַנצען ניט אומגעקומען פון דחקות. נאָר אויסער דער שעדליכער זייט, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער פערשווענדונג פון אַרבייטס־קראַפט און קאַפּיטאַל, וואָס צוליעב דעם האָט

אײער גאַנצע אינדוסטריע בעקומען אַ פאַלשען גאַנג און איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ אינדוסטריע־קאַמפף. — האָט אײער סיסטעם געהאַט נאָך שלעכטע רעזולטאַטען, וואָס האָבען זעהר שעדליך געווירקט אויף אַלעמען — אויף די זיגער און בעזיגטע אויף קלוגע און נאַראָנים. אָט די געפעהרליכע רעזולטאַטען זענען געוועזען די האַנדעלס־קריזיסען, וואָס האָבען זיך פעריאָדיש איבערגעחזר'ט אַלע 5 אָדער 10 יאָהר, פון וועלכע די קלײנע אונטערנעהמונגען זענען אינגאַנצען צו גרונד געגאַנגען און די גרויסע זענען פאַראַליזירט געוואָרען. נאָך אַזעלכע קריזיסען פלעגען אָנקומען די שטילע צײַטען, וואָס האָבען זיך אָפטמאָל געהאַלטען עטליכע יאָהר; אונטער דער צײַט האָבען די קאַפּיטאַליסטען אָנגעגרײַט נײַע קרעפטען, און די אָרעמע האָבען געהונגערט און געבונטעװעט. דער נאָך פלעגט אָנקומען אויף אַ װײַלע אַ גליקליכע צײַט — און װײַטער אַ קריזיס און אַ שטילשטאַנד. אַזוי װי דער האַנדעל האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר ענטוויקעלט צווישען נאַהענטע לענדער, און אײנס איז געוואָרען אָבהענגיג פון צווײטען, פלעגען שוין ממילא די קריזיסען אַרומחאַפּען די גאַנצע וועלט, און די צײַט פונ'ם שטילשטאַנד האָט זיך פערלענגערט נאָכ'ן ענד פון דעם פלאַץ, אויף וועלכען דער קריזיס האָט געהערשט. פון דער אַנדערער זײַט, װידער, אַזוי װי די פאַבען פון דער װעלט־אינדוסטריע האָבען זיך מיט יעדען יאָהר פערמעהרט און פערוויקעלט, און די קאַפּיטאַלען, וואָס מען האָט אין זײ אַרײַנגעלעגט, האָבען זיך ממילא פערגרעסערט, פלעגען זיך די אונגליקען טרעפען אַלץ עפטער און עפטער; ענדליך, פלעגט אויסקומען, אין דער צווײטער העלפט פון נײַנצעהנטען יאָהר־הונדערט, אויף אײן גוט יאָהר צוויי שלעכטע, — און דאָ האָבען שוין אַלע אײַנגעזעהען אויף קלאָר, אַז בײַ אַזאַ צושטאַנד מוז דאָס גאַנצע אינדוסטריע־סיסטעם צעפאַלען ווערען אונטער זײַן אײגענער שווערקײַט. וואָס האָבען געזאָלט טהון אײַערע עקאָנאָמיסטען? נאָך אַ לאַנגען דענקען זענען זײ געקומען צו אַ פערצווייפעלטען בעשלוס, אַז מען מוז זיך אָנלאָדען מיט געדולד, ווי באַלד עס איז אוממעגליך אויסצוגעפינען מיטלען, ווי אָבצו־

האלטען די קריזיסען, פונקט ווי עס איז אונמעגליך צו פער־היטען זיך פון אַ שטורם אָדער אַ פערטרוקעניש. ווען די אונגליקען זענען פאַרבײַגעגאַנגען, פלעגען זײַ זיך נעהמען איבערצובויען דעם אײַנגעפאַלענעם בנין פון דער אינדוסטריע, אַקוראַט ווי די אײַנוואָהנער פון אַ געגענד, וואָס איז צעשטערט געוואָרען דורך אַ ערדציטערניש, נעהמען זיך ווידער, ווען די געפאַהר איז פאַרבײַ, אויפצובויען געבײַדען אויף דעם זעלבען אָרט.

יעצט פרעגט זיך, וואָס זענען דאָס פאַר אורזאַכען פון אזעלכע אונגליקען אין אײַער אינדוסטריע־סיסטעם, נאָך דער מײַנונג פון אײַערע עקאָנאָמיסטען? די אורזאַכען, מיט וועלכע מיר אַלײַן שטימען אויך אײַן, זענען געלעגען אין גרונד פונ'ם סיסטעם גופא און האָבען נויטווענדיג געמוזט אַלץ גרעסער און שאַרפער ווערען, וואָס גרעסער און פערוויקעלטער דער פאַבריקאַנט איז געוואָרען; די הויפט־אורזאַך איז בעשטאַנען דערין, וואָס עס האָט געפעהלט אַנ'אַלגעמײַנע פערוואַלטונג איבער אַלע פער־שידענע אינדוסטריע־צווײַגען און ממילא אויך די מעגליכקײַט פון אַ ריכטיגער און רעגעלמעסיגער ענטוויקלונג, — און טאַקי דעריבער וואָס אַ מאָל זענען בעזונדערע אונטערנעהמונגען פון אײן און דעמזעלבען פאַך אָבגעשטאַנען אײַנע פון די אַנדערע, אַ מאָל האָבען זײַ זיך קאָנקורירט, און אַ מאָל האָט די פּראָדוקציע ניט געשטימט מיט דער נאָכפראַגע אויף אַ בעשטימטען אַרטיקעל. צ. ב. ש., ווען די פּראָדוקציע איז גרעסער געווען פון דער נאָכפראַגע, זענען די רעזולטאַטען דערפון געוועזען: די פער־קלענערונג פון די פּרײַזען, די באַנקראָטען פון די פאַבריקאַנטען, די אָבשטעלונג פון דער פּראָדוקציע, די פערקלענערונג פון אַרבײַטס־לוין און מעהר אָדער וועניגער גרויסע אַרבײַטסלאָזיגקײַט. די ערשײַנונג איז פאָרגעקומען אין אַ סך אינדוסטריע־צווײַגען אַפילו אין די בעסערע צײַטען; בעזונדערס אָבער האָט דער קריזיס אַ קלאַפּ געגעבען דעמאָלט, ווען די פּראָדוקציע איז זעהר בױט ענטוויקעלט געוואָרען; בעת די מערק זענען פול געוועזען מיט סחורה, וואָס קײַנער האָט זי ניט בעדאַרפט אַפילו פאַר האַלבער געלד. דאָס אונפערמײַדליכע רעזולטאַט איז דאַן געוועזען

אַנ'אוּנגליִק ניִט אַזוֹי פאַר דיִ קאַפּיִטאַליִסטען אַליין, וואָס זייער רוּח האָט זיִך פערקלענערט אָדער ער איז אינגאַנצען פערלוירען נעגאַנגען — נאָר אויך פאַר דיִ אַרבּייטער, וועלכע מען האָט בּאַלד פערקלענערט דיִ שׂכירות אָדער אינגאַנצען ניִט בּעצאָהלט. דאַן פלעגט דער קריִזיִס זיִך שרעקליִך צעוואַקסען, און קיינער האָט דערצוּ ניִט געקאָנט העלפען, סיידען דיִ רעגיִערוּנג האָט אָבּגעקויפט דיִ פּריִוואַט־געשעפטען פאַר זיִך. נאָך אַ אוּרזאַך, וואָס האָט געהאַט ניִשט קיין קלענערען טייל אין דיִ קריִזיִסען — איז געוועזען אייער געלד־און קרעדיִט־פערקעהר. ווי לאַנג דיִ פּראָדוּקציע איז געוועזען אין פּריִוואַט־הענד, איז דאָס געלד געוועזען נויטווענדיִג; דעמאָלט האָט מען בּיי'ם קויפען און פערקויפען אָהן דעם ניִט געקאָנט אויסקוּמען. ווי עס ווייזט אויס, האָט מען שוין דאַן אויך פערשטאַנען, אַז פערבּייטען געבּרויכס־אַרטיִקלען, קליידער און אַנדערע זאַכען האָט מען געקאָנט ניִט דַוְקא דוּרך געלד, נאָר דוּרך וועלכע עס איז אַנדערע, אָבּגעמאַכטע געלד־סיִמָנִים. דערפון איז אַרויסגעקוּמען אַ צעמיִשעניִש אין דיִ בּעגריִפען צוויִשען דיִ פּראָדוּקטען און געלד־צייכען און האָט געבּראַכט צוּ'ם קרעדיִט־סיִסטעם מיִט זיינע שרעקליִכע פאַלשע איינבּיִלדוּנגען. אַזוֹי ווי דאָס פאָלק איז געוואוינט געוועזען צוּ נעהמען געלד אָנשטאָט סְחוֹרָה, האָט עס שוין מְמֵילָא אַלע אַנדערע פּאַפּיִער־צייכענס אויך אָנגענוּמען פאַר געלד און האָט, ענדליִך, אינגאַנצען אויפגעהערט צוּ זעהען אוּנטער דיִ אָבּגעמאַכטע סיִמָנִים דעם אַרטיִקעל זעלבּסט. דאָס געלד איז חאָטש געוועזען אַ צייכען פון אֱמֶת'ער סְחוֹרָה, אָבּער דער קרעדיִט איז נאָר געוועזען אַ צייכען פון אַ צייכען. פאַר געלד און זיִלבּער, ווי פאַר ריִכטיִג געלד — איז געוועזען אַ נאַטיִרליִכע גרעניִץ, אָבּער פאַר'ן קרעדיִט איז קיין גרעניִץ ניִט געוועזען, און דעריִבּער האָט דער קרעדיִט אויפגעהערט צוּ שטיִמען מיִט דער צאָהל פוּנ'ם מְזוּמָנ'עם געלד און, עס פערשטעהט זיִך, נאָך וועניִגער מיִט דער צאָהל פון דער סְחוֹרָה, וואָס האָט זיִך וויִרקליִך געפיִנען אין לאַנד. צוּליִעבּ אַזאַ סיִסטעם האָבּען דיִ קריִזיִסען געמוּזט אָנקוּמען גאַנץ אָפט, נאָך דעם זעלבּען נאַטוּרגעזעץ, ווי עס פאַלט־איין אַ געבּיידע,

אויב דער שווערפונקט ליעגט העכער פון דעם אונטערשטיצונגס־פונקט. אין אייער צייט האט מען געהאט א פאלשען בעגריף וועגען קרעדיט. עס האט אויסגעזעהען, אז נאר די רעגיערונג און די באנקען פלעגען ארויסלאזען געלד־צייכענס, אבער אין דער אמת׳ן איז עס געוועזען אנדערש: יעדערער, וואס האט געבארגט דעם צווייטען חאטש אויף איין דאלאר, האט שוין פון זיין זייט אויך ארויסגעלאזט געלד־צייכענס, וואס האבען אויף א צייט אויפגעהייבען די פאנדען פון דער רעגיערונג. אט די אונגעהייערע ענטוויקלונג פונ׳ם קרעדיט איז געוועזען דער הויפט־צייכען פונ׳ם סוף נייּנצעהנטען יאהרהונדערט און האט אנגעמאכט זעהר אפט באנקראטען כמעט אין אלע גרעסטע געשעפטען. חאטש אלע האבען געוואוסט גאנץ גוט די שעדליכקייט פון דעם קרעדיט, האט אבער קיינער אהן איהם ניט געקאנט אויסקומען, איבערהויפט קויפלייט; ווי באלד עס האט געפעהלט א נאציאנאלע אדער געזעלשאפטליכע ארגאניזאציע פונ׳ם לאנדס־קאפיטאל, איז דאס געוועזען דאס איינציגע מיטעל איינצוזאמלען און אוועקצולאזען דאס קאפיטאל אין געשעפט. אויף אזאנ׳אופן האט דער קרעדיט פערגרעסערט אלץ מעהר און מעהר די געפאהר פון די פריוואטע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען דערמיט, וואס ער האט ערלויבט איינצעלנע אינדוסטריען ארייּנצושלינגען אונגעהייערע סומען פונ׳ם פרייען לאנדס־קאפיטאל און דערמיט צו פערפערטיגען די קריזיסען. די געשעפטס־אונטערנעהמונגען, וואס האבען שטענדיג געארבייט מיט פרעמד געלד, א ביסעל פון די באנקען, א ביסעל פון פריוואטע קאפיטאליסטען, האבען זיך איינער דעם אנדערן פערפלאנטערט, און ווי נאר מען האט בעמערקט, אז עס קומט־אן א קריזיס, האבען זיי גלייך פערלוירען דעם קרעדיט. זייער אינדוסטריע־סיסטעם האט מען געקאנט פערגלייכען מיט א געביירע, וואס איז געבויט פון אזא מאטעריאל, וואס דורך גאר א קליינע סבה ווערט עס פערוואנדעלט אין אנ׳אויפרייסונגס־שטאף. נאכ׳ן צושטאנד זענען זיי גלייך געוועזען צו א מענשען, וואס בויט א הויז מיט דינאמיט אנשטאט קאלך; ווארום מיט קיין אנדער זאך קאן מען דעם קרעדיט ניט פערגלייכען. אויב איהר ווילט זעהען דעם אונטער־

שׁיער פון אונזערען ביז אייערען אינדוסטריע־סיסטעם, וועל איך אייך אנוואַיזען אויף איין זאך. אין אייער צייט איז געוועזען די הויפט־אורזאך פון די האנדעלס־קריזיסען די איבערפראָדוקציע אין איינצעלנע צווייגען; איצט אָבער איז עס אונמעגליך, ווייל עס איז דאָ אַ פעסטער בונד צווישען דער פראָדוקציע און דער נאָכפראַגע. אפילו ווען עס וואָלט טרעפען, אַז מען האָט איינינע אַרטיקלען אויסגעאַרבייט מעהר, וואָלט די אָבשטעלונג פון דער פראָדוקציע אויף אַ קלײנע צייט קיינעם ניט געלאָזען אָהן אַרבייט. די אַרבייטער וואָלטען דעמאָלט איבערגעהן אין אַנאַנדער אָבטהײלונג פון דעם גרויסען נאַציאָנאַלען ווערקשטאַט און וואָלטען נאָר פערליערען אַ ביסעל צייט אויף די אומבייטונג פון דער מלאכה; די איבערפראָדוקציע קאָן אין דעם פאַל ניט זיין קיין סכנה פאַר די אינדוסטריע פון לאַנד, ווייל דער האַנדעל איז זעהר גרויס. און דאָס לאַנד קאָן די איבריגע סחורות בעהאַלטען גאַנץ רוהיג, ביז עס וועט ווידער ווערען אַ נאָכפראַגע אויף דעם אַרטיקעל. איך מוז אייך אנוואַיזען אויף נאָך אַ מעלה אין אונזער סיסטעם; דערפאַר, וואָס מיר האָבען ניט קיין קרעדיט, האָבען מיר שוין קיין מורא ניט, אויב עס געהט ניט אוועק גוט, איהם צו פערליערען אין מיטען און דערמיט נאָך מעהר צו פערגרעסערן דעם געמאַכטען פעהלער, ווי דאָס איז געוועזען אַלע מאָל אין אייער צייט ביי דער איבערפראָדוקציע פון נאָר וואָס פאַר אַ סחורה. קיין געלד האָבען מיר ניט, מיר האָבען צו טהון מיט רעאַלע, ווירקליכע אַרטיקלען, ווי צ. ב. ש. מעהל, אייזען, האָלץ, וואָל און אַרבייט, פאַר וועלכע דאָס געלד און קרעדיט האָבען דאַן געדיענט אַלס פאַלשע פערטרעטער. אָט פאַר וואָס מיר קאָנען אין אונזערע חשבונות קיין טעות ניט האָבען. פריהער פון אַלעם ווערט בעשטימט די צאָהל פראָדוקטען און אַרבייטס־קראַפט, וואָס איז נויטיג פאַר די נאַציע אויף אַ גאַנץ יאָהר. דאָס איבריגע מאַטעריאַל און אַרבייטס־קראַפט ווערט פערברויכט אויף פערשידענע פערבעסערונגען. אויף אַזאַנ׳אופן קאָן נאָר טרעפען, אַז אין די ניט־געראָטענע יאָהרען זאָל בלייבען וועניגער איבערפלוס — מעהר ניט. אויסער

אזעלכע קליינינקייטען, וואס שטאמען פון נאטירליכע סבות, ליידט אונזער אינדוסטריע נישט פון קיינע אנדערע פלוצלינגע געשעהענישען און ענדערונגען, און דער מאטעריעלער וואויל־שטאנד פון פאלק פליעסט אלץ ווייטער פון איין דור צו'ם צווייטען ווי א שטראם, וואס צעגיעסט זיך אלץ ברייטער און ברייטער.

נאך א סבה פון אייער ארעמקייט איז די אונטהעטיגקייט פון אונגעהייערע קאפיטאלען און ארבייטס־קראפט, וואס זענען גיט געוועזען אונטער קיין אויפזיכט. ביי אונז קוקט דערויף די פערוואלטונג, און יעדעס קלענסטעס קאפיטאל און ארבייטס־קראפט האבען זייער שטענדיגע טהעטיגקייט. „דאס קאפיטאל פלעגט איהר זאגען, איז פון דער נאטור שרעקעדיג"; פאר יענע צייט, ווען יעדע פריוואטע אונטערנעהמונג האט געקאנט האבען א געוויסען סוף, איז דאס, נאטירליך, גאנץ ריכטיג; ניט אזו איז אבער יעצט, ווען דאס קאפיטאל איז אריינגעלעגט אין א גרויס געשעפט און איז פולשטענדיג פערזיכערט; דענסטמאל מוז עס אונבעדינגט וואקסען. ווייטער, אנטקעגען דער גרויסקייט פון קאפיטאל גופא, וואס איז געווען אין דער ארבייט, איז זי שטענדיג געוועזען אבהענגיג פון פערשיעדענע סבות, צ. ב. ש., דערפון — אויב די ריזיקע האט זיך פערגרעסערט אדער פער־קלענערט, און ממילא איז שוין אין פערשיעדענע יאהרען אויך פערשיעדען געוועזען די לאגע פון דער לאנדס־פראדוקציע. נאר חאטש אין די זיכערע צייטען איז דאס טויטע קאפיטאל פיעל קלענער געוועזען, אלס אין די ווענינער זיכערע, פון דעסטוועגען איז א גרויסער טייל פון איהם אלע מאל געוועזען אונבעשעפטיגט, ווייל די פריוואטע אונטערנעהמונגען זענען שטענדיג געווען אין געפאהר, אפילו אין די גוטע צייטען.

אויסער דעם פלעגען די גרויסע קאפיטאלען, ליגענדיג אין זיכערע געשעפטען, פאנאנדערבלאזען א ברענענדיגע קאנ־קורענץ צווישען די קאפיטאליסטען ביי דער קלענסטער האפנונג אויף גוטע פרנסה. פערקעהרט די אונבעשעפטיגונג פון קאפיטאל, וואס פלעגט ארויסקומען פון דער פארזיכטיגקייט, איז, נאטירליך,

גְעווֶעזֶען די אורזאַך אויך דערפון, וואָס די אַרבייטס־קראַפט איז גְעווֶעזֶען אונבּעשעפטיגט. רעכענט נאָך צו גאָר זייַטיגע סִבּוֹת, צ. בּ. ש., אַ קליינע פערענדערונג אין די אוֹפַנים פוּנ׳ם האַנדעל און פּראָדוקציע, שוין ניט רעדענדיג פון די אונצעהליגע בּאַנקראָטען, וועט איהר זעהן, אַז זיי האָבּען צוגענומען די פַּרְנָסָה בּיי אַ גרויסער צאָהל מענשען אין אַ מֶשֶׁך ניט אַזוי פון חֳדָשִׁים, נאָר אֲפִילוּ פון עטליכע יאָהר. דאָס, וויעדער, האָט פערגרעסערט די צאָהל לעדיג־געהער און פערבּרעכער. די הונגעריגע פּראָלעטאַריער־אַרמעע האָט שטרענג געפאָדערט, מען זאָל איהר געבּען אַרבּייט. און אין די שלעכטע צייַטען איז דאָס געוועזען אַ סַכָּנָה פאַר די מְדִינָה. מען דאַרף ניט קיין בּעסערע רְאָיָה צו בּעווייַזען די אונזיניגקייט פון געדאַנק דורך אַ סיסטעם פון פּריוואַט־אונטערנעהמונגען דאָס לאַנד רייַך צו מאַכען, ווי דעם פאַקט, וואָס דורך די אַלגעמיינע אָרעמקייט האָבּען זיך די קאַפּיטאַליסטען איינער דעם אַנדערען געמוזט דערשטיקען, כְּדֵי נוּצליך און זיכער איינצואָרדנען זייער קאַפּיטאַל, אין דער צייַט וואָס די אַרבּייַטער האָבּען געבּונטעוועט און געצינדען, ווייַל זיי האָבּען ניט געקאָנט געפינען קיין אַרבּייט. עס וועט ניט שאַדען צו דערמאָנען, אַז די אויסגערעכענטע פּונקטען ווייַזען נאָר אַן די חֶסְרוֹנוֹת, וואָס די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע האָט נישט. אָבּער איך האָבּ נאָך ניט בּעריהרט די וויכטיגסטע זאַך, מיט וואָס אונזער סיסטעם איז מעהר יַחֲסָן פון אייערען, ד. ה. די גוטע זייַט. לאָמיר אֲפִילוּ אָננעהמען, אַז אין דעם סיסטעם פון פּריוואַט־אונטערנעהמונגען זענען ניטאָ יענע אונגעהייַערע פעהלערען, וועגען וועלכע איך האָבּ גערעדט; אַז עס איז ניטאָ קיין הֶיזֵקוֹת דורך דעם פאַלשען אַרבּייטס־גאַנג, ווייַל מען האָט ניט געקאָנט ריכטיג אָבּשאַצען די נאָכפראַגע, און דורך די אונמעגליכקייט צו וואַרפען אַנ׳אַלגעמיינעם בּליק אויף דאָס גאַנצע געבּיעט פון דער אינדוסטריע; לאָמיר אֲפִילוּ זאָגען, אַז די קאָנקורענץ פיהרט ניט צו אַ שטילשטאַנד און צו אַ אוננוציגער פערשווענדונג פון דער אַרבּייטס־קראַפט; לאָמיר זאָגען, אַז די קריזיסען, בּאַנקראָטען, לאַנגע געשעפטס־אונטערבּרעכונגען רופען קיין צעשטערונג אין דער־

אינדוסטריע ניט אַרויס ; אַז די אונבעשעפטיגונג פון קאַפּיטאַל און אַרבייטס־קראַפט ברענגען ניט אזא הֶיזֵק, לאָמיר אפילו זאָגען, אַז די אַלע אונגליקען, וואָס איך האָב אויסגערעכענט, אָהן וועלכע די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטס־אָרדנונג איז אונמעגליך, זענען דורך א נס בעזייטיגט געוואָרען, און דאָס סיסטעם וואָלט נאָך אַלץ געבליבען ווי געוועזען, — אפילו אין דעם פאַל, זאָג איך, איז אונזער נאַציאָנאַל־אָרגאַניזירטע אינדוסטריע ניט אין אַנ'ערך בעסער פון אייערער. אין אייער צייט זענען אויך געווען עטליכע גרויסע וועב־פאַבריקען, חאָטש מען קאָן זיי, נאַטירליך, מיט אונזערע ניט פערגלייכען. איהר האָט, אָהן צווייפעל, אַליין אויך געמוזט זיין אין אַזעלכע גרויסע פאַבריקען, וואָס האָבען פערנומען גאַנצע אַקערען ערד, האָבען בעשעפטיגט טויזענדער אַרבייטער און האָבען פעראייניגט אונטער איין דאַך, אונטער איין פערוואַלטונג הונדערטער פערשידענע סאָרטען אַרבייט, צ. ב. ש., אויסצואַרבייטען א באַל בוימוואָל און א שטיק קאַרטאָן. איהר האָט אַוודאי געמוזט נתפעל ווערען פון דער גרויסער עקאָנאָמיע אין אַרבייט און מאַשינענקראַפט, וואָס מען האָט בעקומען דורך די פעראייניגונג און צוזאַמענווירקען פון יעדען ראָד בעזונדער. אייך איז מסתמא אַריינגעקומען אין געדאַנק, אויף וויפיעל וועניגער עס וואָלט אויסגעאַרבייט די זעלבע אַרבייטער־מאַסען פון דער פאַבריק, אויב זיי וואָלטען געוועזען צעוואָרפען און נעאַרבייט יעדערער פאַר זיך. איך וויל דערמיט זאָגען, אַז דאָס רעזולטאַט, וואָס קומט פון דער אָרגאַניזירטער, אונטער איין פערוואַלטונג, אַרבייטס־קראַפט, איז טויזענדער מאָל גרעסער, אלס ווען יעדערער וואָלט אַרבייטען פאַר זיך, אפילו ווי פריינדליך זיי זאָלען איינער מיט דעם אַנדערען ניט לעבען. איהר אַליין הער וועסט, וואונדערט זיך אויף די רייכקייט פון אונזער לאַנד, און דאָס איז נאָר דערפאַר, וואָס די אינדוסטריע האָט זיך אָרגאַניזירט אונטער איין פערוואַלטונג. די נאַציאָנאַלע אַרבייטס־קראַפט, וואָס איז געוועזען אונטער דער אַנפיהרונג פון טויזענדער פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטען, אפילו ווען די לעצטע זענען זיך קיין שונאים ניט איינער דעם אַנדערען, — לגבי די

רעזולטאטען, וואס זי בעקומט אונטער דער פערוואלטונג פון איין הויפטמאן, קאן מען פערגלייכען מיט א מיליטערישער קראפט פון א ווילדען שבט אונטער טויזענד קליינע אנפיהרער אנטקעגען א גוט־ארגאניזירטער ארמעע, אונטער דער אנפיהרונג פון איין גענעראל. מיר זענען נישט קיין קרעזוס'ען *), אבער אין אלגעמיין לעבען מיר אין לוקסוס; זי פיהרט ניט צו אזעלכע משוגעת'ן, ווי עס זענען געוועזען אין אייער צייט — מיר האבען נאר פערגעניגען פונ'ם לעבען. אויסער אונזערע אייגענע פערגעניגען, ברענגען מיר אוים די רעשט פון אונזערע הכנסות אויף געזעלשאפטליכע געביידען און געזעלשאפטליכע פערגעניגען, וואו אלע האבען א חלק, — אויף קלובען, קונסט־גאלעריען, אויף פערפוצען אונזערע שטעדט, אויף מוזיקאלישע און טעאטראלישע פארשטעלונגען. מיט איין ווארט, דעם גאנצען גלאנץ זעהט מען ערשט אינ'ם געזעלשאפטליכען, נישט אין פערזענליכען, לעבען. ווען איהר וועט מיט אונז א ביסעל מעהר בעקאנט ווערען, וועט איהר זעהן, ווי אזוי מיר ברענגען־אוים אונזער געלד.

מעהר פון אלעם קאן מען בעשולדיגען אייער עפאכע דערין, וואס איהר האט דעמאלט ניט פערשטאנען, ווי געלד צו פערדינען; דאס איז א פאקט, וואס די היסטאריע אליין בעשטעטיגט איהם, אייער סיסטעם האט געהאט זעהר שלעכטע רעזולטאטען סיי פון עקאנאמישען, סיי פון מאראלישען שטאנדפונקט. דער הויפט־גרונד פון יענער צייט איז געוועזען עגאאיזם, און אין דער אינדוסטריעלער פראדוקציע איז עגאאיזם — זעלבסטמארד; פון עגאאיזם קומט ארוים די קאנקורענץ; און, ווי איהר פערשטעהט שוין אליין, ברענגט די קאנקורענץ צו'ם צעברעקלען און צעטיילען די קראפט, — און דאס פיהרט צו זעלבסטמארד. פערקעהרט, דער גאנצער פארטשריט פון דער פראדוקציע ווענדט זיך אן די קראפטס־פעראייניגונג. דערפון זעהט מען גאנץ קלאר, אז דער אלגעמיינער וואוילשטאנד און רייכטום קומען ארוים נאר פון דער פעראייניגונג פון דער אינדוסטריעלער פראדוקציע. שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם, אז דאס געזעץ.

*) אפיגרזיש'ער רייכער קעניג, וואס האט געהאט פיל אוצרות מיט געלד.

לויט וועלכען אַלע מענשען מוזען האָבען אַ גלייכען חלק אין דעם מאַטעריעלען וואוילשטאַנד, איז דער איינציגער הומאַנישער און שכל'דיגער גרונד פון אַ געזעלשאַפט — האַלטען מיר עס נאָך פאַר זעהר נוציג אין עקאָנאָמישער הינזיכט, ווייל מיר זעהען, אַז כל זמן עס ווערט ניט פערניכטעט ווערען די שעדליכע ווירקונג פון עגאָאיזם, איז נישט מעגליך צו אַרבייטען אינאיינעם.

---

# XX.

אין דעם זעלבען אָווענד, זיצענדיג אין מוזיק־צימער און אויסהערענדיג איניגע שטיק פונ'ם טאָג־פּראָגראַם, האָב איך זיך געווענדט צו יהודית'ן מיט אַ פראַגע, וועלכע איך האָב זיך שוין איניגע מאָל געקליבען איהר פאָרצולעגען, נאָר איך האָב זיך אַלץ ניט געקאָנט בעשליסען, ווייל איך האָב גערעכענט, אַז עס פּאַסט ניט. די פראַגע האָט געהאַט אַ שייכות צו יענע זאָנדערבאַרע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט אין דעם מאָמענט פון מיין ערוואַכען פונ'ם הונדערט־יעהריגען שלאָף. ווי איך געדענק, האָט זיך פריהער דערהערט (ווי איך האָב זיך נאָכדעם דערוואוסט) דעם דאָקטאָר'ס שטימע, וואָס האָט געזאָגט: „ער וועט גלייך עפנען די אויגען. גלייכער, ער זאָל פריהער דערזעהען נאָר איינעם פון אונז". נאָכהער האָט יהודית'ס שטימע געענטפערט: „זאָג מיר צו, אַז דו וועסט איהם ניט אויסזאָגען". דער דר. האָט אפילו ניט געוואָלט, נאָר ווען די פרוי ליט איז צוגעשטאַנען צו דער טאָכטער'ס בקשה, האָט ער איהר פערשפּראָכען.

איך האָב געזאָגט גאַנץ ערנסט, אַז איך בין ניט געוועזען איבערצייגט, אויב דאָס דאָזיגע געשפּרעך האָט זיך מיר ניט געחלום'ט און אַז איך האָב עס אין דער אמת'ן געהערט, — אַזוי אונפערשטענדליך האָט מיר אויסגעדוכט, וואָס די דאָזיגע מענשען האָבען געקאָנט וויסען עפּעס וועגען מיר, אַ צייט־גענאָסע פון זייערע אור־עלטערען.

דערזועהענדיג, וואס פאר אַנ׳איינדרוק מײַנע ווערטער האָבען געמאַכט אויף יְהוּדִית׳ן, האָב איך פערשטאַנען, אַז דאָס איז ניט געוועזען קיין חָלום, נאָר עפּעס אַ נײַער סוד — נאָך אַ מעהר וואונדערליכער פון די אַלע פריהערדיגע, וועלכע איך האָב שוין אריבערגעלעבט. איך האָב אַ צווייטעס מאָל געפרעגט, און דאָס האָט שוין אַרײַנגעבראַכט דאָס יונגע מײדעל אין אַ פערלעגענהייט. זי איז רויט געוואָרען, און איהרע אויגען, וואָס זענען ביז יעצט אַזוי קלאָר און פרײַ געוועזען, האָבען קענטיג אויסגעמײַדט זיך צו טרעפען מיט מײַנע.

— דאָ מוז עפּעס פאָרט זײַן אַ געהיימנים, — האָב איך ענדליך אַרויסגערעדט, — אָבער איהר וועט דאָך מודה זײַן, אַז עס איז זעהר ניט גלייך צו פערבאָרגען עפּעס אומשטענדען, וואָס זענען נוגע אַ מענשען אין אַזאַ לאַגע, ווי איך.

— דאָס געהערט גאָרניט דירעקט צו אייך, — האָט זי אַרויסגעמורמעלט.

— פון דעסטוועגען וואָלט עס מיר געוועזען זעהר אינטערעסאַנט צו וויסען, — האָב איך געזאָגט.

דאָס יונגע מײדעל האָט געוואָרפען אויף מיר אַ פלינקען בליק און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען, וואָס האָט בעוויזען, אַז די געשיכטע האָט אין זיך עטוואָס הומאָריסטישעס, האָט זי געזאָגט:

— איך מײן, אַז פאַר אייך איז עס גאָר ניט אינטערעסאַנט.

— אייער פאָטער אָבער וואָלט מיר שוין דאָס לאַנג מיטגעטיילט, ער שווייגט נאָר דערפאַר, ווייל איהר האָט איהם פערבאָטען וועגען דעם צו רעדען.

זי האָט ניט געענטפערט, און איז, קענטיג, אַלץ מעהר און מעהר געקומען אין פערלעגענהייט, נאָר בכדי אָבצוּווענדען דאָס געשפּרעך אין אַנ׳אַנדער־זייט, האָט זי זיך אומגעקעהרט צו׳ם טעלעפאָן און האָט אָנגעריהרט דאָס שרייפעל — און דאָס צימער איז פערפולט געוואָרען מיט וואונדערבאַרע קלאַנגען און טענער. נאָך דעם האָט זי זיך די גאַנצע צייט בעמיהט. אַז די

מוזיק זאָל אונז שטערען צו'ם געשפּרעך. ווען מיר זענען ענדליך אויפגעשטאַנען אַוועקצוגעהן, איז זי צוגעגאַנגען צו מיר און, ניט אויפהייבענדיג די אויגען, האָט זי געזאָגט:

— הער ווערסט, איהר זאָגט, אַז איך בין געגען אייך גוט געוועזען. אויב איהר מיינט עס אויף אַן'אֱמֶת'ן, בעט איך אייך, איהר זאָלט מיר פון אייער זייט אויך טהון אַ געפעליגקייט: זאָגט מיר צו זיך מעהר קיינמאָל ניט צו ווענדען מיט דער פראַגע ניט בלויז צו מיר, נאָר אויך צו קיינעם פון אונז.

עס פערשטעהט זיך, אַז איך האָב געמוזט פערשפּרעכען.

— אָבער שפּעטער, ווען עס איז, — האָב איך צוגעגעבען, — ווערט איהר מיר אַליין אַלעס אויסזאָגען, ניט אֱמֶת?

— עס קאָן זיין, — האָט זי אַרויסגעמורמעלט, וואַרפענדיג אויף מיר אַ שאַרפען, טיפען בליק און איז אַנטשוויגען געוואָרען.

אין יענער נאַכט, בין איך איבערצייגט, וואָלט מיך אֲפִילוּ דער דר. פילסבער, אויך ניט געקאָנט איינשלעפערן מיט זיינע היפּנאָטישע מיט'ען. די לעצטע צייט בין איך שוין גענוג געוואוינט געוועזען צו געהיימניסען, נאָר איך שווער, אַז ניט איינע פון זיי האָט מיך אַזוי פעראינטערעסירט, ווי די לעצטע, וועלכע נאָר יְהוּדִית האָט געקאָנט אויפדעקען. דער סוד איז נאָך דערצו געוועזען אַ דאָפּעלטער: ערשטענס האָט מיך געוואונדערט, ווי אַזוי האָט זי געקאָנט עפּעס וויסען וועגען מיר, בעת איך געהער גאָר צו אַ גאַנץ אַנדערער צייט? צווייטענס — וואָס איז די סִבָּה פון איהר אויפרעגונג, קוים דערמאָן איך וועגען דעם? עס געבען רעטענישען, וואָס זענען אַזוי שווער, אַז מען קאָן זיי נישט ערקלערען אֲפִילוּ בְּעֵרֶך, און דאָס איז געוועזען איינע פון זיי. איך בין אַלע מאָל געוועזען אַ פּראַקטישער מענש און האָב ניט אַוועקגעגעבען קיין צייט אויף ערקלערען אונפערשטענדליכע רעטענישען; נאָר די שווערקייט פון אַ רעטעניש, וואָס האָט אַנגענומען דאָס געשטאַלט פון אַ שען, יונג מיידעל, פערשטאַרקט דעם אינטערעס צו איהר. איבערהויפּט קאָן מען אַננעהמען, אַז דאָס רויט ווערען פון אַ יונג מיידעל דערצעהלט כִּמְעַט אַלע

מאל איין און די זעלבע געשיכטע צו יונגע לייט פון אלע צייטען און פעלקער, נאר פון מיר וואלט געוועזען זעהר נאריש אזוי צו ערקלערען יהודית'ס אויפרעגונג, ביי מיין לאנגע און ביי דער קורצער צייט פון אונזער בעקאנטשאפט. אין אנ'אנדער צייט וואלט איך זיך לאנג ניט אבגעשטעלט אויף אזא אונפערשטענדליכער רעטעניש; נאר די האט געהאט א נעהייםניספולע פערבינדונג מיט א יונג, רייצענד מיידעל. די פראגע האט מיך אזוי אויפגערעגט, אז איך האב אויף א מינוט ניט געקאנט צומאכען מיט אנ'אויג ביז'ן ווייסען טאג.

---

## XXI.

פון דער מינוט אן, וואס איך האב ערוואכט ביי דעם דר. ליט אין הויז, האט יהודית אויף מיר געמאכט זעהר א שטארקען איינדרוק, וואס האט זיך פון יענעם אווענד אן פיעל פערגרעסערט. זי האט ארויסגעוויזען אזא עהרליכקייט און אפענהערציגקייט, וועלכע מיר איז ביז יעצט ניט אויסגעקומען צו זעהען צווישען מיינע בעקאנטע מיידלעך. איך האב געוואלט דערגעהן, אויב די מעלות האבען כאראקטערעזירט נאר זי אליין, אדער זיי זענען געוועזען די פאלגע פון די פערענדערונגען אין דער סאציאלער לאגע פון די פרויען פונ'ם צוואנציגסטען יאהרהונדערט אין אלגעמיין.

בלייבענדיג מיט'ן דר. אליין, האב איך אויסגענוצט די געלעגענהייט און פערפיהרט מיט איהם א געשפרעך וועגען דער יעצטיגער לאגע פון די פרויען.

דער דר. האט מיר ערקלערט, אז אין דער יעצטיגער צייט זענען די פרויען בעפרייט פון אלע שטוביגע ארבייט, ווייל מען האלט דאס פאר אנ'אומזיסטיגע הארעוואניע, אין דער צייט אז מען פיהרט דאס אויס בעסער אויף א געמיינשאפטליכען אופן.

— וואס צו אונז, מענער, אנבעלאנגט, — האט דער דר. געזאגט, — מיינען מיר, אז די פרויען האבען זיך אין די

פריהערינע צייטען גענוג אנגעארבייט, און עס וואלט איצט גענוג זיין, זיי זאלען זארגען פאר זייער שענקייט אליין; נאר איהר קאנט זיכער זיין, אז זיי האבען צופיעל שטאלץ, זיי זאלען וועלען לעבען אויף קהל'שען חשבון, נאר דערפאר אליין, וואס זיי דיענען דער געזעלשאפט פאר א ציערונג. באמת, האבען זיי זיך מיט דער בעפרייאונג פון דער שטוב־ארבייט גאנץ גוט נעפרעהט, ניט בלויז דערפאר, ווייל דאס איז געוועזען שווער, נאר דעריבער, וואס מען האט דערויף אומזיכט אוועקגעלעגט קרעפטען. זיי האבען איינגעשטימט אויף די בעפרייאונג נאר אויף דעם תנאי, זיי זאלען אונז העלפען אין אנ'אנדער ארבייט פאר'ן אלגעמיינעם וואוילזיין. אונזערע פרויען דיענען, אזוי ווי די מענער, אין די רייהען פון דער ארבייטער־ארמעע, וועלכע זיי פערלאזען נאר דאן, ווען זיי דארפען ערפילען זייער מוטערפליכט. אין אלגעמיין קומט אויס, אז א פרוי דיענט אין דער ארבייטער־ארמעע פון 5 ביז 10 יאהר, און די, וואס האבען קיין קינדער ניט, דיענען אפילו אוים די גאנצע צייט. ווי איהר זעהט, האט זיך ביי אונז געביטען די מיינונג וועגען א פרוי נאך איהר חתונה. זי טראגט שוין היינט ניט מעהר די משא פון דער ווירטשאפטליכער ארבייט און פון שטענדיגען זארגען פאר איהר מאן.

— אבער איז דען די ארבייט, וואס איהר לעגט אויף זיי יעצט ארויף, לייכטער פון יענער, וועלכע זיי האבען אין אונזער צייט געהאט?

דערויף האט מיר דער דר. געענטפער

— ניט קוקענדיג דערויף, וואס מיר פאדערען פון זיי אין דער יעצטיגער צייט, זיי זאלען ארבייטען צוגלייך מיט די מענער, פון דעסטוועגען זענען זיי זעהר גליקליך; וועהרענד די פרויען פונ'ם נייצעהנטען יאהרהונדערט, ווי מען זעהט פון דער געשיכטע, האבען זיך געפיהלט אונגליקליך. די אורזאך דערפון, וואס ביי היינטיגען טאג זענען די פרויען טיכטיגע מיטארבייטער פון די מענער און פיהלען זיך נאך דערצו גליקליך, שטעקט דערין, וואס מיר האלטען אנטקעגען זיי אויך דעם כלל, צו געבען יעדען מענשען דאס רעכט זיך אויסצוקלייבען וואס פאר אנ'ארבייט

איהם געפעלט. נאטירליך, ווייל די פרויען זענען דאך שוואכער, ניט מען זיי לייכטערע ארבייט, און די מענער שווערערע. קיינמאל צווינגט מען ניט א פרוי צו טהון אזעלכע ארבייט, וואס איז ניט נאך איהרע כחות, אדער וואס געהערט ניט צו איהר געשלעכט (מין). דערצו איז דער ארבייטס־טאג פאר זיי א סך קירצער, זיי בענוצען זיך מיט פעריען (וואקאציע), און איבערהויפט זארגט די רעגירונג זעהר שטארק זייער ארבייט לייכטער צו מאכען. די מענער פון אונזער צייט ווייסען, אז דאס הויפט־ריי'ז־מיטעל, וואס ערוועקט די פרויען צו ארבייטען, איז די שענקייט און חן, נאר מען ערלויבט זיי צו ארבייטען איבערהויפט, ווייל מען איז איבערצייגט, אז א רעגעלמעסיגע ארבייט איז זעהר געזונד ווי קערפערליך, אזוי אויך גייסטיג. אין אונזער צייט ווערט איהר ניט געפינען אזעלכע בלאסע און קרענקליכע פרויען, ווי עס זענען געוועזען אין ניינצעהנטען יאהרהונדערט, און דאס איז נאר דערפאר, וואס איצטער האבען אלע א וועלכע ניט איז געזונדע און דערקרעפטענדע בעשעפטיגונג. וויטער אנטקעגען דעם סיסטעם פון די ראנגען א. ד. ג. איז דא פארהאן זעהר א קליינער אונטערשיעד: ווי באלד די פרויען זענען גיבער א הילפס־גרופע, איידער א ריכטיגער טייל פון דער מענער־ארמעע, האבען זיי דעריבער א גאנץ אנדער איינריכטונג; זיי שטעהען אונטער דעם בעפעהל פון א פרוי און איבערהויפט אונטער דער אנפיהרונג פון ווייבליכען געשלעכט. דער גענעראל און אלע העכערע בעטריעבס־בעאמטע ווערען אויסגעקליבען פון צווישען די פרויען, וועלכע האבען שוין געענדיגט זייער דיענסט־צייט, אויפ'ן זעלבען אופן, ווי עס ווערען אויסגעקליבען די אפיציערען פון דער מענער־ארמעע און דער פרעזידענט פון דער מלוכה. דער גענעראל פון דער פרויען־ארמעע זיצט אויך אין קאבינעט פון פרעזידענט און האט דאס רעכט צו זאגען זיין מיינונג אויף די זאכען, וואס געהערען צו דער פרויען־ארבייט, ביז זיי ווערען פערענטפערט דורכ'ן קאנגרעס. מיט איין ווארט, זיי זענען ארגאניזירט, ווי א מלוכה אין א מלוכה, נאר פאר דער נאציע איז דאס ניט געפעהרליך.

דער הויפט פעהלער פון צ״יער צייט בנוגע צו דער פרויען־פראגע איז בעשטאנען דערין, וואס איהר האט ניט אנערקענט, אז די פרויען האבען א גאנץ אנדערע, בעזונדערע אינדיווידואליטעט. איהר האט ניט בעמערקט דעם טיעפען אונטערשיעד, וועלכער מאכט אין פיעל זאכען די ביידע געשלעכטער גאנץ פרעמד איינעם פאר דעם צווייטען. עס זענען פאראן זאכען, אין וועלכע יעדער פון זיי סימפאטיזירט מעהר צו זיין געשלעכט. נאר אזוי ווי מיר לאזען יעדעם געשלעכט פריי זיך צו ענטוויקלען אויף זיין אייגענעם גאנג און בעמיהען זיך ניט זיי אויסצוגלייכען, — ווי עס האבען געוואלט אייניגע פון אייך, — געפינט שוין ממילא ביי אונז יעדעס געשלעכט פערגעניגען אין לעבען אויף זיין אופן, ניט אויפהערענדיג אין דער זעלבער צייט צו סימפאטיזירען דעם צווייטען געשלעכט. ווייטער, די פרויען פון נייגצעהנטען יאהר־הונדערט האט ניט געהאט קיין שום טהעטיגקייט, דעריבער האט זיך ביי זיי ענטוויקעלט א אוננאטירליכער קאמפף געגען די מענער. יעצט אבער בענוצען זיי זיך מיט די זעלבע רעכטען, האבען די מעגליכקייט צו זוכען כבוד, מאכען א קאריערע א. ד. ג. און זענען דעריבער גליקליך. ווען מיר טהוען א קוק אויף די פערגאנגענהייט, פערשטעהען מיר, וואס די פרויען האבען געמוזט אויסליידען ביי אזא ארדנונג, ווי אייערע. בעזונדערס טרויעריג איז געוועזען די לאגע פון אייערע ווייבער מיט זייער ענגען האריזאנט, וואס איז געוועזען פיזיש בעגרענצט דורך די פיער וועגד פון אייער הויז און גייסטיג — דורך זייערע קליינליכע פערזענליכע אינטערעסען. איך רעד שוין ניט וועגען די ארעמע קלאסען, וואס האבען אזוי אויך געארבייט מיט׳ן ביטערן שוויים, נאר וועגען די רייכע אליין. זיי האבען ניט געהאט קיין אויסגאנג פון זייער קלעגליכער לאגע, ווייל זיי האבען זיך ניט בעטייליגט אין קיינע געזעלשאפטליכע אנגעלעגענהייטען און אינטערעסען. די מענער וואלט אזא לאגע שוין לאנג געבראכט צו א נערווען־שוואכקייט אדער צו משוגעת. ביי היינטיגען טאג זענען גאר אנדערע איינריכטונגען. ערשטענס, הערט מען שוין היינט ניט, אז א פרוי זאל וועלען זיין א מאנספערזאן, אדער

עֶלטערען זאָלען בעסער וועלען האָבען יונגלעך איידער מיידלעך; אונזערע מיידלעך זענען אַזוי עהרגייציג אין זייערע שטרעבונגען, ווי די יונגלעך. און צווייטענס, אויך נאָך דער חתונה דערוויטערט זיך אַ פרוי ניט פון געזעלשאַפטליכען לעבען. נאָר ווערענדיג אַ מוטער, דערוויטערט זיך אַ פרוי אויף אַ בעשטימטע צייט פון דער געזעלשאַפט, נאָכדעם קעהרט זי זיך אום צוריק צו איהר טהעטיגקייט. מיט איין וואָרט. ווערענדיג אַליין גליקליכער, מאַכען זיי דערמיט גרעסער דאָס גליק פון די מענער.

מיינט ניט, פון דעסטוועגען, אַז אַזאַ גליקליכע געזעלשאַפטליכע לאַגע פון די פרויען ציהט זיי דעריבער אָב פון חתונה־האָבען; דער בעשעפער האָט אַזוי אַיינגעאָרדענט, אַז וועלכע פערענדערונגען עס זאָלען ניט פאָרקומען אין די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען צווישען די מענער און פרויען, בלייבען דאָך די גענענזייטיגע נייגונגען צווישען זיי די זעלבע. אויסער דעם, שטערט גאָר ניט דאָס חתונה־האָבען די פרויען צו בעקומען העכערע שטעלען: פערקעהרט. דוקא אַלע גרויסע שטעלען זענען דורכאויס פערנומען פון אַזעלכע פרויען, וויל נאָר זיי וועלען גערעכענט פאַר פאָרשטעהער פון זייער געשלעכט.

— בעקומען דען די פרויען אויך קרעדיט־P אַ רטען, ווי די מענער?

— געוויס

— די פרויען מוזען, מסתמא, בעקומען אַ קרעדיט אויף אַ קלענערע סומע, וויל זיי אונטערברעכען גאַנץ אָפט זייער אַרבייט איבער די פאַמיליענפליכטען!

— אַ קלענערע! — האָט דער דר. אויסגערופען. — אָ, ניין! די פרויען בעקומען אַ קרעדיט צוגלייך מיט די מענער, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ביי זיי טרעפט גאַנץ אָפט אונטערברעכונגען אין דער אַרבייט איבער פאַמיליענפליכטען. אויב רעדען פון אַ אונטערשיעד, וואָלט מען דעם פרויענקרעדיט בעדאַרפט פערגרעסערן איבער דער גרויסער טובה, וואָס זיי טהוען דער נאַציע דורכ'ן האָדעווען און ערציהען די קינדער; נאָך אונזער מיינונג, האָבען זיי דאָס רעכט אויף די אמת'ע דאַנקבאַר-

קײַט פון דער נאַציע. קײנער ברענגט ניט אַזאַ נוצען דער וועלט, ווי גוטע עלטערען. עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ אויפגאַבע, װאָס זאָל אַזוי זײַן אָהן פּניות און זאָל ניט פערלאַנגען קײן בעלוינונג, ווי די ערציהונג פון קינדער, וועלכע וועלען רעגירען איבער דער וועלט, ווען מיר וועלען שוין ניט לעבען.

— אַלזאָ, זענען מאַטעריעליש די פרויען ניט אָבהענגיג פון זײערע מאַנען?

— אויף קײן פאַל ניט, — האָט דער דר. געענטפערט; — און דאָסזעלבע זענען די קינדער ניט אָבהענגיג פון זײערע עלטערען, וואָס עס איז שײך צו לעבענסמיטלען; דער שׂכל פון דעם איז, וואָס די אַרבײַט פון אַ קינד, בעת ער וועט אויסוואַקסען, וועט געהן אויף צו פערגרעסערן די הכנסות פון דער רעגירונג, ניט פאַר די עלטערען, און דעריבער איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס זײ דאַרפען ערצויגען וועהרען אויף קהל'שער רעכנונג. דערצו דאַרפט איהר וויסען, אַז די הוצאות פון יעדער פערזאָן, ווי פון פרויען, אַזוי אויך פון מענער און קינדער, הענגען־אָב אינגאַנצען פון דער רעגירונג און האָבען ניט קײן שום פערמיטלער, אויסער, נאַטירליך, די עלטערען, וואָס זענען אין אַ געוויסען זינען די אַפּוטרופּסים, די אויפזעהער איבער די קינדער, איבער אַזעלכע בעציהונגען פון אײנציגע פערזאָנען צו דער נאַציע, האָט יעדער מענש דאָס רעכט אויף לעבענס־מיטלען פון דער רעגירונג; און דאָס דאָזיגע רעכט שטעהט אין קײן פערבינדונג ניט מיט זײערע אַנגעלעגענהײטען צו אַנדערע פערזאָנען פון פאָלק. בײַ אַזאַ סאָציאַלער אָרדנונג, ווי אונזערע איז, טאָר גאָר קײן אײנציגער ניט זײַן אָבהענגיג פון צווײטען, וואָס וואָלט דענסמאָלט בײַ אַזעלכע אָרדנונגען געוואָרען פון דער פערזענליכער פרײַהײט און ווירדע? אײערע מײנונגען וועגען פרײַהײט זענען מסתּמא געוועזען גאַנץ אַנדערע, אַלס איצטער, וואָרום אויב ניט וואָלט איהר דאָך גאָר ניט אָנגעהויבען צו רעדען וועגען פרײַהײט אין אַזאַ געזעלשאַפט, וואו כמעט אַלע מיטגלידער זענען אָבהענגיג געוועזען פון אַנדערן, צ. ב. ש. — די אָרעמע פון רײַכע, אונטערטער פון בעלי־בתּים, פרויען פון

מענער און קינדער פון עלטערן. אנשטאט צו פערטיילען די נאציאנאלע פראדוקציע צווישען איהרע מיטגליעדער דירעקט, וואס דאס איז געוועזען זעהר אפראסטע מעטאדע, האט איהר עס פערביטען אויף א סיסטעם פון א אונענדליכער איבערגעבונג פון האנד צו האנד, וואס האט ערניעדריגט דערביי אלע נעהמער.

לא'מיר יעצט אריבערגעהן צו דער פרויען־פראגע. אין אייער צייט איז די מאטעריעלע אבהענגיגקייט, אין וועלכער די פרויען האבען זיך געפינען בנוגע צו די מענער, געוועזען גאר א געוועהנליכע ערשיינונג. דאס וואלט נאך געוועזען צו דערליידען, ווען חתונה האט מען געהאט אוים ליעבע, חאטש פאר א קלוגער פרוי האט אזא לאגע נאך אלץ געמוזט אויסזעהן זעהר ניעדריג; שטעלט זיך אבער פאר וי די לאגע פון א פרוי אין דעם פאל, ווען זי האט זיך גענדארפט דעם מאן פערקויפען, ווען זי האט חתונה געהאט צוליעב לעבענס־מיטלען? איבריגענס, זענען אין אייערע צייטען אויך געוועזען א זעלכע, וואס דער גורל פון די פרויען האט זיי שטארק מצער געוועזען; דאס איז אבער געוועזען נישט מעהר, אלס אנ'אבסטראקטעס געפיהל פון מיטלייד; זיי איז נאר קיינמאל אין געדאנק נים געקומען צו בעטראכטען, וואס פאר א מערדעריי און אונגערעכטיגקייט עס איז פון די מענער צו בעהערשען די גאנצע פראדוקציע פון דער וועלט און צווינגען די פרויען אויסצובעטלען זייער חלק. נאר וואס היץ איך זיך אזוי? פונקט ווי די ליידען און שאנד, וואס די ארעמע פרויען האבען אויסגעליטען, וואלטען נים געוועזען א לאנג שוין פערגאנגענע זאך, און ווי איהר וואלט דערין שולדיג געוועזען, ווערענד איהר האט זיי, אהן צווייפעל, בעדויערט נים ווניגער, אלס איך.

— זעהר ריכטיג, — האב איך געענטפערט, — נאר איך מוז זיי פערטיידיגען דערמיט, וואס מען האט בשום אופן נים געקאנט אויסקלערען קיינע ראדיקאלע פערבעסערונגען בנוגע צו דער פרויען־לאגע, ווי לאנג דאס פאלק איז נים דערוואקסען צו דעם יעצטיגען פראדוקציאנס־סיסטעם און ארבייטס־פערטיילונג.

אַזוי ווי נאָך אייער מיינונג קומט אויס, אַז די הויפּט אורזאַך פון דער הילפלאָזיגקייט פון דער פרוי איז בעשטאַנען דערין, וואָס זי איז געוועזען אָבהענגיג פון מאַן, קאָן מען זיך שוין ממילא ניט פאָרשטעלען קיין בעסערע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע, ווי בײַ אײַך איז אײַנגעפיהרט, וואָס קאָן בעפרײַען די פרוי פונ׳ם מאַן. נאָר איך וואָלט וועלען וויסען, צי דאָס, וואָס די פרויען זענען אינגאַנצען בעפרײַט געוואָרען פון די מענער, האָט גאָר קיין שום אײַנפלוס ניט געמאַכט אויף די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען צווישען די געשלעכטער?

— אַ האָר אויך ניט, — האָט דער דר. געענטפערט. — די הויפּט-ענדערונג בעשטעהט נאָר דערין, וואָס יעצט עקזיסטירט ניט אין דיזע אַנגעלעגענהייטען פון בײַדע צדדים יענע פער-לעגענהייט און אונבעקוועמליכקייט, וואָס האָט פריהער געהערשט; יעצט זענען זיי בײַדע אינגאַנצען אונאָבהענגיגע און גלײַכע מע-שען און פערקעהרען אײַנער מיט דעם אַנדערען נאָר אויס ליעבע. בײַ אײַך האָט דאָס חתונה-האָבען געבראַכט אַ גרויסען נוץ דער פרוי, ווײַל זי איז דאָך געוועזען מאַטעריעל אָבהענגיג פון די מענער; אָבער דאָס האָט זיך אָפען אַרויסגעזאָגט נאָר בײַ די ניעדריגע קלאַסען. אין די העכערע קלאַסען האָט מען די נוצען, וואָס די פרוי פלעגט בעקומען, פערמאַסקירט דורך פערשיעדענע צערעמאָניעס, עס זאָל אויסזעהען, פערקעהרט, אַז פון דעם שדוך געווינט דער מאַנספּערזאָן, און דעריבער האָט דער מאַן דער ערשטער געמאַכט דעם פאָרשלאַג. עס האָט זיך גערעכענט פאַר נישט פאַסיג, אַ פרוי זאָל די ערשטע אַרויסווײַזען איהר סימפּאַטיע צו אַ מאַנספּערזאָן. בײַ אונז אין דער ביבליאָטעק זענען נאָך פאַרהאַן די ביכער פון אײַערע פּערפאַסער, וואָס זענען טאַקי געשריעבען מיט דעם צוועק צו פערענטפערן די פראַגע — בײַ וועלכע אומשטענדען איז ניט שענדליך, אַז אַ פרוי זאָל די ערשטע ערקלערען ליעבע? יעצט ווײַזט אונז אויס דער פאַקט זעהר לעכערליך, נאָר אין אײַער צײַט האָט ער געהאַט אַן ערנסטע בעדײַטונג. אויב אין יענער צײַט וואָלט אַ פרוי די ערשטע ערקלערט ליעבע, וואָלט עס הײַסען, אַז זי בעט זיך, דער

מאַנספּערזאָן זאָל נעהמען אויף זיך די לאַסט צו פערזאָרגען זי מיט לעבענסמיטלען. דעריבער האָט דער שטאַלץ און די איידעלקייט אונטערדריקט די פרייע געפיהלען פון איהר הארצען. אין דער היינטיגער צייט ערקלערען די מיידלעך ליעבע אזוי פריי, ווי די מענער, חאָטש קאָקעטעריע איז פעראכטעט ביי דער פרוי, ווי ביי'ם מאַנספּערזאָן.

— אַלזאָ, ערקלערען די מיידלעך פון צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט גאַנץ פריי ליעבע?

— בעשטימט, אויב זיי ווילען. זייערע געפיהלען פער־בּאָרגען זיי אזוי ווענינ, ווי די מענער. די פערשטעלטע, פאַלשע קאַלטקייט, וואָס האָט אין אייער צייט זעלטען אָבגענאַרט דעם פערעהרער, וואָלטען איהם אין דער יעצטיגער צייט אונבעדינגט אָבגענאַרט, ווייל קיינער פיהרט זיך היינט אזוי נישט אויף.

— דערפון, וואָס איהר האָט דאָ גערעדט וועגען די בעציהונגען פון ביידע געשלעכטער צווישען זיך, פערשטעהע איך, אז ביי אייך קומען ניט פאָר קיין אַנדערע חתונות, סיידען דורך ליעבע. ווי שיער דאָס וואָלט געוועזען פאַר די מענשען פונ'ם 19־טען יאָהרהונדערט זיך פאָרצושטעלען אזאַ וועלט, וואו אַלע חתונות זענען די פאָלגע פון ריינער ליעבע!

— בעמערקט נאָך, — האָט דער דר. געזאָגט, — אַז חתונות אוים ריינער ליעבע, פון וועלכע איהר זענט אזוי ענטציקט, האָבען אַ פיעל ערנסטערערע בעדייטונג, אַלס איהר שטעלט זיך פאָר. אזוי ווי די אָרעמקייט און דאָס נויטיגען זיך אין אַנ'אייגען ווינקעלע צווינגען שוין ניט מעהר די פרויען צו האָבען אַלס פעטער פאַר זייערע קינדער אזעלכע מענשען, וואָס פערדינען ניט קיין ליעבע און אַכטונג; און אזוי ווי רייכקייט און יחוס ציהען שוין אויך מעהר ניט אָב די אויפמערקזאַמקייט פון פערזענליכע מעלות, — ווערען שוין, אָהן צווייפעל, אַלע גייסטיגע מעלות, ווי טאַלענט, שענקייט, שאַרפזיניגקייט, רעדעקינסט, גוטסקייט, עניוות און מוטהיגקייט, — איבערגעגעבען בירושה צו די ווייטערע דורות, אין צוליעב אזאַ נאַטירליכען אויסוואַהל ווערען די גוטע מידות פון דער ראַסע פערבעסערט, און די שלעכטע —

פערניכטעט. עס געבען, נאטירליך, אין דער יעצטיגער צייט אויך אזעלכע פרויען, וואס, אויסער ליעבע, זוכען זיי אין א מאנספערזאן מעלות אויך און שטרעבען צו מאכען א גלענצענדע פארטיע, נאר אפילו זיי געהען אויך נאכ'ן זעלבען געזעץ, ווייל איצטער צו מאכען א גלענצענדע פארטיע הייסט — ניט חתונה צו האבען פאר א מענשען מיט געלד אדער טיטלען, נאר פאר אזעלכען, וואס שטעהט העכער פון אנדערע מיט זיין טאלענט אדער מיט גוטע אויסצייכנונגען, וואס ער האט פערדיענט פון דער געזעלשאפט. די דאזיגע לייט בילדען ביי היינטיגען טאג די איינציגע אריסטאקראטישע קלאסע, און מיט זיי זיך מתחתן צו זיין איז א גרויסע עהרע. אלס רעזולטאט פון אלע אויבענ־דערמאנטע אורזאכען בעקומען מיר, אז אונזער פאלק שטעהט אויף א העכערער מדרגה, אלס אייערע צייט־גענאסען, ווי קערפערליך, אזוי אויך גייסטיג און מאראליש. אנדערש קאן עס גאר ניט זיין, ווייל אויסערדעם, וואס איצטער ווירקט איינס פון די וויכטיגסטע נאטור־געזעצען, — דער פרייער געשלעכטליכער אויסוואהל, — קומט איהם נאך צו הילף א טיעפעס מאראלישעס געפיהל. אין נייצעהנטען יאהרהונדערט איז זעהר שטארק ענטוויקעלט געוועזען דאס געפיהל פון אינדיווידואליטעט וועלכעס האט זעהר שלעכט געווירקט אויף די געפיהלען פון ברידערליכקייט צווישען די מענשען און האט נאך דערצו פערניכטעט דאס בעוואוסטזיין פון פעראנטווארטליכקייט פון די לעבעדיגע פאר די קומענדע דורות. היינט איז די פעראנט־ווארטליכקייט געווארען איינע פון די הויפט־מאראלישע פאלקס־אידעען, וועלכע צווינגט דעם מענשען צו זוכען אין צווייטען געשלעכט דאס שענסטע און איידעלסטע, וואס עס קאן נאר געבען. אט פאר וואס אין אונזער צייט ווירקט אויף אונזערע יונגעלייט קיין זאך ניט אזוי שטארק, ווי דאס, וואס די פרויען זענען די ריכטער (שופטים) איבער זייער טהעטיגקייט, דערמיט וואס זיי בעלוינען די זיעגער מיט זיך זעלבסט, און עס פער־זיצען אויף שטענדיג נאר אזעלכע יונגעלייט, וואס האבען ניט ערפילט זייערע לעבענס־אויפגאבען, ווי נעהעריג איז. זעלטען

וועלכע פרוי עס איז מרוצה חתונה צו האבען פאר אזא מענשען אויס מיטלייד. ביי אונזערע פרויען, די היטער פון די קומענדע דורות, קאן מען דאס פליכט־געפיהל אין דעם פאל פערגלייכען מיט א רעליגיעזען קולט אין וועלכען זיי ערציהען זייערע טעכטער פון קינדהייטאן.

אין יענעם אווענד האב איך פאר'ן שלאף דורכגעלעזען בעריאנ'ס א ווערק. ער רעדט דארט ארום די היינטיגע מיינונגען וועגען דער פעראנטווארטליכקייט פון די עלטערען פאר די קינדער.

## XXII.

אין מיין פריהערינגען לעבען פלעגט אפט זונטאג נאך מיטאג מיר ווערען עפעס מאדנע אונמוטהיג, אזוי אז איך האב ניט געוואוסט, ווי אזוי צו פערברענגען די אנדערע העלפט טאג. דעם זונטאג, וועלכער איז פאר מיר געוועזען דער ערשטער אין דעם יאהרהונדערט, בין איך, ניט קוקענדיג אויף מיין נייע ארט לעבען, אויך אריינגעפאלען אין א טיעפען אונמוט; דאס אבער איז ניט געוועזען די פריהעריגע אונבעשטימטע מעלאנכאליע, — מיך האט געדריקט מיין אונגעוועהנליכע לאגע. דער מאראלישער נעגענזאץ פון מיין צייט צו דער יעצטיגער איז געוועזען זעהר גרויס, און איך האב מעהר ווי אלע מאל געפיהלט מיין איינזאמקייט. איך האב גאנץ גוט פערשטאנען, אז די ארומיגע מוזען קוקען אויף מיר מיט מיטלייד, געמישט מיט נייגיעריגקייט און אפילו מיט פעראכטונג. איך האב דאס בין יעצט ניט ארויסגעזעהען נאר צוליעב דער אונגעוועהנליכער גוטסקייט און פריינדליכקייט פון מיינע בעלי־בתים צו מיר; נאר מיר האט זיך געדאכט, אז אין הארצען דארפען זיי אויף מיר קוקען, ווי אלע אנדערע מענשען פון היינטיגען דור. איך בין זיך מודה, אז דער געדאנק האט מיך בעאונרוהיגט נישט אזוי פיעל בנוגע צו דעם דר. ליט און זיין פרוי, ווי צו יהודית'ן.

איהר ווערט דאך שוין דערפון פערשטעהן, וואס דאס געפיהל האט בעטייט, — איך האב זיך אין איהר פערליעבט. אבער עס האט אנדערש ניט געקאנט זיין ביי יענע ריהרענדע אומשטענדען, אין וועלכע איך האב זיך געפינען פון דער צייט אן, וואס איך האב ערוואכט. דאס, וואס זי האט זיך געראטיוועט פון משוגעת; איהר טיעפע סימפאטיע, וועלכע האט מיר געגעבען קרעפטען אריבערצוטראגען דעם איבערגאנג צו א נייעם לעבען; מיין געוואוינהייט צו קוקען אויף איהר, ווי אויף א פערמיטלערין צווישען מיר און דער ארומיגער וועלט, — דאס זענען די אורזאכען, וואס האבען זיך צוגעצויגען צו איהר, שוין ניט רעדענדיג וועגען איהר קלוגהייט און זעלטענער שענקייט. איך האב זי געהאלטען העכער פון אלע פרויען אין דער וועלט, וועלכע איך האב געקענט, עס פערשטעהט זיך, אויסער מיין פריהעריגער כלה. יעצט, דערזעהענדיג, אויף וויפיעל מיינע האפנונגען האבען זיך גענארט, האב איך נאך מעהר דערפיהלט מיין איינזאמקייט.

מיינע בעלי־בתים האבען גלייך בעמערקט מיין ניעדערגעשלאגענעם צושטאנד און האבען זיך בעמיהט מיך אויפצומונטערן; מעהר פון אלעמען האט איבער מיר געליטען יהודית, נאר איך האב, ווי געוועהנליך די פערליעבטע, שוין מעהר ניט געשעצט איהר פריינדליכקייט צו מיר, נאך דעם אז איך בין שוין געוועזען אזוי נאריש צו האפען אויף א הייסערע פריינדשאפט.

פון אווענד בין איך אוועק שפאצירען איבער'ן גארטען; עס איז שוין געוועזען פינסטערליך; די לופט איז נאך געוועזען ווארעם, חאטש דער הערבסט האט זיך שוין געלאזט פיהלען. באלד האב איך זיך געפינען ביי'ם אבגעגראבענעם טייל פון הויז און בין אריין אין מיין אונטערערדישעם צימער, וואו איך האב זיך געזעצט, פערזינקענדיג אין פאנטאזיען. די בילדער פון מיין פערגאנגענעם לעבען זענען מיר לעבעדיג פארגעקומען פאר מיינע אויגען; איך האב זיך דערמאנט, אז עס זענען שוין פערלאפען מעהר אלס הונדערט יאהר, זייט יהודית בארטלעט איז

נעשטאָרבען, ווי אויך דער גאַנצער דעמאָלטדיגער דור. אונ-מוטהיגע, מָרָה־שְׁחוֹרָה'דיגע געדאַנקען, איינער פינסטערער פון דעם צווייטען, האָבען זיך געַנומען מישען אין מיין קאָפּ; די פערגאַנגענהייט איז שוין געוועזען אָבגעשטאָרבען און בעגראָבען אונטער דער משא פון א גאַנצען יאָהרהונדערט, און פון דער יעצטיגער בין איך געוועזען אויסגעשלאָסען. איך בין, אַלזאָ, געוועזען ניט קיין טויטער און דערביי אויך ניט קיין לעבעדיגער.

פלוצלונג האָב איך דערהערט יְהודית'ס שטימע; זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל און האָט מיך שמייכלענדיג אָנגעקוקט, נאָר אין איהרע אויגען האָט זיך געזעהן צערודערונג און מיטגעפיהל.

— ענטשולדיגט, וואָס איך האָב געשטערט אייער איינזאמקייט; אָבער מיר דוכט, אַז איהר זענט אונמוטהיג, און איהר געדענקט, אַז איהר האָט מיר פערשפּראָכען זיך צו ווענדען צו מיר, אויב אייך וועט זיין שווער צו'ם מוט; איהר האָט, אַגַּבים, ניט געהאַלטען אייער וואָרט.

איך האָב זיך אויפגעהייבען און צוגעגאַנגען צו דער מיר, זיך בעמיהענדיג אַ שמייכעל צו טהון, נאָר קענטיג, אַז דאָס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבען; אַ קוק געבענדיג אויף איהר רייצענד געזיכט, האָב איך זיך נאָך שטאַרקער דערמאָנט אָן די הויפּט־אורזאַך פון מיין עלענד.

— איך בין אונמוטהיג, וויל איך בין עלענד, — האָב איך געזאָגט, — איהר וועט דאָך מסתמא אויך איינשטימען, אַז איך בין דער עלענדסטער אין דער יעצטיגער וועלט. איך האָב, דאכט זיך, קיין ווערטער ניט אויסצודריקען אַזאַ לאַגע.

— איך בעט אייך, הער וועסט, דאָס ניט צורעדען, — האָט זי געזאָגט מיט טרערען אין די אויגען, — זענען מיר דען ניט קיין גוטע פריינד? וואָס בעהאַלט איהר זיך פון אונז?

— איהר זענט צו מיר געוויס זעהר פריינדליך, — האָב איך געענטפערט; — אָבער דאָס איז דאָך נאָר אויס מיטלייד. צו נאַריש וואָלט געוועזען פון מיין זייט ניט איינצוזעהן, אַז איך בין פאַר אייך עפּעס אַ מין פרעמדע, וואונדערליכע בְּרִיאָה. וואָס

האָט פערבלאָנדזעט אַ הער פון אַ אונגבעוואוסטער געגענד, און נאָר איהר עלענד רופט ביי איך אַרויס אַ רחמנות, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זי איז לעכערליך. עס זענען געוועזען איינינגע מאָמענטען, ווען איך האָב געמיינט, אַז מיט דער צייט וועל איך זיך איינגעוואוינען מיט אייער געזעלשאַפט און וועל ווערען גלייך מיט אַלע אַנדערע, נאָר גוט בעטראַכטענדיג זיך, האָב איך דערזעהען, וואָס פאַר אַ אונגעהייער טיעפער תהום עס איז צווישען אונז.

— מיינט איהר טאַקי אין דער אמת'ן אזוי? — האָט דאָס מיידעל אויסגערופען מיט טרערען. — ניין, הער וועסט, מיר האָבען וועגען אייך אַ גאַנץ אַנדער מיינונג. ווען איהר וואָלט וויסען, וויפיעל געזונד עס קאָסט מיך צו זעהן אייער פערצווייפלונג! מיט וואָס קאָן איך אייך איבערצייגען, אַז איהר האָט אַ טעות?

מיט טרערען אין די אויגען האָט זי מיר רעדענדיג אויסגעשטרעקט ביידע הענד, ווי זי וואָלט זיך איילען מיר צו העלפען, און איך האָב זיי, ניט ווילענדיג, אָנגעחאַפּט און פעסט געהאַלטען אין מיינע, ווי ביי'ם ערשטען מאָל. איהרע פינגער האָבען געציטערט. די ברוסט האָט זיך געהייבען און אין דער שטאַרקער אויפרעגונג פון איהר געזיבט האָט זיך אויסגעדריקט ניט אזוי מיטלייד, ווי עפּעס אַ מין געטליכער צאָרן אויף איהר שוואַכקייט. איהר שענקייט און גוטסקייט האָבען מיך אַזוי גערירהט, אַז איך האָב זיך בעשלאָסען אַרויסצוזאָגען דעם גאַנצען אמת. עס פערשטעהט זיך, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין פונק פון האָפנונג, נאָר פון דער אַנדערער זייט האָב איך אָבער אויך קיין מורא ניט געהאַט, זי דערמיט אַריינצובריינגען אין כעס; דערצו איז זי געוועזען צו גוט.

— פון מיין זייט, — האָב איך אָנגעהויבען, — איז עס זעהר אונדאַנקבאַר, נאָר איך בעגנוג זיך ניט מיט אַזאַ פריינדשאַפט, ווי איהר האָט מיר בעוויזען. נאָר זענט איהר דען אזוי בלינד, דאָס איהר זעהט ניט, אַז דאָס איז וועניג פאַר מיין גליק? זעהט איהר דען ניט, אַז איך בין פון זינען אַראָפּ און האָב איך ליעב בעקומען?...

דערהערענדיג מיין ליעבעס־ערקלערונג, האָט זי אַראָפּ־

געלאָזען די אויגען און איז רויט געוואָרען, נאָר די הענד האָט זי ניט אַרויסגענומען פון מײַנע. שטעהענדיג אַזוי איינ׳גע סעקונדען, איז זי פּלוצלונג נאָך רויטער געוואָרען און האָט אויף מיר אַקוק געטהון מיט אַ רײַצענדען שמײכעל.

— און איהר זענט דאָס זיכער, אַז איהר גופא זענט ניט בלינד? — האָט זי געזאָגט.

און גאָר.... נאָר דאָס איז גענוג געווען. איך האָב פערשטאַנען, ווי אונגלויבליך עס איז פאַר מיר ניט געווען, אַז די ליכטיגע שאָבטער פון דער גאָלדענער צײַט האָט מיר געשאָנקען ניט איהר מיטלײַד אַלײן, נאָר אויך איהר ליעבע. מיר האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט, אַז דאָס איז אַ זיסער חלום, אַפילו ווען איך האָב זי שוין געהאַלטען אין מײַנע אָרמען.

— אויב איך בין אַראָב פון זינען, האָב איך אויסגע־שריגען, — דאַן לאָזט מיך אין דעם דאָזיגען צושטאַנד!

— איהר מוזט מיך האַלטען פאַר אַ משוגענע, — האָט זי אַ מורמעל געטהון, זיך אַרויסרײַסענדיג פון מײַנע אָרמען, ווי נאָר איך האָב זיך צוגעריהרט צו איה׳רע ליפּען. — אַך, וואָס דענקט איהר וועגען מיר, וואָס איך האָב זיך געוואָרפען אין די אָרמען פון אַ מענשען, וועלכען איך קען קוים אַ וואָך!... איך האָב אַזוי געליטען פאַר אייך, אַז איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך רעד. איהר דאַרפט זיך אָן מיר פריהער ניט אָנריהרען, איידער איהר וועט זיך דערוויסען, ווער איך בין. נאָכדעם, מײַן העָר, וועט איהר מוזען בײַ מיר גאַנץ רוהיג בעטען ענטשולדיגונג דערויף, וואָס איהר האָט זיך אײַנגעגלויבט, אַז איך האָב זיך אין אייך צו גיך פערליעבט. ווען איהר וועט זיך דערוויסען, ווער איך בין, וועט איהר מוזען מודה זײַן, אַז איך האָב זיך גאָר פּראָסט געמוזט אין אייך אײַנליעבען פון ערשטען בליק אָן, און אַז קײַן איינציג מײדעל מיט אַ געפיהל וואָלט זיך אויף מײַן אָרט אויך אַנדערש ניט בעגאַנגען.

נאָכדעם איז זי געשווינד אויפגעשטאַנען און האָט זיך געלאָזען געהן צו דער שטוב, און איך נאָך איהר. עס פערשטעהט זיך, אַז איך וואָלט בעדײַט געווען אויסצוקוקען אָהן אַ ערקלערונג.

נאָר יְהוּדִית האָט פעסט בעשלאָסען, דאָס קיין קוּש זאָל מעהר ניט נעגעבען ווערען, ביז זי וועט זיך ניט אָבריינינגען פון יעדען חֲשַׁד אין צו שׁנעלער איינליבענישׁ. אַריינגעהענדיג אין צימער, וואו עס איז געזעסען איהר מוטער, האָט זי איהר, רויט ווערענ־דיג, עפּעס אַ מורמעל געטהון אין אויער און איז גיך אַרויסגע־גאַנגען, לאָזענדיג אונז אַליין.

פון פרוי ליט האָב איך, צו מיין גרויסען בּעוואונדערונג, ערפאַהרען, אַז יְהוּדִית איז אַ אוראייניקעל פון מיין פריהעריגער געליבטער יְהוּדִית באַרטלעט. נאָכדעם, אַז זי האָט נאָך מיר פיערצעהן יאָהר געטרויערט, האָט זי חֲתוּנָה געהאַט און האָט איבערגעלאָזען אַ זוהן, וועלכער איז געוועזען פרוי ליט'ס פאָטער. איהר באָבען האָט פרוי ליט קיינמאָל ניט געזעהען, אָבער זי האָט פיעל פון איהר געהערט און ווען זי האָט געבּוירען אַ טאָכטער, האָט זי איהר אַ נאָמען געגעבען נאָך איהר — יְהוּדִית. די עהנליכקייט פון די נעמען האָט פערגרעסערט דעם אינטערעס, וואָס דאָס מיידעל האָט געפיהלט צו איהר עלטערבאָבען און בעזונדערס צו דעם טרויעריגען טויט פון איהר חָתָן, וואָס איז אומגעקומען אין פייער.

די גאַנצע ערצעהלונג האָט זעהר שטאַרק געווירקט אויף די געפיהלען פון ראָמאַנטישען מיידעל, און דער געדאַנק, אַז אין איהרע אָדערען פליעסט דאָס בּלוט פון דער אונגליקליכער העלדין, האָט נאָך מעהר פערגרעסערט יְהוּדִית'ס אינטערעס צו איהר. דאָס בּילד פון מיין כַּלָּה מיט אַלע מיינע בּריעף זענען אַריינגעפאַלען אין יְהוּדִית'ס הענד, אַלס אַ יְרוּשָׁה־זאַך פון דער פאַמיליע. פון די בּריעף האָט זי געקאָנט בּעקומען אַ בּעגריף וועגען מיין פערזענליכקייט און זי פלעגט ניט איין מאָל זאָגען איהרע עלטערען האַלב ערנסט, האַלב שפּאַסענד, אַז זי וועט אַזוי לאַנג ניט חֲתוּנָה האָבען, בּיז זי וועט ניט געפינען אַזאַ חָתָן, וואָס זאָל גלייך זיין צו יוליאַן וועסט. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס וואָלט נאָר געבּליבען אַ חֲלוֹם פון דעם יונגען מיידעל, וואָס האָט נאָך ניט געוואוסט פון ליבּע, און עס וואָלט גאָר גאָרניט געקאָנט דערפון אַרויסקומען, ווען צופעליג וואָלט ניט ענטדעקט

געוואָרען דאָס אונטערערדישע צימער מיט מיין קערפּער. ווי נאָר מען האָט דעם טויטען קערפּער אַריבערגעטראָגען פון קעלער אין שטוב, האָט מען גלייך אין בילד. וואָס מען האָט געפינען אין אַ מעדאַליאָן אויף מיין ברוסט. דערקענט יהודית באַרטלעט, און דערפון און פון נאָך אַנדערע סימנים האָט מען זיך איבערצייגט, אַז איך בין ניט קיין אַנדערער. ווי יוליאַן וועסט. אֲפילו ווען מען וואָלט גאָר ניט געקאָנט טראַכטען וועגען מיין אויפלעבונג. האָט פרוי ליט משער געוועזען, וואָלט דאָך די פּאַסירונג געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף דאָס גאַנצע לעבען פון איהר טאָכטער. זיי האָבען דערין איינגעזעהען אַ מין געטליכע בעשטימונג, וואָס האָט אונז פעראייניגט צוזאַמען. פון דער מינוט אָן, וואָס איך האָב ערוואַכט פון'ם לאַנגען שלאָף. האָב איך געקוקט אויף יהודית'ן ווי אויף מיין איינציגען טרייסט אין דער נייער וועלט; און זי האָט מיר גלייך געשאָנקען איהר ליבע. איז עס נישט אַ ביסעל צו גיך פאָרגעקומען?

— איך מיין ניט אַזוי, — האָט זי ווייטער געזאָגט, — מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז איצטער איז שוין ניט דאָס נייַנצעהנטע יאָהרהונדערט, אַז איצטער וואַקסט די ליעבע שנעלער און ווייזט זיך אַרויס פיעל אָפענער און פרייער. אַלס דעמאָלט.

פון פרוי ליט בין איך אַוועקגעגאַנגען צו יהודית'ן. איך האָב זי גענומען פאַר ביידע הענד און לאַנג זי בעטראַכט מיט ענטציקען. וועהרענד איך האָב אויף איהר געקוקט. האָט די ערינערונג וועגען יענער. אַנדערער יהודית'ן. וועלכע איז שויאַך געוואָרען דורך די שרעקליכע פּאַסירונג. וואָס האָט אונז פאַנאַנדער געשיידט, וויעדער אויפגעלעבט — און מיין האַרץ איז צעשמאָלצען געוואָרען אין צערטליכע געפיהלען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיט איהרע אויגען קוקט אויף מיר יהודית באַרטלעט און שמייכעלט צו מיר; מיין מזל איז דעריבער געוועזען ניט בלויז דאָס מערק־ווירדיגסטע, נאָר אויך דאָס גליקליכסטע, וואָס קאָן נאָר טרעפען ביי מענשען. מיט מיר האָט געטראָפען אַ דאָפּעלטער נס. איך בין אַרויסגעשליידערט געוואָרען אויפ'ן ברעג פון אַ גאַנץ פרעמדער

וועלט און בין דאָך ניט געבליבען איינזאַם און אָהן פריינד. מיין געליעבטע, וועלכע איז, ווי איך האָב געמיינט, געשטאָרבען, האָט ערשיינט אין אַ נייעם רייצענדען קערפּער. ווען איך האָב צולעצט, אויס דאַנקבאַרקייט און צערטליכקייט, געשלאָסען דאָס ליעבע מיידעל אין מיינע אָרמען. זענען ביידע יְהוּדִית'ן פערשמאָלצען געוואָרען אין מיינע געדאַנקען אין איינע, און פון יענער צייט אָן האָב איך שוין אויף קלאָר זיי ניט געקאָנט אונטערשיידען. יְהוּדִית אַליין האָט אויך געוואָלט. איך זאָל בעסער רעדען וועגען יְהוּדִית באַרטלעט, איידער וועגען איהר אַליין, — איך זאָל איהר דערציילען, ווי איך האָב יענע געליעבט. און פאַר מיינע ליידענשאַפטליכע געפיהלען צו אַנ'אַנדער פרוי האָט זי מיך בעלוינט מיט טרערען, צערטליכע שמייכלען און האַנדדרוק.

— איהר דאַרפט מיך צו שטאַרק ניט ליעבען, — האָט זי דערביי געזאָגט, — אויב ניט וועל איך פון איהרעטוועגען זעהר אייפערזיכטיג זיין. איך ערלויב אייך ניט זי צו פערגעסען. אָפּטמאָל דוכט זיך אין דער אֱמֶת'ן אַז איהר נְשָׁמָה איז אַריין אין מיר, און מיין ריכטיגער נאָמען איז יְהוּדִית באַרטלעט, ניט יְהוּדִית ליט. גלויבט איהר דען ניט, אַז די נְשָׁמוֹת קומען אָפּטמאָל אַראָב פון יענער וועלט, מְקַיֵּים צו זיין די זאַכען, וואָס זיי האָבען געוואָלט דורכפיהרען לעבעדיגערהייט? וואונדערט זיך ניט, וואָס איך בינד צוזאַמען איהר לעבען מיט מיינעם. — איך ווייס דאָך, אויף וויפיעל זי און איהר האָט געהאַט אַנ'איינפלוס אויף מיין לעבען נאָך פריהער, איידער איהר זענט אַהער געקומען. דעריבער איז אייך גאַנץ לייכט מיך צו ליעבען, אויב איהר בלייבט איהר נאָר טריי.

אויפדערנאַכט, ווען איך האָב דעם דר. ליט מיטגעטיילט דאָס נייעס, איז ער, ווי עס ווייזט אויס, ניט נִתְפָּעֵל געוואָרען פון איהם; ער האָט מיר הערצליך געדריקט די האַנד און האָט בעמערקט:

— אין אַנ'אַנדער צייט וואָלט איך זיך געוואונדערט, וואָס דאָס האָט פּאַסירט אַזוי גיך, נאָר די יעצטיגע אומשטענדען, ביי וועלכע דאָס איז אַרויסגעקומען, זענען גאָר ניט קיין געוועהנליכע.

דיכטיג געערדט, מוז איך אייך זאגען, אז חאטש איך בין דערפון צופריעדען, פון דעסטוועגען קומט מיר דערפיר קיין דאנק נישט, ווייל מיין איינשטימונג איז יעצט א פראסטע פארמאליטעט. פון דער צייט אן, ווי עס איז ענטדעקט געווארען די געהיימניס פון דעם מעדאליאן, האט מען שוין די זאך געקאנט רעכנען כמעט בעשלאסען.

אין יענעם אווענד, שפאציערענדיג מיט יהודית'ן אין גארטען, וואס איז געוועזען פערגאסען מיט שיין פון דער לבנה, האב איך פון איהר דערגאנגען, אז די געהיימניס, וואס זי האט ביז יעצט אזוי שטרענג געהאט פון מיר בעהאלטען, איז בעשטאנען טאקי פון איהר קרובה'שאפט מיט מיין כלה.

— וואס וואלט מיט מיר געוועזען, ווען איך וואלט אייך נים געפעלען געווארען? — האט זי אויסגעשריגען. — וואס וואלט איך דאן אנגעהויבען צו טהון, פיהלענדיג, אז איך בין פאר אייך בעשטימט? קוים האט איהר נאר געעפענט די אויגען, בין איך שוין געוועזען בעזיכערט, אז איך מוז געהערען צו אייך; אבער דאס האט געקאנט פאסירען נאר דאן, אויב איהר גופא וועט עס וועלען. איך האב עס אייך שיער נים אויסגעזאגט אין יענעם מארגען, בעת איהר זענט געוועזען שרעקליך אונמוטהיג, נאר איך האב זיך בעשלאסען דאס נים צו טהון און האב מורא געהאט, אז דער פאטער און מוטער זאלען וועגען דעם זיך נים אויסרעדען; אט דאס איז געוועזען יענס געשפרעך, וואס איהר האט נים ווילענדיג אונטערגעהערט אין דעם מאמענט פון אייער ערוואכען. דער פאטער, אלס מאנספערזאן, האט גערעכענט, אז איהר וועט זיך פיהלען היימישער, אויב מען וועט אייך אויסזאגען, ווער מיר זענען. וועגען מיר האט ער איבערהויפט נים געקלערט. אבער די מוטער האט פערשטאנען, וואס איך מיין, און מען האט געטהון, ווי איך האב געוואלט. איך וואלט אייך גלייך אין די אויגען נים געקאנט קוקען, ווען איהר וואלט געוואוסט, ווער איך בין. די אורזאך, וועלכע האט מיך אבגעהאלטען אייך אויסצוזאגען, איז וואס איך האב מורא געהאט אייך צופיעל צו בעלעסטיגען; איך האב מורא, אז איהר טראכט וועגען מיר היינט

אויך דאָס זעלבע. נאָר זייט זינט זיבער, אַז איך האָב איבערהויפּט ניט געוואָלט איך צו בעלעסטיגען; אין אייער צייט האָבען דאָך די מיידלעך בעהאַלטען זייערע ליעבעס־געפיהלען פון די מענער,— איצט אָבער הערשען גאַנץ אַנדערע מיינונגען: סיי די מענער, סיי די פרויען פיהלען זיך יעצט גאַנץ אַנדערש. דאָס איז איינע פון די אינטערעסאַנטעסטע זייטען פון אייער אַמאָליגער געזעלשאַפטס־אָרדנונג.

נאָך איינינע אומזיסטע פּראָבען אָבשיעד צו נעהמען, האָט זי, ענדליך, מודיע געווען, אַז עס איז שוין צייט צו זאָגען אַ גוטע נאַכט. איך האָב איהר טאַקי צום לעצטען מאָל געוואָלט אַ קוש געבען ביים אָבשיעד־נעהמען, נאָר זי האָט שעלמיש געזאָגט:

— נאָך איין זאַך בעאונרוהיגט מיך. ווענט איהר זיכער, אַז איהר האָט פולשטענדיג מוחל געווען אייער פריהעריגער כלה, וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט אַנ׳אַנדערן? איך פרעג עס דערפאַר, ווייל איך האָב געלעזען אין אייערע ביכער, אַז אין יענער צייט איז די איפערזוכט ביי געליעבטע געווען אַ סך שטאַרקער, אַלס די ליעבע זעלבסט. קאָן איך איבערגעבען דעם בילד פון מיין עלטערבאָבען, אַז איהר זענט איהר מוחל איהר אונטריייהייט?

וועט עס דער לעזער גלויבען? נאָר דאָס קאָקעטישע שטעבּ־ווערטעל, וואָס יהודית האָט עס אפשר אַליין ניט בעמערקט, האָט מיך זעהר טיעף בעריהרט און אויסגעהיילט פון׳ם אונזיניגען געפיהל, דעם מין איפערזוכט, וואָס האָט מיך בעהערשט, ווי נאָר איך האָב דערוואוסט פון פרוי ליט וועגען יהודית באַרטלעט׳ס חתונה. אַפילו איצטער, בעת איך האָב געהאַלטען אין די אָרמען יהודית באַרטלעט׳ס אוראייניקעל, האָב איך מיר נאָך ניט דײַטליך פאָרגעשטעלט, אַז אָהן יענער חתונה וואָלט איך ניט געקאָנט אַרומנעהמען יהודית ליט.

— איהר קאָנט זי פערזיכערן, אַז איך בין איהר פול־שטענדיג מוחל, — האָב איך געזאָגט, — נאָר דאָס איז דערפאַר,

זואָס זי האָט חתונה געהאַט פאַר איער עלטערזיידען, ניט פאַר
גנ'אַנדערן.

נאָכדעם זענען מיר זיך צעגאַנגען. אַריינגעהענדיג אין
צימער, האָב איך דעם מוזיק־טעלעפאָן, ווי איך בין די גאַנצע
צייט געוואוינט געוועזען, ניט געעפענט; מיינע געדאַנקען זענען
געווען פיעל מוזיקאַלישער און האַרמאָנישער פון די בעסטע
אָרקעסטער פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט. איך האָב זיך
געפיהלט פאַר דעם גליקליכסטען פון די שטערבליכע.

---

## XXIII.

— היינט האָט איהר זיך אויפגעחאַפּט עפּעס נישט אַזוי
גיך, ווי געוועהנליך, הער וועסט, האָטש איהר האָט אָנגעזאָגט,
אַז מען זאָל אייך פריה אויפוועקען, — האָב איך דערהערט די
בעקאַנטע שטימע פון מיין דינער סאָיער.

איך בין האַסטיג אויפגעשפּרינגען אויף'ן בעט און האָב אָנגע-
הויבען זיך אַרומצוקוקען: איך האָב זיך געפינען אין טיין אונטערערדישען
שלאָפצימער; דאָס מילדע ליכט פון לאָמפּ האָט בעלייכטעט די
בעקאַנטע ווענד און דאָס מעבעל. בייַ'ם בעט איז געשטאַנען דער
דינער מיט אַ גלעזעל חערעס אין האַנד, וואָס דער דר. פּילסבערי
האָט מיר פערשריבען צו טרינקען נאָך דעם היפּנאָטישען שלאָף,
אַלס אַ מיטעל צו דערפרישען מיינע קרעפטען.

— טרינקט עס נאָר שנעלער אויס, הער וועסט, — האָט
ער נאָך אַ מאָל געזאָגט, — איהר זעהט־אויס זעהר אויפגערעגט
און מוזט זיך אונבעדינגט בערוהיגען.

איך האָב אַראָפּגעשלינגען דאָס געטראַנק און
זיך אָנגעהויבען צו דערמאָנען, וואו איך בין געוועזען און
וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. עס האָט זיך גאַנץ נאַטירליך
ערקלערט. די גאַנצע געשיכטע פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט
מיט זיין נייער געזעלשאַפטס־אָרדנונג; דער נייער, הערליכער
באָסטאָן מיט זיין אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד; דר. ליט, זיין פרוי

און טאָכטער, די צווייטע און שענערע יְהוּדִית, מיין כַּלָּה, — דאָס אַלעס איז געוועזען איינגאַנצען אַ חָלוֹם!...

אַ לאַנגע צייט בין איך געזעסען אין איין פּאָזע און האָב געוואָרפען צעמישטע בליקען אַרום, פערזונקען אין די ערגעצנע גרונגען וועגען די סצענען און בעגעבענהייטען פון מיין פאַנטאַסטישער פּאָסירונג. דער דינער האָט אויף מיר געקוקט פערזאָרגט; ענדליך האָב איך זיך פלינק אָנגעקליידעט און זיך געזעצט טרינקען קאַפע. נעבען דער טאַץ איז געליגען די מאָרגענצייטונג, און מיין בליק איז גלייך געפאַלען אויף דאָס דאַטום: דער 31־טערמאַי 1887־טען יאָהר. חאָטש איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אַלסדינג, וואָס איך האָב געהערט און געזעהען, איז מעהר נישט ווי אַ חָלוֹם, פון דעסטוועגען איז מיר געוועזען זעהר שווער זיך איבערצייגען, אַז די וועלט איז פון דער צייט אָן, וואָס איך האָב זיך געלעגט שלאָפען, עלטער געוואָרען איינגאַנצען מיט עטליכע שטונדען.

אַ קוק געבענדיג אויף די אינהאַלטס־פערצייכניש פון דער צייטונג, האָב איך געלעזען פאָלגענדעס:

אויסלענדישע נייעס. — דער אָנקומענדער קריעג צווישען פראַנקרייך און דייטשלאַנד. די פראַנצויזישע רעגירונג פאָדערט אַ נייע הַלְוָאָה צו פערגרעסערן די אַרמעע, ווייל די דייטשע אַרמעע האָט זיך פערגרעסערט. די מעגליכקייט פון אַ וועלט־קריעג. אַ גרויסער עלענד צווישען די אונבעשעפטיגטע אַרבייטער אין לאָנדאָן. גרויסע שטרייקען אין בעלגיען. שוידערהאַפטע פאַקטען וועגען דער בעשעפטיגונג פון מיידלעך אין די בעלגישע קויהלען־גרובען. בוירען־אונרוהען אין אירלאַנד.

אינערע נייעס. — די עפידעמיע פון שווינדלעריי. אַ פער־שווענדונג פון אַ האַלבען מיליאָן אין ניו־יאָרק. יְרוּשָׁה־פערטיילער האָבען דאָס געלד אַרייגגעחאַפּט צו זיך. יְתוֹמִים זענען געבליבען אָהן אַ גראָשען. אַ קונציגע גְנֵבָה פון אַ באַנק־קאַסיר: אַרויס־גע׳גנב׳עט 50,000 דאָלאַר. די בַּעֲלֵי־בָּתִּים פון די קויהלען־גרובען בעשליסען צו העכערן דעם פּרייז אויף קויהלען און צו פערקלענערן די פּראָדוקציע. די ספּעקולאַנטען אין טשיקאַגאָ טרייבען די ווייץ־מְקָחִים אין די הויך. די סְמֻרְב־סינדיקאַטען האָבען

אַרײַנגעהאַפּט אונגעהײַער גרויסע שטיקער לאַנד. דער אָנקומענדער משפּט פון מאַגיסטראַט אין ניו־יאָרק. גרויסע באַנקראָטען פון געשעפטס־הײַזער. די מורא פאַר אַנ'אַלגעמײַנעם געשעפטס־קריזיס. ערמאָרדעט אַ פרוי אין ניו־האַווען איבער געלד. אַ הויז־בעזיצער האָט מען די פאָריגע נאַכט דערשאָסען. דער זעלבסט־מאָרד פון אַנ'אַרבײַטער, וואָס איז געבליבען אָהן אַרבײַט. די איבעראַשענדע אונוויסענהײַט און פינסטערניש אין מאַסאַטשוזעטס. די רעדע פון פּראָפעסאָר בראַון איבער דער מאָראַלישער הויכקײַט פון דער ציוויליזאַציע פונ'ם 19־טען יאָהרהונדערט.

עס איז טאַקי אין דער אמת'ן געוועזען דאָס נײַנצעהנטע יאָהרהונדערט, דאָס יאָהרהונדערט פון בעריהמערײַ און זעלבסט־צופריעדענהײַט. דערין האָט שוין קײן צווײַפעל ניט געקאָנט זײַן, אָט דער קיצור פון די לעצטע טאָג־נאַכריכטען האָט אין זיך אָבגעשפּיגעלט זײַן גאַנצע וועלט מיט אַלע איהרע קנײַטשלעך.

בראַון'ס רעדע גופא, וואָס איז געשטאַנען אַם ענדע פון דער אויבענדערמאָנטער כראָניק מיט די בעריכטען איבער זעלבסטמאָרד, בלוט־דורשטיגקײַט און טיראַניע, האָט געקאָנט דיענען אַלס מוסטער פון אַזאַ ציניזם, וואָס האָט געפּאַסט נאָר פאַר מעפיסטאָפעל'ן. נאָר איך בין זיך מודה, אַז איך אַלײַן וואָלט אפשר אויך ניט בעמערקט די מאוס'קײַט פון דער רעדע מיט אַ טאָג פריהער. די איבערקערעניש, וואָס אין מיר איז געוואָרען, איז געקומען דורך יענעם וואונדערליכען חלום, פון וועלכען איך האָב נאָך איצטער ניט געקאָנט צו זיך קומען. איך האָב באַלד ווידער פערגעסען דעם ריכטיגען צושטאַנד און בין פערפלויגען אין מײַן פאַנטאַזיע אין יענע צויבער־וועלט, אין יענע הערליכע שטאָדט. איך האָב זיך ווידער געפינען צווישען פרויען און מענער, וואָס האָבען קײנמאָל ניט געוואוסט פון שרעק און אָבהענגיגקײַט, ניט קײן שטאָלצירענדע, אָבער אויך ניט קײן קנעכט, ניט קײן לײַדענדע פון קנאה און געלדגיעריגקײַט, ניט קײן צערודערטע דורך זאָרג און עהרגײַציגע, נאָר אַלע מאָל גלײַכע און רוהיגע בירגער.

ענדליך האב איך ערוואכט פון מיינע חלומות מיט א געפיהל פון אזא שאדען, וואס קיינער קאן מיר איהם נישט אומקעהרען. און דער וועהטאג איז נישט שוואכער געוועזען דאדורך, וואס דאס פערלוירענע האט קיינמאל ניט עקזיסטירט. באלד דערנאך בין איך ארויס אויף די גאס.

אויפ'ן וועג פון מיין הויז ביז וואשינגטאנער גאס, האב איך זיך איינינגע מאל אבגעשטעלט צו בעטראכטען זיך, וואו איך בין אין דער וועלט, — אזוי שווער איז מיר געוועזען זיך צו־געוואוינען צו'ם ווירקליך־עקזיסטירענדען באסטאן נאך יענער נייער שטאדט, וואס איך האב געזעהען אין חלום. דאס, וואס איך האב פריהער ניט בעמערקט, צ. ב. ש. די אונצינבטינקייט פון די הייזער און גאסען, האט מיך זעהר ניט געשמאק איבער־ראשט. אויסערדעם, האט מיך דער אונטערשיעד, וואס איך האב בעמערקט אין דער קליידונג און אין אויסזעהן צווישען די רייכע און ארעמע, וועלכע איך האב געטראפען אויף די גאסען, איבערראשט אויף יעדען טריט, און נאך מעהר האט מיך איבערראשט די גלייכגילטינקייט פון די רייכע צו די ארעמע. דערצו האב איך די גאנצע צייט געוואוסט, אז פון אלע מיינע צייט־גענאסען איז נאר אין מיר אליין א אומענדערונג פארגעקומען.

נאך אין איין הינזיכט האט דער יעצטיגער באסטאן גע־מאכט אויף מיר א שטארקען איינדרוק — מיט די אונצעהליגע אנאנסען און רעקלאמען. אלע וועגד און פענסטער פון די הייזער, די צייטונגען, אפילו די בריקען, — מיט איין ווארט, אלעס. וואס מען האט געקאנט זעהן, אויסער, נאטירליך, דעם הימעל, איז בעדעקט געוועזען מיט אויפרופען פון פערזאנען, וואס האבען זיך בעמיהט מיט אלערליי קונצען אויסצונארען נדבות פאר זיך. אט איז זייער אינהאלט: „העלפט דזשאן דזשאנס'ען! קימערט איך ניט וועגען אנדערע: זיי זענען גנבים. איך בין דער איינציגער עהרליכער סוחר. קויפט נאר ביי מיר! לאזט די אנדערע שטארבען פון הונגער, נאר, אום גאטעס ווילען, גערענקט אן דזשאן דזשאנס'ען".

איך ווייס ניט, וואס, אייגענטליך, האט אויף מיר אזוי געווירקט, וואס איך בין פלוצלונג געווארען א פרעמדער אין מיין אייגענער שטאדט. „אונגליקליכע! — האט זיך מיר געוואלט צו זיי א געשריי טהון. — איהר ווילט זיך ניט אויסלערנען איינער דעם אנדערען צו העלפען, און דעריבער זענט איהר געצוואונגען איינער ביי'ם אנדערען צו בעטלען! אט דער שרעקליכער מיש־מאש פון חוצפה'דיגער איינגעליעבטע און גענענזייטיגער ערניעדערונג, דאס הילכיגע געשריי פון בעריהמעריי און בעטלעריי, — דאס אלעס איז די נויטוועדיגע פאלגע פון יענער געזעלשאפטס־ארדנונג, וואו די מעגליכקייט צו דיענען דער וועלט לויט די כחות ווערט יעדען מענשען מיט גוטען ניט געגעבען, נאר דאס מוז גענומען ווערען דורך קאמפף.

קומענדיג אויף דעם רעכטען האנדעלספונקט פון וואשינג־טאנער גאס, האב איך זיך אבגעשטעלט און זיך הויך פאנאנדער־געלאכט, צו'ם גרויסען וואונדער פון די פארבייגעהענדע. די איינענדליכע רייהען קראמען פון ביידע זייטען גאס, וואס פער־קויפען גאנץ אפט איין און דיזעלבע סחורות, האט אין מיר דערוועקט א משוגען געלעכטער, וועלכעס איך האב בשום אופן ניט געקאנט אבהאלטען, דא זענען געוועזען טויזענדער קראמען צו פערטיילען די סחורה צווישען די שטאדט־איינוואהנער, און דארטען האט מען אלע נויטווענדיגע ארטיקלען בעקומען פון איין־איינציגען סחורה־לאגער, לויט די בעשטעלונגען, וואס פלעגען אריינקומען פון די מוסטער־לאגערען אין יעדען קווארטאל, וואו יעדער האט זיך געקאנט אויסקלייבען, וואס ער האט נאר נויטיג געהאט. דארט האט דאס פערטיילען די סחורות געפאדערט אזוי ווענינג ארבייט, אז דאס האט געהעכערט די פרייזען פון די פראדוקטען נאר אויף א קלייניגקייט. דא אבער האט דאס פערטיילען אליין פערגרעסערט די פרייזען אויף א פיערטעל, א דריטעל, א העלפט און כמעט נאך מעהר. וואס פאר איינגעהייערע סומען האט איינגעשלינגען בלויז דאס דירה־געלד פון צעהן טויזענד קראמען, גאבדעם די צעהנדליגער טויזענדער קאנטראלערען, פערקויפער, קאסירער, קאמיסיאנערען, בוכהאלטער און דאס גלייכען, שוין

ניט רעכנענדיג די הוצאות אויף רעקלאמען און אויף דעם גאנצען קאנקורענץ־קאמפף, — און פאר אלעס האבען געדארפט צאהלען די פערברויכער! אט איז איינע פון די הויפט־אורזאכען פון דער פעראָרעמטקייט פון דער נאציע. עס דוכט זיך, אז מען זעהט פאר זיך ניט קיין דערוואקסענע מענשען, נאר קינדער, וואס פיהרען זייער געשעפט נאך אזא נארישען סיסטעם! צ. ב. ש. ביז דער ארטיקעל פאלט אריין צו'ם געברויכער אין האנד, איז שוין דער גרעסטער טייל פון איהם פערשווענדעט; קאנען דאס קלוגע מענשען ניט זעהן אזא פראסטע נארישקייט? ווען דאס פאלק עסט מיט א לעפעל, פון וועלכען א העלפט ווערט פאנאנדער־געגאסען צווישען טעלער און די ליפען, וועט עס געוויס אוועק־געהן פון טיש הונגעריג. פריהער פלעג איך זעהר אפט ארומגעהן איבער וואשינגטאנער גאס און בעטראכטען די אויפפיהרונג פון די פערקויפער, נאר קיינמאל האבען זיי ניט ערוועקט אין מיר אזא נייגיערעקייט, ווי איצטער. מיך האבען זעהר געוואונדערט די שענע ארטיקלען, וואס זענען געוועזען אויסגעלעגט אין די פענסטער מיט אזא געשמאק, כדי וואס בעסער אריינצוציהען קונים; די בעלי־בתים אליין האבען געוועהנליך ארויסגעקוקט פון אינווענייג, אויף וויפיעל עס ווירקט די נארעריי.

איך בין אריין אין א קראם און האב בעמערקט, ווי דער בעל־הבית געהט ארום הין און צוריק און גיט אכטונג, די קאמי'ס זאלען וואס בעסער איינשמועסען דעם קונה צו קויפען פאר מזומנים אדער אויף קרעדיט, און איבערהויפט צו קויפען אזעלכע ארטיקלען, אין וועלכע ער נויטיגט זיך גאר נישט. צו וואס דארפען זיי זיך אזוי פיעל אנשטרענגען? דאס האט דאך שוין זיכער קיין שייכות ניט מיט א רעגעלמעסיגען פערזארגען מיט פראדוקטען יענע לייט, וואס נויטיגען זיך אין זיי; דאס איז דאך א ריינער היזק אנצובינדען מענשען מיט געוואלט א זעלכע זאכען, וואס זענען פאר זיי אוננוצליך און קאנען אבער טויגען פאר אנדערע; דורך אזא פיהרונג ווערט די נאציע אָרעמער. וואס, אייגענטליך, טראכטען זיך די קויפלייט, די קאמי'ס? וואס פאר א אונטער־שיעד עס איז צווישען זיי און צווישען די קאמי'ס פון

יענעם באָסטאָן, וואָס איך האָב געזעהען אין חלום! די לעצטע דיענען די געזעלשאַפטס־אינטערעסען, וועהרענד די ערשטע טראַכטען נאָר וועגען פערזענליכען נוצען, זיי איז אַלץ־איינס וואָס פאַר אַ ווירקונג זייער פיהרונג וועט האָבען אויף דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד, זאָלען נאָר זייערע טייסטערס פול ווערען, ווייל די סחורה געהערט צו זיי אַליין, און וואָס מעהר זיי וועלען פערקויפען און מעהר לייזען — וועלען זיי בעקומען אַלץ מעהר פרנסה. וואָס מעהר דאָס פאָלק איז פערשווענדעריש, וואָס מעהר מען קאָן איהם אָנשטאָפּען אַרטיקלען, וואָס זענען פאַר איהם ניט נויטיג, אַלץ בעסער איז פאַר די פערקויפער. נאָר ריכטיג גערעדט, מוזען זיי אָבער אַזוי טהון, ווייל זיי זענען בעלעסטיגט מיט פאַמיליעס און מוזען זיי געבען חיונה. מען קאָן דאָך פון זיי ניט פערלאַנגען, זיי זאָלען שטאַרבען פון הונגער און וואַרטען, ביז עס וועט איינגעפיהרט ווערען אַזאַ אָרדנונג, ווי איך האָב געזעהען אין חלום, ביי וועלכער דער אינטערעס פון יעדען איינציגען און דער אַלגעמיינער זענען געוועזען איין און דערזעלבער. קאָן מען זיך דען וואונדערן, וואָס ביי אַזאַ סיסטעם איז די שטאָדט אַזוי ניט שען, די מענשען — אַזוי שלעכט געקליידעט און פיעלע פון זיי זענען הונגעריגע?

אַ ביסעל שפּעטער בין איך אַוועק אין מערב־זייט פון באָסטאָן און בין פערגאַנגען צווישען די פאַבריקען. פריהער בין איך זעהר שטאָלץ געוועזען, וואָס באָסטאָן האָט געהאַט ביז פיער טויזענד פאַבריקען; איצט אָבער האָב איך אַרויסגעזעהען, ווי אומבעדייטענד, ווי נישטיג עס איז אין אַלגעמיין דער סך־הכל פון זייער פּראָדוקציע: אויב די וואַשינגטאָנער גאַס האָט אויסגעזעהען ווי אַ משוגעים־הויז, האָט דאָס לעצטע בילד אויסגעזעהען נאָך מרה־שחורה׳דיגער: וועניג וואָס די פיעלע פאַבריקען האָבען ניט געאַרבייט צוזאַמען און האָבען דאַדורך אַליין געליטען אַ אונגעהייערען היזק, האָבען זיי נאָך דערצו אָנגעווענדט זייער גאַנצע קונסט איינע די אַנדערע צו פערהאַנגליקען. דאָס גאַנצע געריש און קלאַפּעריי, וואָס האָט זיך געהערט פון אַלע זייטען, איז געוועזען נישט דאָס זשומען פון אַ פריידליכער

אִינדוסטרִיע, נאָר אַנ׳עֶכטע קלִינגערַיי פון פײַנדלִיכע שווערדען. דִי אַלע געבײַדען האָט מען געקאָנט פערגלײַכען מִיט פעסטונגען, וואָס זענען אַרומגעשטעלט מִיט האַרמאַטען קענען דִי אִיבּריגע פאַבּרִיקען און ווערקשטאַטען, וועהרענד אונטער דער ערד האָבּען דִי סאַפּערען מִינִירט דִי שבנישע פעסטונגען. דִי פער־וואַלטונג אִין יעדער פעסטונג אִיז געוועזען א זעלבּסטשטענדִיגע; בּעזונדערע גרופּען האָבּען געאַרבּײַט אונטער דער אויפזִיכט פון זײַער צענטראַל־אָנפִיהרער, קײן אײנציגער האָט נִיט געהאַט דאָס רעכט זיך אַרײַנצומישען אִין זײַערע געשעפטען; יעדערער האָט געהאַט זײַן בּעשטִימטע אויפגאַבּע, און אַלע האָבּען געאַרבּײַט נאָך אײגענעם ווילען. פאַר וואָס געפִינט דִי רעגִירונג נִיט פאַר נויטִיג אָנצוווענדען דעם זעלבּען כּלל צו דער גאַנצער נאַציאָנאַלער אִינדוסטרִיע? אויבּ א שווערע אָרגאַניזאַציע האָט א שעדלִיכע ווירקונג אויף דִי אַרבּײַט פון א קלײנעם ווערקשטאַט, אִיז זִי דאָך פאַר דִי גאַנצע נאַציאָנאַלע אִינדוסטרִיע פִיעל געפעהרלִיכער און שעדלִיכער, ווײַל דִי לעצטע אִיז גרעסער און פערפּלאָנטערטער. שטעלט זיך פאָר, ווִי מען וואָלט אויסגעלאַכט, צ. בּ. ש., אַנ׳אַרמעע, וואָס אִיז נִיט אָרגאַנִיזִירט אִין בּאַטאַליאָנען, פּאָלקען, בּרִיגאַדען, דִיוויזיאָנען און קאָרפּוסען, בּײַ וועלכער דִי גרעסטע אָבּטײלונג בּעשטעהט פון אַ ראָטע און דער גרעסטער אָפִיצִיער אִיז אַ קאַפּראַל! און דִי אִינדוסטרִיע אִין בּאָסטאָן פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט אִיז טאַקִי געוועזען פונקט אַזאַ אַרמעע, וואָס אִיז בּעשטאַנען פון פִיער טויזענד זעלבּסטשטענדִיגע ראָטעס אִינטער דער אָנפִיהרונג פון פִיער טויזענד זעלבּסטשטענדִיגע קאַפּראַלען, פון וועלכע יעדערער האָט זיך געפִיהרט נאָך זײַן אויסגעאַרבּײַטען קרִיגס־פּלאַן. אומעטום האָט מען בּעגעגענט אונבּעשעפטִיגטע מענשען; אײנִיגע זענען אַרומגעגאַנגען לעדִיג, ווײַל זײ האָבּען אִיבּערהויפּט נִיט געקאָנט געפִינען קײן אַרבּײַט, אַנדערע — ווײַל דער אַרבּײַטסלוין אִיז געוועזען צו קלײן, און זײ האָבּען מִיט אִיהם נִיט געקאָנט לעבּען. אײנִיגע האָבּען מִיר אויסדערצעהלט זײַער שווער־בִּיטער האַרץ, נאָר איך האָבּ נִיט געהאַט מִיט וואָס זײ צו טרײסטען.

— איהר בעקומט קליינע שכירות, — האב איך געזאגט; — דאס איז אמת. נאר מיך וואונדערט ניט אזוי שטארק, וואס איהר בעקומט ביי אזא ארדנונג א קליין געהאלט; מיך וואונדערט נאך מעהר, וואס די פאבריקען קאנען אייך איבערהויפט צאהלען עפעס א געהאלט.

נאכדעם בין איך איועק צוריק אין צענטר פון שטאדט און האב נייגיעריג געקוקט אויף די באנקען, קאנטארען און אנדערע פינאנס-אנשטאלטען, וואס אין דעם נייען באסטאן איז פון זיי קיין זכר ניט געוועזען. פערשיעדענע געשעפטסלייט, שליחים און גאסענויונגלעך האבען זיך געשטופט אריין און ארויס, ווייל עס איז געבליבען נאך איינינע מינוט ביז'ן פערשליסען די קאנטאר. אויף דער צווייטער זייט גאס איז געוועזען א באנק, מיט וועלכער איך האב געפיהרט געשעפטען. איך בין אויך אריין מיט אלעמען צוגלייך און, בלייבענדיג הינטען, האב איך בעטראכט די גאנצע ארמעע בעאמטע, וואס האבען געארבייט ארום דעם געלד, און די לאנגע רייהען מענשען, וואס האבען געבראכט דאס געלד אריינצולעגען. דער דירעקטאר פון באנק, מיינער א בעקאנטער, איז צו מיר צוגעגאנגען און האט געזאגט:

— א אינטערעסאנטעס בילד, הער וועסט, ניט אמת? א וואונדערבארער מעכאניזם! פון מיין שטאנדפונקט קומט־אויס, אז א באנק איז דאס הארץ פון דעם געשעפטס־בעטריעב. פון איהר און אין איהר פליעסט שטענדיג דאס לעבענס־בלוט. איצטער פליעסט אריין; מארגען וועט עס צוריק ארויסרינען.

דעם אלטינקענס וויץ האט שוין איצטער ניט געמאכט אויף מיר אזא איינדרוק פון דער צייט אן, וואס איך האב זיך בעקענט מיט דעם נייען באסטאן, וואו איך האב געזעהען א סך מעהר רייכקייט, האטש קיין געלד האט איבערהויפט ניט עקזיסטירט. דארטען האב איך דערגאנגען, אז דאס געלד איז נויטווענדיג אין דער ארומיגער וועלט נאר דערפאר, וואס מען האט די גאנצע נאציאנאלע פראדוקציע ניט גערעכענט פאר א געזעלשאפטליכע זאך און מען האט זי איבערגעגעבען צו איינצעלנע פערזאנען. אט דער גרונד־פעהלער האט געבראכט צו

אונענדליכע געשעפטלעך; די געשעפטלעך האט מען געמאכט דורך געלד; אויף וויפיעל דאס איז ריכטיג, קאן מען זיך איבער־צייגען, מאכענדיג א שפאציערגאנג פון די ארעמע קווארטאלען ביז צו די רייכע; דערמיט האט זיך בעשעפטיגט א גאנצע ארמעע מענשען, וואס זענען געווארען אבגעצויגען פון פראדוקטיווער ארבייט, און אויסערדעם האט דער גאנצער געלד־מעכאניזם, זייענדיג שטענדיג אין געפאהר דורך די באנקראטען, פערדארבען דאס גאנצע מענשליכע געשלעכט, און דעריבער האט דאס געלד געהאט זיין ריכטיגען נאמען: „דער שורש פון אל־דאס בייז". ארעמער אלטער באנקיר! ער האט נעבעך פערזעהען און האט אנגענומען דאס צוקען פון א געשוואור פאר׳ן קלאפען פון א הארץ. דאס, וואס ער האט אנגערופען „וואונדערבארער מעכאניזם", איז געווען ניט מעהר, אלס א פוסטע פראבע צו פערבעסערן א פעהלער, וואס קאן לייכט בעזייטיגט ווערען; דאס איז ניט מעהר, אלס א גראבע קוליע פאר א קרומען, וואס האט זיך אליין געמאכט פאר א קאליקע.

ארויסגעהענדיג פון באנק, האב איך נאכהער א ווייլע ארומגעוואנדערט איבער די גאסען אין זיך ענדליך אוועקגעזעצט אין פארק, צו בעטראכטען דאס פארבייגעהענדע פובליקום.

אבער ווי פרעמד זיי האבען מיר אלע איצטער אויסגעזעהען! דרייסיג יאהר האב איך מיט זיי צוזאמען געלעבט און דאך האב איך קיינמאל ניט בעמערקט, ווי פערזארגט עס זענען ביי אלעמען געוועזען די פנים׳ער: ביי רייכע און ארעמע, ביי געבילדעטע און אונוויסענדע. און עס איז גאר קיין וואונדער ניט. וויל איך האב איצטער איינגעזעהען, אז אלעמען האט נאר געדרעהט דער קאפ וועגען מארגענדיגען טאג, אפילו ווער עס האט געהאט א קאפיטאל, האט גע׳דאג׳עט, טאמער וועט ער איהם שוין מארגען ניט האבען. ווי די אונבעוואוסטהייט אליין וואלט זיי אלעמען געשושקעט: „ווי דו זאלסט ניט ארבייטען, ווי פריה דו זאלסט ניט אויפשטעהן, ווי שפעט אין דער נאכט דו זאלסט ניט הארעווען, ווי קונציג דו זאלסט ניט גזל׳ענען, ווי ריכטיג דו זאלסט ניט דינען, — וועסט די דאך זיך ניט קאנען פערזארגען

מיט לעבענסמיטלען! היינט ביזט דו רייך, און מארגען קאנסטו ווערען א בעטלער. וואס פאר א רייכטימער דו זאלסט ניט לאזען נאך זיך פאר דיינע קינדער, קאנסטו אלץ ניט זיין בעזיכערט, אז דיין זוהן וועט ניט ווערען א דינער ביי דיין דינער אדער אז דיין טאכטער וועט ניט אויסקומען זיך צו פערקויפען פאר א שטיקעל ברויט״.

אין דער זעלבער צייט האט מיר איינער א פארבייגעהער ארייגעשטופט אין האנד א רעקלאם־קארטע וועגען א נייער ארט לעבענס־פערזיכערונג. איך האב זיך דערמאנט אן דאס איינציגע מיטעל, דורך וועלכעס די ארעמע און פערמאטערטע מענשעלעך האבען זיך וועניגסטענס א ביסעל געקאנט שיצען פון דער אונזיכערהייט, — דאס איז די לעבענס־פערזיכערונג, דורך וועלכע די פערמעגליכע האבען זיך געקאנט פערזיכערן, אז נאך זייער ערטויט וועלען זייערע קינדער לכל־הפחות אויף א לאנגע צייט ניט זיין אין געפאהר צעטראטען צו ווערען אונטער פרעמדע מענשען. אבער ווי ווייט איז דאס געוועזען פון דער ריכטיגער לעבענס־פערזיכערונג, וואס איך האב געזעהען ביי די איינוואהנער פונ׳ם נייען באסטאן, וואו יעדער בירגער, אלס א מיטגליעד פון דער גרויסער נאציאנאלער פאמיליע, איז געוועזען פערזיכערט פון נויט דורך א פאלים, וואס איז אונטערגעשריבען פון הונדערטע מיליאנען מיט־בירגער!

אוועגד־צייט זענען די גאסען פול געווארען מיט די ארבייטער פון די מאגאזינען, ווערקשטאטען און פאבריקען. די מאסע האט, שטופענדיג, מיך פערטראגען אין רעכטען שמוץ, וואס דער ארבייטער־קווארטאל האט נאר געקאנט פארשטעלען. איך האב שוין פריהער גענוג געזעהען די אונזיניגע פערשווענדונג פון מענשליכער ארבייטס־קראפט, נאר דא האב איך יעצט אין א זעהר העסליכער געשטאלט דערזעהען די נויט, וואס די פערשווענדונג האט אנגעמאכט.

דורך די פערשווארצטע טירען און פענסטער פון די קעלער־שטיבער האט געשלאגען א שלעכטער גערוך; די גאסען און געסלעך זענען געוועזען שמוציג, ווי די דעק פון א שקלאפען־

שיף. פארביינעהענדיג, האב איך דערזעהען בלייכע, שוואכע קינדער, וואס פערברענגען זייערע יאהרען אין שטינקעדיגע לעכער; פרויען, וואס פון זייערע געזיכטער איז פערשוואונדען יעדער האפנונגס־שטראהל דורך די אונגעהייער שווערע ארבייט און ביי וועלכע פון אלע פרויען־אייגענשאפטען איז נאר די שוואכקייט פערבליבען; איך האב געזעהען אונפערשעמטע מיידלעך, וואס האבען ארויסגעקוקט דורך די פענסטער... ווי הונגעריגע, פערווילדעטע הינד אויף די גאסען פון די טערקישע שטעדט, אזוי האבען דא א קאמפאניע פון האלב נאקעטע, פערווילדעטע קינדער פערהילכט די לופט מיט זייערע געשרייען און קללות, שלאגענדיג זיך איינער מיט'ן אנדערן און קייקלענדיג זיך אין מיסט, וואס האט פערפילט די הויפען. מיינט ניט, אז דאס איז ביי מיר געוועזען א נייעס. איך האב דאס פריהער אויך געזעהען, נאר איך פלעג קוקען אויף אזעלכע סצענען מיט עקעל און א ביסעל מיט א פילאזאפישער בעוואונדערונג. אבער נאך מיין וואונדערבארען חלום האב איך אויף קלאר דערזעהען ניט בלויז די עקאנאמישע נארישקייט פון יעצטיגען יאהרהונדערט, נאר אויך זיין מאראלישע פערדארבענהייט. איך האב שוין מעהר ניט געקוקט אויף מענשען ווי אויף אונגליקליכע בעשעפענישען, כמעט אונמענשליכע; פערקעהרט, איך האב אין זיי דערזעהען מיינע ברידער און שוועסטער, מיינע עלטערען און קינדער, מיין אייגען בלוט און פלייש. זייער שרעקליכער עלענד האט ווי מיט מעסערס געשניטען מיין הארץ, און איך האב בשום אופן ניט געקאנט זיך אבהאלטען פון זיפצען און קרעכצען.

נאר בין איך דען געוועזען בעסער פון זיי? איך בין דאך אויך געוועזען א עגאאיסט! איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז עס זענען דא א זעלכע אונגליקליכע, און פון דעסטוועגען בין איך מיר געגאנגען מיין וועג, טראכטענדיג נאר פון מיינע אייגענע נוצען און פערגעניגען. איצטער האב איך ערשט דערזעהען אויף מיינע בגדים בלוט־פלעקען פון די פיעלע דערשטיקטע נשמות פון מיינע ברידער. זייער בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד, פונקט ווי א מאל צו קין'ן: וואס האסטו מיט דיין ברודער הבל'ן געטהון!

ווי לאַנג דער דאָזיגער צושטאַנד מײַנער האָט געדויערט, חיים איך ניט; איך געדענק נאָר, אז איך האָב זיך, ענדליך, געפינען ביי מיין כּלה׳ס הויז, ניט וויסענדיג, ווי אַזוי איך בין אהער געקומען. מען האָט מיך פערבעטען צו מיטטאָג. אויסער זייער משפּחה, זענען געוועזען נאָך אַ סך פרעמדע. דער ט״ש האָט געבלאַנקט מיט זילבער־געפעס און טייערע פּאָרצעלאַן; די דאַמען זענען געוועזען פּרעכטיג געקליידעט און בעפוצט מיט בריליאַנטען. דאָס איז געוועזען אַ בילד פון העכסטען פּער־שווענדערישען לוקסוס. די גאַנצע געזעלשאַפט איז געוועזען לוסטיג, און דעריבער, בעמערקענדיג אז איך בין פערטראַכט, האָבען אַלע אָנגעהויבען פון מיר צו לאַכען. מיר, ווידער, האָט זיך געדוכט, אַז איך בין געקומען פון אַ לאַנד, וועלכען עס איז בעשערט אומצוקומען, וואו מיין בלוט איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין טרערען און מיין הארץ איז פערפולט געוואָרען מיט טרויער, מיטלייד און פערצווייפלונג — און פּלוצלונג האָב איך אין עפּעס אַ געסעל אָנגעטראָפען אַ פרעהליכע קאָמפּאַניע ליצים. איך בין געזעסען און האָב געשוויגען. די ערשטע האָט אָנגעהויבען יהודית: וואו בין איך געוועזען און וואָס האָב איך אַזוינס געזעהען, וואָס איך בין אַזוי פערצאָרנט?

— איך בין אויף גלגלתּא *) געוועזען, — האָב איך ענדליך געענטפערט, — און האָב געזעהען, ווי די מענשהייט מאַטערט זיך אויפ׳ן קרייץ. ווי אַזוי קאָנט איהר לעבען אַ גוטען טאָג אין דער צייט, וואָס ביי אייערע טירען פיהרט אַ אונגעהייערע מאַסע פון אונגליקליכע פרויען, מענער און קינדער אַזאַ לעבען, וואָס איז דורכאויס פערפולט מיט צרות און ליידען פון וויעג ביז׳ן קבר? קוקט זיך אַרום, ווי איהר זענט אין דער וועלט! האַלט־איין אייערע פרעהליכע אויסגעשרייען! זיי וואָהנען אַזוי נאָהענט פון איך, — איהר וועט באַלד דערהערען זייערע שרעקליכע שטימען: דאָס קלעגליכע געוויין פון עופ׳עלעך, וואָס ווערען ערצויגען אין דחקות, די קרעכצען פון פרויען און די קללות פון

*) דער אָרט, וואו מען האָט קריסטוס׳ן געטויט; מען האָט איהם צוגעשלאָגען מיט טשוועקעס פאַר די הענד און די פיס צו אַ הילצערנעם צלם.

טענער, וואס זענען פון ארעמקייט געווארען פערווילדעטע חיות. שטענדיג הער איך נאר די דאזיגע קולות...

אלע זענען פערשטומט געווארען, נאר אויף קיין איינציגען געזיכט האב איך ניט בעמערקט קיין סימן פון אויפרעגונג; אויף זייערע פנימ׳ער האט זיך אויסגעדריקט א מין קאלטע, אומברחמנות׳דיגע בעוואונדערונג; ביי יהודית׳ן האט זיך עס איבערגעמישט מיט א טיעפער קרענקונג און ביי איהר פאטער — מיט צארן. די דאמען, ווי עס שיינט, זענען שטארק בעלעדיגט געווארען, און איינער פון די הערען האט אויף מיר אנגעשטעלט זיין בריל, אום אויסצושטודירען, וואס פאר א מין בריאה איך בין, די ערשטע מינוט האט מיך זייער גלייכגילטיגקייט און שפאט איבער דאס, וואס האט מיך אזוי אויפגערעגט, שטארק צעטומעלט, נאר נאכהער איז אויף מיר אנגעפאלען א שרעקליכער אומוט און פערצווייפלונג.

„ווי קאן דאס זיין, — האב איך געטראכט — אז א זעלכע אונגליקען זאלען ניט ריהרען אפילו א זעלכע דענקענדע און געפיהלפולע מענער און פרויען! דאס מוז זיין דערפאר, אפשר, וואס איך האב זיך גענומען פאר די זאך ניט ווי געהעריג. זיי זענען אויף מיר אין כעס, ווייל זיי מיינען, אז איך זידעל זיי, אבער איך, איין גאט ווייסט דעם אמת, — האב נאר גערעדט פון רייגעם אמת און האב גאר ניט געוואלט זיי בעשולדיגען, אז זיי דוקא זענען דער פאר פעראנטווארטליך”.

— איך האב דעריבער אנגעהויבען רעדען גאנץ רוהיג און לאגיש, כדי אבצושוואכען דעם פריהערדיגען איינדרוק, איך האב זיי געזאגט, אז איך האב גאר אין זינען ניט געהאלטען זיי צו בעשולדיגען אין דעם אלגעמיינעם אונגליק. איך האב זיך נאר געפלייסט זיי צו בעווייזען, אז מיט דעם איבערפלוס, וואס זיי פערשווענדען, וואלטען פיעלע אונגליקליכע געקאנט געהאלפען ווערען. אט די טייערע שפייזען, די טייערע ווייגען, די הערליכע בגדים און בליצענדע רינגען און קייטען פון גאלד און בריליאנטען — דאס אלעס וואלט געקאנט דערלייכטערן די ליידען פון די ארעמע נפשות, שטרענג גערעדט, וואלט דערפון

נעוועזען זעהר א קליינע פעולה, ווייל דער עלענד איז איצט אזוי שרעקליך אויף דער וועלט, אז אפילו ווען די גבירים וואלטען איינגעשטימט צו צוטיילען זייער פערמעגען אויף גלייכע חלקים מיט די ארעמעלייט, וואלט קיינעם גאר נישט אנגעקומען. די הויפט־אורזאך פון דער וועלט־ארעמקייט איז ניט די הארט־הערציגקייט, נאר די נארישקייט פון די מענשען. איך האב זיי בעוויזען, אז פיער פינפטעל פון דער מענשליכער ארבייטס־קראפט ווערען פולשטענדיג פערשווענדעט אומזיסט דורך דעם געגענזייטיגען קאמפף, איבער דעם, וואס די ארבייט איז נישט ארגאניזירט, ווי געהעריג איז. פאר א משל האב איך געבראכט א אונפרוכטבארעס לאנד, וואו די ערד גיט לעבענסמיטלען נאר ביי גוטער בעפייכטונג. די הויפט־אויפגאבע פון דער רעגיערונג אין א זעלבע לענדער איז נאר צו זארגען, דאס וואסער זאל איבער עגאאיסטישע צוועקען אדער איבער די אונוויסענהייט פון איינצעלנע פערזאנען ניט פערשווענדעט ווערען אומזיסט, ווייל אויב ניט מוז ווערען א הונגער אין לאנד. צוליעב דעם ווערט זעהר שטרענג פערבאטען איינצעלנע פערזאנען צו שעפען פון די וואסער־קוואלען נאכ'ן אייגענעם ווילען. די מענשליכע ארבייטס־קראפט, האב איך ערקלערט, איז דער פרוכטבארער שטראם, וואס נאר צוליעב איהם איז מעגליך צו לעבען אויף דער ערד. נאר אום מען זאל איהם קאנען געברויכען, מוז ער אונבעדינגט פליסען נאך א געוויסען סיסטעם; עס מוז איינגעארדענט ווערען, אז יעדער טראפען זאל פערוועגדעט ווערען מיט שכל, מיט א פעולה, אט דעמאלט קאן די וועלט לעבען אין תענוג. אין דער אמת'ן זעהען מיר, אז מען טהוט פונקט פערקעהרט: יעדערער טראכט נאר וועגען זיך אליין און פערשווענדעט די בעסטע פייכטקייט, ווי איהם געפעלט, כדי דעם אייגענעם שניט צו פערזיכערן און בעסער צו פערקויפען די אייגענע תבואה ביי אזא עגאאיזם און קנאה ווערען מאנכע פעלדער פערטרונקען, אין דער צייט וואס אנדערע זענען אויסגעטריקענט, אין אזא לאנד, נאטירליך, איז דאס לעבען פון דער מעהרהייט זעהר א טרויעריגעס, און נאר א קליינעם הייפעלע מענשען גיט זיך איין, דורך כח און שווינדעל,

הַנָאָה צו האָבּען פון לעבּען. נאָר אויב די נאַציאָ אַליין וואָלט אויף זיך גענומען די אויפגאַבּע דאָס וואַסער רעגעלמעסיג צו פערטיילען, וואָלט די גאַנצע ערד געבּליהט, ווי אַ גאָרטען, און קיינעם פון איהרע קינדער וואָלט ניט אויסגעקומען צו ליידען.

נאָכדעם האָב איך געשילדערט די הויכע גייסטיגע און מאָראַלישע ענטוויקלונג, צו וועלכער די מענשהייט וואָלט דעמאָלט דערגרייכט. איך האָב גערעדט מיט היץ פון יענער נייער וועלט, וועלכע איז געבּענשט געוועזען מיט איבערפלוס, גערייניגט דורך גערעכטיגקייט און בּעגליקט דורך בּרידערליכע ליעבּע.

יעצט האָב איך שוין געמיינט אויף זיכער, אַז איך האָב דערגרייכט מיין ציעל, נאָר, פערקעהרט, זיי זענען נאָך בּייזער געוואָרען. אַנשטאָט בּעגייסטערט צו ווערען, האָט די גאַנצע געזעלשאַפט אָנגעהויבּען אויף מיר צו שרייען מיט שרעק און פעראַכטונג: „מְשוּגע'נער!" „מענשענפיינד!" „פאַנאַטיקער!".. דער דזשענטעלמען (איידעלמאַן), וואָס האָט אויף מיר געקוקט דורך אַ בּריל, האָט אויסגעשריגען: איהר הערט, ער זאָגט, אַז בּיי אונז זאָלען מעהר קיין אָרעמע לייט ניט זיין! חאַ, חאַ, חאַ!"

— וואַרפט דעם מענשען אַרויס! — האָט אויסגערופען דער פאָטער פון מיין כַּלָה, און אַלע געסט זענען אויפגעשפּרינגען פון זייערע שטוהלען און האָבּען מיר געהייסען אַרויסגעהן.

מיין האַרץ האָט זיך געריסען פון שמערצען, ווען איך האָב איינגעזעהען, אַז איך האָב מיט קיין זאַך ניט געקאָנט איבּערצייגען אָט די מאַסע מְשוּגָעים. מיין האַרץ האָט אַזוי געפּלאַמט, אַז איך האָב געגלויבּט מיט זיין היץ צו צעשמעלצען גאַנצע אייז־בּערג, נאָר אָנשטאָט דעם האָב איך געשפּירט, אַז אַ שרעקליכע קעלט האָט דורכגענומען מיין גאַנצען קערפּער. ניט קיין שִׂנְאָה האָב איך צו זיי געפיהלט, נאָר רַחֲמָנוּת; ניט קוקענדיג אויף מיין פערצווייפלונג, האָב איך פון דעסטוועגען זיך ניט אונטערגעגעבּען און מיט זיי זיך געראַנגעלט. טרערען האָבּען גענומען פליעסען פון מיינע אויגען און צו'ם סוף האָב איך פון גרויסער אויפרעגונג ניט געקאָנט אויסרעדען קיין וואָרט. איך האָב געקרעכצט,

געקלאָגט , געזיפּצט .... און נאָכהער , איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי, האָב איך זיך דערזעהען אויפ'ן בעט אין מיין שלאָפצימער ביי דעם דר. ליט, וואוהין די הערליכע שטראַהלען פון דער זון האָבען אַריינגעשיינט דורך דאָס אָפענע פענסטער. מיין געזיכט איז פייכט געוועזען פון טרערען און מיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט.

אַקוראַט ווי עס איז צו'ם מוט אַן'אַנטלאָפענעם אַרעסטאַנט, וועלכען עס חלומ'ט זיך, אַז מען האָט איהם ווידער געחאַפּט און צוריק געפיהרט אין די פינסטערע פעסטונג, נאָר פּלוצלונג ערוואַכט ער און איבערצייגט זיך, אַז ער איז פריי, — אַזוי האָב איך זיך געפיהלט, בעת איך האָב זיך איבערצייגט, אַז מיין צוריקקעהרען אין דאָס נייַנצעהנטע יאָהרהונדערט איז געוועזען נאָר אַ חלום, און מיין לעבען אין'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט איז די ווירקליכקייט.

די גרויזאַמע סצענען, וואָס איך האָב בייגעלעבט אין חלום און וועלכע איך האָב געקאָנט בעשטעטיגען דורך די ערפאַהרונגען פון מיין פריהעריגען לעבען, זענען שוין, גאָט צו דאַנקען, אויף אייביג פערשוואונדען געוואָרען, און דאָך די בלויזע ערינערונג אָן זיי דאַרף אַרויסרופען מיטלייד'ס־טרערען. שוין לאַנג זענען די אונטערדריקער און אונטערדריקטע, די נביאים און אָבשפּעטער אויף אייביג אַנטשלאָפען געוואָרען. די ווערטער „רייך" און „אָרעם" זענען שוין לאַנג פערגעסען געוואָרען און פון געברויך אַרויס. נאָר אין דער צייט, וואָס איך בין געוועזען פערזונקען אין די רעיונות און נאָך געדאַנקט פאַר די וועלט־בעפרייאונג, האָב איך פּלוצלונג דערשפּירט אַ שטאָך אין האַרצען פון חרטה, שאַנדע און פאָרוואורף צו זיך אַליין. איך האָב אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ אויף די ברוסט און זיך געוואונשען, אַז אונטער מיר זאָל געעפענט ווערען אַ קבר און מיך בעדעקען צוזאַמען מיט מיינע צייט־גענאָסען. איך בין דאָך אַליין אויך געוועזען אַ מענש פון יענער צייט! וואָס האָב איך געטהון פאַר די וועלט־בעפרייאונג, פון וועלכע איך וויל איצט געניעסען? בין איך דען אַליין אויך ניט געוועזען אַזוי גלייכגילטיג צו דעם

עלענד פון מיינע אונטערדריקטע ברידער און ניט געשעצט די פינסטערע ארדנונג, ווי מיינע צייט־גענאסען? וואס אנבעלאנגט צו מיין אייגענער טהעטיגקייט, האב איך מיך גיכער בעמיהט די בעפרייאונג, וואס האט זיך ערשט דעמאלט צוגעגרייט, אבצוהאלטען, איידער זי צו פערוווירקליכען. וואס פאר א רעכט האב איך, דעריבער, געהאט צו בעגריסען די נייע וועלט, וואס איז פאר מיר געוועזען א פאָרוואורף, און זיך צו פרעהען מיט דעם גליקליכען טאג, וואס זיין בעגינען האב איך אויסגעלאכט?

„בעסער וואלט פאר דיר געוועזען, — האט אין מיר גערעדט א שטימע, — ווען דער בייזער חלום וואלט געוועזען די ווירקליכקייט און די ווירקליכקייט — א חלום! עס וואלט פאר דיר געוועזען א שענערע אויפגאבע צו פערטיידיגען די ליידענדע מענשהייט קעגען דעם חוזק־מאכענדען דור, איידער זיך צו בענוצען מיט אלע פערגעניגען, וואס דו האסט ניט פערדיענט, צו טרינקען פון די קוועלען, וואס דו האסט ניט געגראבען, צו עסען די פרוכטען פון די בוימער, וועלכע דו האסט ניט נאר ניט געפלאנצט, נאר אויך מיט שטיינער בעווארפען“. און מיין גייסט האט געענטפערט: „אמת, אזוי וואלט בעסער געוועזען“.

ווען איך האב ענדליך אויפגעהייבען דעם קאפ און א קוק געטהון אין פענסטער, האב איך דערזעהען יהודית'ן, וואס איז געקומען אין גארטען נאך בלומען. איך בין ארויסגעשפרינגען פון צימער און, וואַרפענדיג זיך פאר איהר אויף די קניע, האב איך מיט טרערען מודה געוועזען, ווי ווענינ ווערט איך בין צו עטהעמען פון דער לופט פון גאלדענעם יאהרהונדערט, און נאך ווענינער — צו טראגען אויף מיין ברוסט זיין שענסטע בלום.

גליקליך איז דער, ווער עס געפינט אין אזא פערצווייפעלטער לאגע אזא דערבארמדיגען ריכטער, ווי זי!

# ענדע.